STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00598

GEVEN IZ A MENTSH

Yaakov Ziper

Permanent preservation of this book was made possible by
Deborah & Michael Troner
in memory of
Joseph Troner and Yussel Ben Avram Zvi

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געווען איז א מענטש

פינף מעשות
פונעם לעבן
פון ר' ישראל בעל-שם טוב.
=דער בעש"ט=

פון

יעקב זיפּער

מאנטרעאל = ה'תש"א

COPYRIGHT 1940, BY J. ZIPPER

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון חברים.

שער בלאַט און נעמען פון מעשות
געצייכנט פון יחיאל שיינבלום.

געדרוקט אין
ארטיסטיק פרינט שאפ
מאָנטרעאַל, אָקטאָבער, 1940
42

PRINTED IN CANADA

מיין טאַטן און לערער ר׳ אברהם
און מיין מאַמען גיטל — אַ מתנה.

איידער איך הייב אָן דערציילן—

● ● ●

זעקס און דרייסיק איז די צאָל פון די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט.

קיינער ווייסט נישט וואו זיי געפינען זיך, וואס זיי טוען און ווי אזוי זיי הייסן, אבער ס׳איז דעם מענטש געגעבן געווארן ער זאל זיך קענען פאָרשטעלן זייער אויסזען און מעגן טראַכטן וועגן זייערע מעשים.

זיי זיינען אלעמאל צווישן אונדז און זעען אלץ, אבער קיינער קען זיי נישט זען. זיי פאַרבאָרגן זיך נישט, — זיי זיינען פאַרבאָרגן.

יעדער דור האָט זיך זיין פולע צאָל זעקס און דרייסיק פאַרבאָרגענע, אז נישט וואלט די וועלט חס ושלום קיין קיום נישט געהאט. אבער קיינער קען קיין איינעם נישט פון זיי, ווייל ס׳איז א סכנה פאר זיי און פאַר אונדז, אַז זיי זאָלן נתגלה ווערן און יעדער איינער זאָל קענען קומען צו זיי און פרעגן קשיות און נאך הלילה מתרעם זיין אויפן סדר פון דער וועלט וואס זיי האלטן אונטער.

זיינען זיי דערפאר פאַרהוילן פון אונדזערע אויגן, און נישט מיר זעען און נישט מיר ווייסן ווען זיי אליין שטעלן די גרעסטע קשיות און רירן אָן די אָפנסטע וואונדן; מיר ווייסן אויך נישט דעם ענטפער וואס עס ווערט זיי געגעבן כדי זיי זאָלן שווייגן אין פארבארגעניש.

נאר אמאל אין נעכט פון גרויסן בענקען, ווען נעפלען הילן איין וואלד און פעלד, בארג און טאל, און אויפן הויך פון שפיגלדיקע טייכן בליאסקען די שטערן ווי אָקסן-אויגן פאר דער שהיטה, — דאן שטעקט אַרויס אַ מענטש זיין קאָפּ פון בוידעם אָדער קעלער-שטיבל און גלאָצט און גאָפט אין דער נאַכט אַריין.

ווער ווייסט, אפשר איז עס ער? אפשר איז ער איינער פון זיי? ווייל מ׳זאָגט, אז זייער אָפט און אפשר אלעמאל, — ווייסן זיי אליין נישט ווער זיי זיינען, ביז וואַנען ס׳קומט אָן די שעה פון גרויסן צער און בענקען און סכנה.

און זייער ווייניק קענען איבערטראָגן די רגע פון דערוויסן זיך ווער מ׳איז און בלייבן לעבן. בעט מען אלעמאל אויף דער גרויסער רגע, זי זאָל קומען און א בלישטש טאָן ווי די ערשטע זון-שטראל צווישן

די פרימאָרגן נעפּלען; גאָרט מען, זי זאָל אַ בלאַנק טאָן מיט גאָרן חסד ווי דער שמייכל פון אַ וויג־קינד אין חלום.

קומט אַמאָל די רגע, שטייט מען פאַרטייעט און מ׳ווייסט נישט: איז עס איך? בין איך עס טאַקע אַליין און איך לעב נאָך אַלץ? האַ?

איז אפשר טאַקע בעסער אַזוי, אַז דער וואָס איז געווען פאַרבאָרגן און האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרטייעטקייט, זאָל נישט זיין מער צווישן די לעבעדיקע, — זיינע אויגן זיינען צו אָפן, און אין זיינע אויערן צופיל קלאַנג פון ריין ליכט.

איז אונדז אויך בעסער מיט אונדזער האָפן, לייכטער מיטן גלויבן, — אַז ערגעצוואו אין פאַרבאָרגעניש זיצן זיי די זעקס און דרייסיק און האַלטן אונטער די וועלט; ווייל אַז די שעה זאָל נישט זיין, ס׳קומט אַ גרויסע צרה אויף דער וועלט און אויפן פאָלק ישראל, ציטערן און צאַפּלען די פאַרבאָרגענע: „די וועלט איז אין צער, וויפל איז דער שיר פאַרבאָרגן צו זיין?"

שלייכן זיי זיך אַרויס פון פאַרבאָרגעניש און שלייען אַרום אין די גאַסן און הינטער־גאַסן. קוקן אַלץ און אַלעמען אין די אויגן אַריין: „ביסטו עס? ביסטו איינער פון זיי? וואָס זשע וועט זיין דער תכלית פון באַהאַלטן זיין?"

דעם ענטפער הערט מען נישט. אפשר דערפאַר וואָס אונדזערע אויערן זיינען פאַרשטאָפּט, און אפשר דערפאַר ווייל קיינער האָט נאָך אַזאַ איינעם פנים אל פנים נישט אָנגעטראָפן. מ׳זוכט זיי נאָך אַלץ, און ביז מ׳וועט זוכה זיין צו געפינען, טרייסט מען זיך דערווייל מיט דערציילן מעשות פון אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף קיין ענטפער און — האָבן זיך אַליין אַנטפּלעקט און זיינען אַוועק פון דער וועלט, און פון אַזעלכע וואָס האָבן זוכה געווען אַנטפּלעקט צו ווערן און דאָך געבליבן לעבן אויף אייביק צווישן מענטשן.

איז אַוודאי אַ גרויס צער אויף די, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו בלייבן לעבן צווישן מענטשן נישט פאַרשטעלטערהייט, און ס׳איז אַוודאי אַ רחמנות אויף אונדז וואָס מיר זיינען נישט זוכה צו דער־קענען זיי; לאָמיר זשע אָבער זיך טרייסטן מיט דעם וואָס מיר קענען הערן און דערציילן אַ מעשה, און זאָל אונדזער האַרץ תמיד פול זיין מיט פרייד וואָס מיר קענען אויך דערציילן וועגן אייניקע וואָס האָבן יאָ זוכה געווען.

* * *

ווען איינעם אַ מענטש וואָס האָט זוכה געווען צו בלייבן לעבן צווישן מענטשן אויך נאָכן דערוויסן זיך ווער ער איז, האָב איך אויסטערלישע מעשׂות געהערט. און כּמעט די מעשׂות זיינען אַ סך און מ׳קען גאַנצע ספרים מאַכן פון זיי, האָב איך דערוויל אויסגעקליבן צו דער־ציילן נאָר עטלעכע פון זיי, ווייל אויסדערציילן אַלץ ווען אַ מענטשנס לעבן וועלן מיר סיי ווי נישט באַווייזן, און — ווייל מיר גלויבן, אַז אפילו אין אַן איינציקן טראָפן שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע זון. און אויב ס׳איז פאַר וועמען וויניק, בעטן מיר אים ער זאָל אַליין ווייטער טראַכטן און אַליין זיך דערציילן אַ מעשׂה ווי ער קען און ווי ער פאַרשטייט. צו אונדז, זאָל ער קיין טענה נישט האָבן, מיר דערציילן נאָר דאָס וואָס מיר אַליין האָבן געהערט און זיך אַליין דערציילט אַמאָל מיט יאָרן צוריק, ערגעץ אין אַ קליין שטעטל ביים ברעג פונעם טייך „הוטשווע", אין לאַנד פּוילן.

ס׳איז אונדז היימלעך געווען דאָרט און וואַרעם. די פענצטער פון אונדזער הויז האָבן פון פאָרנט אַרויסגעקוקט צו אַ שמאָל ליקל, וואָס האָט געפירט צום ברייטן קיילעכדיקן מאַרק־פּלאַץ. און די פענצטער פון לעצטן צימער פון אונדזער הויז האָבן אַראָפּגעקוקט צום „הינ־טערן־וואול", וואוהין דאָס גאַנצע געסל האָט דאָס מיסט געטראָגן.

האָבן אָבער דאָרט אויך געוואוינט אפרים דער בעקער, מעכעלע שוסטער, משה סטעלמאַך מיט די קרומע פיס, אָרע שטריקנדרייער און לייביש וואַסערטרעגער מיט דער קופּערנער באָרד. האָט דאָרט אויך געשמעקט מיט פרישע פּלעצלעך, מיט שאַרפן ריח פון נאָר וואָס אָפּגעשיילטע קאָרע, מיט גאַנצע זעק ציבעלעס און קרויט; און דער ווייטער וואַלד האָט אויך אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו אונדזערע פענצ־טער מיטן ריח פון סאָסנעביימער און שלאָף־עפּעלעך. שוין נישט צו רעדן פון די גויאישע גערטנער, וואָס האָבן שבועות־צייט אויך אונדז פאַרגונען אַביסל נחת פון פריש גרינס; און יעדן פרימאָרגן ווען מיר זיינען געגאַנגען אין „שטיבל" אַריין לערנען און תהילים זאָגן, איז מען אונדז אַנטקעגן געגאַנגען מיט פולע קאַנען וואַסער און אַ וואַרעמען גוטמאָרגן.

דאָס שטעטל איז אַן אַלטס. כּמעט שוין צענדליקער מאָל איבערגעבויט געוואָרן, איז עס נאָך אַלץ אַרומגערינגלט פון דעם זעלבן טייך, און פון יעדער שׂרפה און צרה איז געבליבן אַ ירושה לדורות, — אַ מעשׂה צום הערן און טראַכטן פאַר זיך און פאַר יענעם.

אלט איז מיין שטעטל טישיוויץ, — זייער אַלט. אַ סך עלטער פון דער עלטסטער שול אין לאַנד. און דאָס בלאָט פון גרויל און פּיין, וואָס זי און אירע קינדער האָבן איבערגעטראָגן — איז אַ סך גרעסער און לענגער פון די לאַנגע בריקן איבער אירע וואַסערן וואָס לויפן צום גרויסן ים.

איינע פון די „תשעקהילות״ איז זי. דער צורר כמעלניצקי ימח שמו, האָט זי באַלאַגערט. אירע קינדער און פרנסים,—זיינען שוין נישט איינמאָל געשאָכטן געוואָרן פון צוררים אויסגעשטרעקטע האַנט. אויף די זאַמדן הינטער דער שטאָט, האָט ר׳ אהרון „קאַזאַק״ מיט די יונגען פון דער גאַרבאַרניע גאַס אָפּגעהאַלטן דעם צוררס מחנות. דער רויטער שטיין אויפן אַלטן בית־עולם איז אַן עדות דערויף. דאָרט ליגט אויך איינער פון די פאַרבאַרגענע צדיקים*, וואָס איז נאָך דער רגע פון התגלות אַוועק פון דער וועלט אין אַ האַרבסטיקן פריטיק פאַרנאַכט.

אַ לאַטוטניק איז ער געווען און געוואוינט אויפן בערגל נישט ווייט פון אונדז. ווי גרויס איז דען דאָס גאַנצע טישיוויץ? — דאָרט, איז אומעטום נאָענט פון אונדז. און ווי ווייט בין איך דען פון מיינע זיידעס וואָס האָבן אים געקענט?

מיינע זיידעס האָבן אים געקענט און נישט געוואוסט ווער ער איז. זיי האָבן זיך געלאָזט פון אים לאַטעס לייגן און אים באַצאָלט מיט אַ דרייער און אַ פּוילישן גראָשן. קוק איך אויף מיין מאַנטל וואָס איז איבערגעניצט געוואָרן פון מיין עלטערן ברודערס קאַפּאָטע, וואָס איז אַליין אויך נאָר אַ זכר פון אַן אַמאָליק מלבוש. ווער ווייסט, אפשר רוט נאָך אויף דעם יענעמס גלעט? דעם לאַטוטניקס בליק?

אַזוי האָב איך געהערט און נאָכגעטראַכט אין מיין היים. כ׳גלייב אַז כ׳בין נישט געוועזן דער איינציקער אין דעם. אין גאָר אַ סך יידישע שטעטלעך האָבן אַזעלכע לאַטוטניקעס זיך געשלייכט האַרט ביי די ווענט און אויסגעגאַנגען אין גרויס צער פונקט פאַר סאַמע ליכט צינדן. און אין גאָר אַ סך יידישע היימען האָבן קינדערלעך געצי־טערט און געפּלאָטערט אין די טינטיק שוואַרצע נעכט פון טריבן האַרבסט: „ווער ווייסט, אפשר טראָגן זיך שוין מיט די קרומע רעגנס די לייכטע טריט פונעם בשורה־זאָגער? ווער ווייסט, אפשר ווען מיר זאָלן טאַקע באמת צוטרעפן צו דער ריכטיקער רגע, קען יעדער איי־

* לויט דער לעגענדע איז ער געווען משיח בן יוסף, נאָר ווען דעם רשל״ס תלמידים זיינען געקומען צו אים איז ער נפטר געוואָרן.

נער פון אונדז זוכה זיין? ווער ווייסט, אפשר איז ער שוין צווישן אונדז? אַט לאָמיר זיך נאָר גוט איינהערן וואָס די באָבע דערציילט און וואָס דער קאַגאַניק* טוקט אוים מיט זיין טונקעלען פלאָם. אפשר וועלן מיר דערהערן! האָט דאָך ר' יחזקאל דער „מעמדות-ייד**" אַליין איבערגעגעבן, אַז דער בעש"ט האָט געהערט, אַז ווען די אמתע רגע וועט קומען וועלן אַלע הערן. אפשר קומט זי שוין די רגע? פאַר וואָס זשע גרייטן מיר זיך נישט צו איר? האַ?"

* * *

זיבן הונדערט יאָר, אַז מיין שטעטל דערציילט מעשות צו דער „הוטשווע" און הערט זיך אויך איין צו דעם, וואָס די „הוטשווע" דער-ציילט פונעם „וויעפּש", דעם „בוג", דעם „סאַן" און פון דער ווייט ווייטער מומען — דער „ווייסל".

פלעגן מיר זיך שפּילןביים ברעג פון דער „הוטשווע". געוואָרפן שטיינדלעך אין איר און געריסן שטיקער פון די בריקן איבער איר. אַמאָל אויך, אין פרילינג, אַראָפּגעלאָזט אַ קאַץ אין אירע וואַסערן. כאָטש גאָט איז אַן עדות, אַז מיר האָבן בלויז געוואָלט פּאַרהיטן די „הוטשווע" פון אַן עבירה, זי זאָל חס ושלום קיין מענטשן נישט אומ-ברענגען, ווייל ווער האָט דען נישט געוואוסט „אַז ווער עס ברענגט אום אַ נפש פון ישראל, איז גלייך ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט". ווי זשע קען מען עס אונדזער „הוטשווע" ברענגען דערצו? אַ קרבן מוז זי דאָך האָבן, אַז נישט קען זי נאָך אויסגע-טריקנט ווערן אין די גרויסע היצן און מער נישט זשומען און מער נישט הערן די מעשה פון איר שטעטל, און נישט קענען דערציילן וואָס עס שווימט אויף די וואַסערן פון דער גרויסער מדינה פוילן,—די היים פאַר די קינדער פון ישראל ביז דער גאולה.

האָבן מיר איר צוליב געטאָן און ווידער געהערט דאָס איבערגיסן זיך פון אירע כוואַליעס, און פאַרטייעטע געשפּיגלט זיך אין אירע וואַסערן פון וואַנען אין לבנה נעכט קומען אַרוים די וואַסער-מענטשן, וואָס ווייסן די סודות פון אונטערן-וואַסער און ערד און בענקען פונדעסט-וועגן צו מענטשן. ביי טאָג,—האָבן די וואַסער-מענטשן מורא אַרויסצו-קומען, כדי מ'זאָל נישט דערזען, אַז די הענט זייערע זיינען אין דער

* קאַגאַניק — אַ לעמפּל אַזאַ וואָס ברענט אויף בוימל.

** מעמדות-ייד — אַ חסיד וואָס פלעגט אַרומפאָרן צונויפנעמען דעם יערלעכן אָפּצאָל וואָס חסידים האָבן געצאָלט דעם רבין.

אמתן נישט מער ווי צונויפגעליגטע פלוס-פעדערן,—קומען זיי ארויס פון וואַסער גלייך מיטן אונטן און בלאַנקען זיך אַרום אויפן ברעג ביז דאָס יונגוואַרג גייט אַריבער די לאַנגע בריק צו שפּאַצירן אויף דער „פאַרשטאַט". דעמאָלט גאַנווענען זיי זיך, די וואַסער-מענטשן, מיטן וואַסער, שלייכן זיך שטיל אויף די כוואַליעס און מישן זיך אוים מיטן יונגוואַרג, און זינגען מיט מיט זיי און שעפּטשען אויך סודותדיקע מעשׂות.

* * *

און יעדעס מאָל ווען די „הוטשווע" ברענגט מיט זיך אַ נייע בשׂורה רעה, טראָגט זיך באַלד אַ קול פונעם „וואַול" ביז צום בערגל וואו דער לאַטוטניק האָט געוואוינט, אין דער שול-גאַס, און דערנאָך העט אַרויף צו ר' אהרון קאַזאַקס מצבה; שאָקלען צו מיט די קעפּ די רויטע זאַמדן פון די „קאַטשירע" בערג: „שוין געהערט אַמאָל דאָס געשריי! שוין געהערט! איז וואָס, אַז זיי זיינען שוין ווידער דאָ?!" — פאַר-קרישלען זיי די גריבער מיט פרישע גרודעס רויטן זאַמד.

שרייט זיך אָפּ דאָס געשריי, וויינט זיך אָפּ דאָס געוויין, און נעכט גאַנצע שפּיגלט די „הוטשווע" די שׂרפות אָפּ און — ווידער דער-ציילט זי אַ מעשׂה.

יעדן דור דערציילט זי עס צו אַנדערע, און יעדער דור הערט, לעבט, און טראַכט ווייטער.

טרעפט זיך: עס טראָגן די וואַסערן איינעם פון אירע קינדער אַוועק אין מרחקים, הערט ער פון וויטן דאָס קול פון איר זשומען, און בענקט אַהיים. אוי, בענקט ער און—שווייגט, ווייל ווער וועט דען הערן און ווער וויל דען פאַרשטיין, אַז ס'גייט אַרום אַ מענטש אין רויש פון ווייטע גאַסן און זעט גאָר די היימישע שמאָלע שטעגלעך מיט פרישן געלן זאַמד? ווער וועט דען גלייבן, אַז אין סאַמע העלן טאָג און אין מיטן פון אַ טומלדיקן סקווער, האָט אַ מענטש גאָר דערזען זיך ליגן אויסגעצויגן אויף דער לאַנקע צווישן די גראָזן און ווידער אַמאָל געהערט ווי עס שליאַפּעט דער אַלטער ראָד אין די היימישע וואַסערן. וואָס זשע טוט דער מענטש? — נעמט ער און דערציילט זיך אַ מעשׂה.

און אַז ס'איז קיינער נישטאָ דערביי, פאַרציט ער זיך אַ ניגון און ס'ווערט אים פלוצים ליכטיק פאַר די אויגן, און ער זעט און ער הערט און פילט ערד אונטער די פיס און הימל איבערן קאָפּ: ה י י ם! טראָגט זיך זיין ניגון אין נייעם לאַנד, פאַרקריכט אויף נאָר וואָס באַ-

טראָטענע שטעגלעך און ציטערט און פלאַטערט דאָרט: „הערט ווער?״ זעט ווער?״ — דערציילט ער זיך נאָך אַמאָל אַ מעשה, און האָפט און גלויבט צוזאַמען מיטן פויער וואָס שיקט טיף דעם אַקער אין דער ערד, אַז ס׳וועט רוען אויף דעם די ברכה פון הימל און די זאַפט פון דער ערד. וועט אויפגיין אַ פול קאָרן-פעלד, און ביי זיינע ברעגן וועט ווען עס איז זיין קינד ליגן און איינהערן זיך צום שום פון די זאַנגען און איינזאַפּן דעם ריח פון גאָטס בענטשונג, און עס וועט אַ זינג טאָן מיטן פולן מויל און איבערגעפולטן האַרץ און עס וועט אָנהייבן, ווי עס איז שוין פון אייביק געשטעלט, דערציילן זיין אייגענע מעשה פונעם נייעם לאַנד.

וועט עס הערן דער נאָענטער טייך און מיטנעמען מיט זיך אויף זיינע נסיעות צום גרויסן ים, און פון דאָרט איז שוין איין שפּאַן צו דער קליינער רואיקער „הוטשווע״, וועט זי דערפילן אַ גלעט פון אַן איי-געגער האַנט און אויפצאַפּלען פון פרייד, ווי אַ מאַמע ווען אַ קינד קערט זיך אום אַהיים.

* * *

נו, כ׳ווייס אַז איך האָב זיך פאַררעדט און ס׳פירט זיך נישט היינט מ׳זאָל דערציילן אַ מעשה פאַר אַ מעשה, אָבער ביי אונדז האָט מען זיך אַנדערש נוהג געווען. דאָרט האָבן מיר נישט געוואוסט וועלכע מעשה איז פריער און וועלכע שפּעטער. זאָל זשע זיך אייך דאַכטן אַלעהיי דאָס איז סתם אַזוי אַ מעשה וועגן איינעם אַ מענטשן, וואָס די וואַסערן האָבן פאַרטראָגן אויף ווייטע וועגן און ער זוכט דעם שטעג פון געלן זאַמד וואָס שמעקט מיט היים. און ביז ער וועט גע-פינען—דערציילט ער זיך דערווייל מעשות און שפּאַצירט אַרום מיט די היימישע דאָ צווישן די בערג, אויף די ברייטע לאָנקעס, רוישנ-דיקע טייכן און שמייכלענדיקע ברעגן. ס׳איז אים היימלעכער מיט זיי, וואַרעמער אין די שווערע ווינטער טעג, און איר ווייסט — אָפט דערפילט ער שוין, אַז עס בענקט זיך אים שוין אויך צום היגן באַרג און צום טאָל וואו עס טוליען זיך הייזקעס אין אַ ים פון גרינס, און צום שמאָלן טייכל וואו זיין קינד פּליעסקעט זיך יאָר-איין, יאָר-אויס, כאָטש די מעשות וואָס דאָס טייכל דערציילט פאַרנעמט ער נאָך נישט קלאָר. און וואָס היימישער עס ווערט אים אין נייעם לאַנד, אַלץ נעענטער טוליעט ער צו זיך די מענטשן פון זיין היים. אָ, וויפל מעשות ער דאַרף נאָך וועגן זיי זיך דערציילן כדי ער זאָל זיך שוין אינגאַנצן דער-פילן צוריק אין דערהיים.

שטרעק איך אוים פון דאַנען מיין האַנט צו דיר, ברודער מיינער, וואָס רוסט שוין פינף און צוואַנציק יאָר נישט ווייט פונעם פאַרבאַרגענעם לאַטוטניק, ביי וועמעס קבר מיר האָבןביידע שוין געזוכט ווען די קאַזאַקן האָבן אין שטעטל געווילדעוועט. געדענקסט? עס טורעמט נאָך אַלץ הויך דער שטיין פון ר׳ אהרון קאַזאַק נישט ווייט פון דיר. איך הער פון דאַנען ווי דו צאַפּלסט צוזאמען מיט זיי אין דערציילן די מעשה פונעם נייעם חורבן: „דאָס הויז פאַרברענט, די קינדער צעטריבן, בלינדע שטייען ווידער חורבות, ווי אין די מעשות פון אַמאָל". צאַפּל איך מיט מיט דיר, ברודער מיינער, נאָר וואָס זאָל איך טאָן? דאַרפסט וויסן, אַז נישט איך און ניט דו, און כ׳האָב מורא אַז קיינער נישט פון טאַטנס הויז, וועט שוין ווידער טראָגן האַלץ און שטיין צו אַ נייער מעשה ביי דער „הוטשווע".

כ׳גלויב אָבער, אַז שוין איצט ליגט דאָרט ערגעץ ביי דער וואַסער-מיל אַ קינד פון אונדזער היים, וואָס האָט אַלץ אַליין צוגעזען,—וועט ער דערציילן די ווייטערדיקע מעשה.

דערווייל, ברודער, וועל איך דערציילן, שוין פאַר דיר אויך, אַ טייל פון דעם וואָס מיר האָבן אַמאָל דאָרט געהערט און נאָכגעטראַכט.

געדענקסט? ס׳איז געווען פינצטערלעך אין „שטיבל". פאַר פּחד האָבן מיר זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, אָבער פאָרט נישט אויפגעהערט צו הערן און הערן ווי דער רויטער יאָשע כאָרכלט מיטן האַלדז און דערציילט אַ „מעשה שהיה". נישט ווייט לעבן אויוון איז געשטאַנען דער בלינדער פּנחס, אָנגעשפּאַרט מיטן צעכראַסטעטן האַרץ אויפן סענקוואַטן שטעקן. די אָפּענע אויגן-לעכער זיינע,— ווייסלען זיך אין דער פינצטער, און ער שנאָרכט און סאַפּעט פאַר אימה, און לסוף האַלט ער נישט אוים און טוט אַ צעשפּרייט די הענט און גלייכט זיך ראַפּטום אוים, אַז דער שטעקן טוט אַ פאַל אַוועק מיט אַ טראַסק און די האָר שטעלן זיך אונדז קאַפּויר.

— האָסט עס אַליין געזען? רויטער יאָש! — טוט ער זיך אַ לאָז מיט אויסגעשפּרייטע הענט אין דער פינצטער.

— און אַז נישט געזען, איז וואָס? — טוט אים דער רויטער אַ כאָרכל אויף צוריק.

— איז וואָס? — שטורעמט דער בלינדער, — איז וואָס? אויב דו זעסט אויך נישט, וואָס זשע ווילסטו? וואָס שרעקסטו, האַ?

— ביסט אַ נאַר, פּנחס, — לאָזט שוין דער רויטער אַראָפּ פון טאָן, — מ'דאַרף נישט אַלץ זען, מ'טאָר עס גאָרנישט. פאַרשטייסט? — האָט ער זיך אויפגעהויבן און אים דערלאַנגט דעם שטעקן און צוריקגע־פירט הינטערן אויוון, וואו ס'איז שוין געשטאַנען גרייט זיין טעפל מיט ברויט געווייקט אין וואַסער.

און ווייל די שרעקן, ברודער מיינער, האָבן אונדז איצט אַזוי אַרומגע־רינגלט, ווי אונדזער טייך אין דער חרובער היים,—וועל איך דערציילן וועגן איינעם אַ מענטשן וואָס איז די שרעקן בייגעקומען און מיט ביטחון געקוקט דער שרעק אין די אויגן אַריין.

איך וואָלט אַוודאי געוואָלט דערציילן די גאַנצע מעשה וועגן דעם מענטשן, ווייל דערציילן וועגן אַ מענטשן איז אַ גרויסע זאַך, נאָר כדי צו קענען דערציילן מוז מען זען, און גוט זען קען מען נאָר ווען מ'איז אינעווייניק און די אויגן זיינען אָפן. וויפל זשע מאָל זיינען עס די אויגן פון אַ מענטשן אָפן? דערצייל איך נאָר אַ טייל.

* * *

ס'איז אַ מעשה וועגן אַ מענטשן וואָס האָט לאַנג נישט געוואוסט ווער ער איז, און פון זיין בוידעם־שטיבל געקוקט אויף דער וועלט און גע־בענקט און געוואַרט. האָט ער אַזוי לאַנג געוואַרט ביז מ'האָט אים דערקענט, און ער האָט פונדעסטוועגן זוכה געווען צו לעבן מיט מענטשן אויך נאָך דעם.

אַ יתום איז ער געווען און ביי פרעמדע טישן זיין צער אויסגעטראָגן, האָט אים דערפאַר דאָס פּשוטע פאָלק ביי אַן אייגענעם טיש אַוועק־געזעצט און צוזאַמען מיט אים זמירות געזונגען. הינטער די אויוונס איז ער געשלאָפן און פרעמד פון אַלעמען זיין עלנט געטראָגן, — איז דערפאַר זיין ווינקל געוואָרן דאָס היימישסטע פאַר די געשלאָגענע פון פאָלק. אַ פאַרוואָרלאָזטער האָט ער געזאָלט זיין, — האָט ער אָבער זוכה געווען און זיין אויג האָט זיך געעפנט אויף מער ווי אַ רגע, און זיין אויער איז וואַך געוואָרן און ס'האָט געהאָרכט מער ווי אַ ווײַלע, — און וואָס ער האָט געהערט און געזען, האָט ער געטראָגן צווישן מענטשן. און זיי האָבן אים צוגעדריקט צום האַרצן און אים געגעבן אייביק לעבן.

ווייל ער איז געווען אַ מענטש ווי איינער פון זיי: פון זייער ברויט האָט ער געגעסן, פון זייער וואַסער געטרונקען און מיט זיי צוזאַמען

אַרומגעגאַנגען אויף יאַרידים, אויף די מאַרקן, הינטער די אויוונס און אויף די זאַמדיקע וועגן, און יעדן אין די אויגן געקוקט: „ביסטו עס אפשר איינער פון די זעקס און דרייסיק? ווייסטו אפשר דעם באַשייד? וואָס זשע איז דער תּכלית פון פאַרבאַרגעניש, האָ?״

און אַזוי האָבן זיי זיך געזאַמלט אַרום אים און געוואָרן אַ גרויסע עדה וואָס קען הערן און דערציילן די מעשה, אַז געווען איז אַ מענטש וואָס האָט זוכה געווען.

* * *

און פון דאַן אָן טראָגט זיך זיין געשטאַלט איבער יידישע שטעטלעך צווישן אַלע געשטאַלטן פון אַמאָל, וואָס וואַקסן אוים דאָרט וואו די פרייד פילט אָן די גאַנצע נשמה, און דאָרט וואו דער עלנט פרעסט שוין דאָס גאַנצע האַרץ, און זיי טרייסטן: „האַלט די אויגן אָפן, ווייל קיין זאַך ווערט נישט אַנטפּלעקט, סיידן צו דעם וואָס עס געהער באמת. האַלט די אויגן אָפן און קוקט, און זאָלן די אויערן אייערע וואַך זיין — וועט איר אויך דערהערן די מעשה וואָס יעדע באַשעפעניש האָט צו דערציילן.״

און אויב איר וועט אפילו נישט זוכה זיין צו הערן אַ גאַנצע מעשה, ווייל דאָס איז אפשר גאָרנישט מעגלעך, וועט כאָטש אויף אַ רגע אַ שפּריצל פון אַ פונק אייך אַ לייכט טאָן פאַר די אויגן.

וואַל דייוויד, אין די לאָרענשן-בערג, — קאַנאַדע

זומער — 1940

ערשטע טריט

(ערשטע מעשה)

אַ‏ין עק דאָרף, גאַנץ נאָענט צום וואַלד און דאָרט וואו די וועגן צעשיידן זיך, איז געשטאַנען די קרעטשמע אין וועלכער ס׳האָט געוואוינט שרה די עגונה מיט איר איין און איינציק יינגל סרולטשע.

די קרעטשמע, אַן אַלטע, האַלב־איינגעפאַלענע חורבה, איז איבערגעגאַנגען בירושה אין שרהס משפחה. אינעם בוידעם שטיבל וואָס איבער דער טרינק־שטוב, איז נאָך איר באָבע, צביה די גרויסע, געבאָרן געוואָרן; דאָרט האָט זי קינדער און אוראייניקלעך אויפגעהאָדעוועט, און פון דאָרט איז זי אויך אַוועקגעפירט געוואָרן צו איר אייביקער רו. דאָרט, איז אויך שרה געבאָרן געוואָרן און פאַרבראַכט אירע יונגע יאָרן, און פון דאָרט—פון דעם בוידעם־שטיבל—פלעגט איצט סרולטשע אַראָפּקוקן דורך אַ שפּאַרונע אין דער טרינק־שטוב אַריין, וואו ס׳זיינען געשטאַנען הויכע, בייכיקע פעסער אקעוויט.

פון דער טרינק־שטוב האָט זיך אַלעמאָל געטראָגן אַ ליאַרעם, שיכורער געזאַנג, געקלאַנג פון קופערנע קוואָרטן און הייזעריקע קולות. ווען די קינדער זיינען נאָך געווען קליין, פלעגט מען זיי נישט אַראָפּלאָזן אונטן, סיידן שבת און יום־טוב ווען די טרינק־שטוב איז געווען עפּעס מאָדנע שטיל און רואיק: די פעסער פאַרדעקט מיט גראָבע און גרויע ליילעכער, די לאַנגע צעקאַרבטע טישן פאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער און דער דיל באַשאָטן מיט פרישן זאַמד.

—דער סמבטיון האָט זיך שוין איינגעשטילט, איר מעגט שוין אַראָפּ־קריכן!—פלעגט מען אין אַזאַ טאָג באַפרייען די קינדער פונעם בוידעם־שטיבל.

אַראָפּקריכנדיק דורך די טרעשטשענדיקע טרעפּ אין דער טרינק־שטוב אַריין, האָבן די קינדער אין דער ערשטער מינוט זיך פאַרלאָרן פון דער פייערלעכער רו אין וועלכער זיי זיינען אַריינגעפאַלן. דער גרויסער ריגל אויף דער דרויסנדיקער בלינדער טיר*, פאַרמאַכט פון אינעווייניק, האָט נאָך מער שטומען גליווער צוגעגעבן צום פירעקיקן גרויען צימער; און ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דער טומל און רויך וואָס האָט אַלעמאָל זיך געטראָגן פון דאַנען אַרויף צו זיי אין בוידעם־שטיבל, שטייט איצט אויך ערגעץ אין אַ ווינקל און וועט באַלד אַ שפּרינג טאָן פון דאָרט און זיי ווידער אַרויפטרייבן אויפן בוידעם.

נאָך דער ערשטער צעטומלעניש, זיינען די קינדער באַלד געקומען צו זיך

* בלינדע טיר — אַ טיר אָן שויבן.

און זיך געגומען קייקלען אין פרישן זאמד אויפן דיל, באַטאַפּן מיט פּחד דעם גרויסן פאַרזשאַווערטן ריגל, אַרונטערקריכן הינטער די טישן און בענק, און בגנבה אַראָפּשאַרן אַ שטיקל גרוי צייג פון אַ פּאַס און אַ לעקטאָן די פאַרגאַסענע משקה.

אין דרויסן אַרויס פלעגט מען זיי נישט לאָזן, ווייל ס'האָבן זיך שוין אַ סך אומגליקן געטראָפן מיט קינדער: ציגיינער האָבן זיך אָפט דורכגעשלעפּט, אַנטלאָפענע היידאַמאַקעס און טאַטערן אויף פלינקע פערדלעך פלעגן מיט אַמאָל אַרויסשפּרינגען פון וואַלד, און גאַנץ אָפט האָבן פריצישע זינדלעך זיך געוויילט מאַכנדיק די יידישע קינדער פאַר אַ ציל ברעט פאַר זייערע ביקסן. האָבן זיך די קינדער מערסטנס געשפּילט אויפן בוידעם־שטיבל און געקוקט אויף דער וועלט דורך די שמאָלע שייבלעך פונעם איינציקן פענצטערל דאָרט.

טיילמאָל ווען אַלץ איז געווען רואיק, פלעגט מען די קינדער נעמען אויף אַ שפּאַציר צום טייכל, פון וואַנען מ'האָט געקאָנט זען דעם ווייסן באַרג מיטן פריצישן פּאַלאַץ אויפן שפּיץ. דאָרט האָבן זיי שוין אפילו געקענט אָנהעגען זיך אויף די מיט מאָך באַוואַקסענע שטאַבעס פונעם הילצערנעם ראָד פון דער וואַסער־מיל, וואָס דרייט זיך פויל און גלאַסן ווי ער וואָלט געקראָכן. די קינדער האָבן שטאַרק הנאה געהאַט אויפצוהייבן זיך מיטן ראָד ביז אַרויף און דערנאָך אַראָפּשפּרינגען גלייך אין וואַסערל אַריין, און דער ראָד האָט אין דער זעלבער רגע אויך אַ שליאַפּ געטאָן מיט אַביסל וואַסער, ווי ער וואָלט זיך מיטגעשפּילט מיט זיי מיט אַ גלעט.

אין הייסע זומער טעג, ווען דאָס טייכל איז געווען האַלב אויסגעטריקנט, האָבן זיי זיך גאָר נוקם געווען אינעם אַלטן ראָד. ווי די פייגל האָבן זיי זיך פאַררוקט יעדערער אין אַ שטאַבע, געריייניקט דעם גרינעם מאָך און געריסן די פוילע אברים זיינע; געפּוצט אים אַזוי לאַנג ביז פון די בערג האָט אַ ווינטל זיך אַ יאָג געטאָן און אָנגעכאַפּט דעם ראָד ביי אַ שטאַבע, און איינציקווייז האָבן זיך דאָס קליינוואַרג גענומען קייקלען אין וואַסערל אַריין מיט אַ געשריי און געפּילדער, איבערקוליענדיק זיך קאָזשלקעס אין דער לופטן עטלעכע מאָל.

אַזאַ פאַרגעניגן אָבער האָבן די קינדער זעלטן געהאַט, און צום ווינ־ציקסטנס האָט עס געהאַט סרולטשע, ווייל אים איז אויסגעקומען צו וואַקסן איינער אַליין. אַ בן־יחיד געווען און די מאַמע האָט איבער אים געציטערט און געקרעכצט. דעם טאַטן האָט ער נישט געדענקט, נישט געוואוסט אפילו ווי אַ טאַטע דאַרף אויסזען.

דעם טאַטנס נאָמען האָט ער בלויז געהערט דערמאָנען מיט אַ קרעכץ פון די מומעס וואָס קומען אַמאָל העלפן דער מאַמען און איינטענהן מיט איר, אַז זי זאָל איבערלאָזן די קרעטשמע און אַריבערציִען זיך אין שטעטל אַריין, און פון דער מאַמען אַליין וואָס פלעגט זיי אַלעמאָל געבן דעם זעלבן ענטפער: „ער, נעבעך, האָט מיר געטאָן אַזוי זאָגן: שרה קרוין, דער אייבערשטער איז אומעטום, ער טוט מיך אַוועקנעמען און וועט מיך טאָן צוריקברענגען. האַף צו אים" — האָט זי די ווערטער איבערגעחזרט יעדעסמאָל ווען די פרעמדע ווייבער האָבן איינגעטענהט מיט איר וועגן אַוועקגיין. „ווי קען איך אַוועקגיין, ווי קען איך עס אַלץ איבערלאָזן אָן אים, נעבעך, יעדעס שטיינדעלע דאָ איז דאָך מיינס און זיינס."—האָט זי מיטן גרויסן לעדערנעם בייטל געווישט די טרערן אויף די אויסגעמאָגערטע באַקן.—„וואו על'ך זיך אהינטון אין שטאָט?"

— און אַז ס'קינד וואַקסט אין סטויפ אַריין, אָן השגחה?

— מיט השם־יתברכס הילף, וועל איך אים אַ מלמד נעמען. זאָל ער נאָר צום שכל קומען און באַגערן צו לערנען.

נאָך אַזאַ שמועס, פלעגט שרה לאָזן שטיין דאָס גאַנצע „גאַיעס"* אין קרעטשמע און אַרויסכאַפּן זיך אויפן בוידעם־שטיבל, אַרומנעמען דעם קליי־נעם סרולטשע און האַלדזן און קושן אים כליפּנדיק דערביי:—ס'איז דיר אומעטיק, שוועלבעלע מיינס, אַז דער טאַטע וועט מיערטשעשעם צוריקקומען וועט עס שוין היימלעך זיין."

—ווען זשע מאַמעניו קומט ער?—פלעגט ער מיט אַ כליפּ אַרויספּלאַצן.

—קוק דורך די שייבעלעך, זינדעלע, מיטן וואַלד וועט ער קומען. מיטן בוראס הילף וועסטו אים אויסלוגן**—האָט זיך שרה מיט געוואַלד אַרויס־געריסן פונעם קינדס הענטלעך.

—מאַמעניו—האָט סרולטשע געפּרואווט זי צוריקרופן, נאָר באַלד זיך צוריקגעכאַפּט, וויסנדיק פון לאַנג שוין אַז ס'וועט נישט העלפן, און זיך גענומען צו זיינע שפּילעכלעך: צונויפגערוקט צוויי שטולן, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיי רייטנדיק און אונטערגעטריבן: „וויאָ, שנעלער לויפט, דער טאַטע קומט באַלד!"

און אַז די שפּיל ווערט אים נמאס, שטעלט ער זיך אַוועק ביי די שמאָלע שייבעלעך, קוקט צום וואַלד און היט די טריט פון יעדן פיגור וואָס באַווייזט זיך אין דער עפּענונג פון וואַלד.

* גאַיעס — פאָלקסטימלעכער אויסדרוק פאַר פּויערים.

** אויסלוגן — דערזען, אויסקוקן.

א דריקנדיקער צער קלעמט אים דאָס הערצל: „דער טאַטע איז נישטאָ, וואו איז ער?” ער האָט שוין וויפל מאָל געבעטן די מאַמען זי זאָל אים דערציילן וואו דער טאַטע איז אַוועק, און זי קרעכצט בלויז, טוליעט אים צו זיך און זאָגט גאָרנישט. טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן און אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין נעמט אים אַרום. לאָזט ער די טרערן רינען און כליפּעט אין זיך: „טאַטע, טאַטע נישטאָ”. . . .

אָפּט זעט ער דעם טאַטן אין חלום. פונעם באַרג קומט ער אַראָפּ. דער נעפּל דרייט זיך איבער אים און וויל אים איינשלינגען, נאָר ער רייסט זיך מיט אַלע כוחות פונעם באַרג אַראָפּ, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פונעם נעפּל און שמייכלט צו אים, צו סרולטשען. דאַכט זיך ער רעדט צו אים, נאָר ער הערט נישט קלאָר זיין קול. וויל ער כאַטש גוט אָנקוקן דעם מענטשן וואָס שפּאַנט פונעם באַרג, זעט ער נישט מער זיין פּנים . . . די מאַמע האָט אים אפילו געהאַט געזאָגט, אַז דער טאַטע איז אַ הויכער מיט אַ לענגלעך פּנים און — נאָר ער האָט שוין פאַרגעסן און קען אים נישט דערקענען. קלעמט אים דאָס הערצל און ער וויינט פון שלאָף. כאַפּט זיך די מאַמע אויף און נעמט אים באַרואיקן. ער כליפּעט אָבער נאָך און קלאָגט זיך: „ר'האָט פאַרשטעלט ס'פּנים” . . .

זומער פלעגן שכנישע יינגלעך קומען זיך שפּילן מיט אים, אַראָפּגיין מיט אים אין גרויסן איינפאָר־הויז אדער גאָר אַרויסגאַנוועגען זיך צום טייכל. פלעגט ער מיטגיין מיט זיי און צאַפּלען נאָכצוטאָן זיי אין אַלצדינג, נאָר פּלוצים אינמיטן האַלטן אין וואַרפן אַ שטיינדעלע אין וואַסער אַריין אָדער קלעטערן אויף אַ בוים, בלייבט ער שטיין אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַרטייעטער, מיט אויגן ווי דער אָפּגרונט. די קינדער חוזקן און לאַכן פון אים און ער קוקט פאַר זיך אין אַן אַנדערער וועלט אַריין.

טעג דערנאָך, ווייזט ער זיך שוין נישט אין דרויסן. זיצט זיך אין זיין ווינקל אויפן בוידעם־שטיבל און הערט זיך צו צום טומל פון דער טרינק־שטוב, און אַזאַ מאָדנער טרויער באַפאַלט אים. אָפּט נעמט אים אַזוי נאָגן ביים האַרצן אַ טרויעריקער ניגון וואָס טראָגט זיך פון אונטן, אַז ער קען זיך נישט איינהאַלטן, ציט ער נאָך דעם ניגון און כליפּעט נישט ווויסנדיק אַליין פאַר וואָס.

טיילמאָל גאַנוועט ער זיך אַראָפּ פונעם בוידעם־שטיבל, שאַרט זיך צו צום קעמערל וואו ס'ליגט די באָבע צביה און קוקט אַריין דורכן פענצטערל. דערשרעקט זיך אָבער גלייך פאַר איר געל וואַקסן פּנים און די בלינצלענדיקע בלינדע אויגן און אַנטלויפט.

די באָבע צביה איז שוין זייער אַלט און שוואַך. זי האַלט אַלעמאָל די אויגן אָפּן, אָבער זי זעט גאָרנישט. אין זוניקע טעג פירט מען זי אַרויס זיצן

אויף דער פּריזבע. זי קען אָבער נישט איינזיצן רואיק. מיט איר שאַרפֿן געהער דערקענט זי ווער ס'איז פֿאַרבייגעגאַנגען, און פֿאַר יעדן האָט זי עפּעס אַ געפֿיילט שטעכעדיק וואָרט. סרולטשע וויל זייער זיין נאָענט צו דער באַבען, נאָר די מאַמע האַלט אים פֿון ווייטנס פֿון איר. ווען די באַבע איז אין דרויסן, טאָר ער זיך נישט ווייזן אויף דער שוועל, נאָר ווען ס'איז טונקל לאָזט אים די מאַמע אַריינגיין אין צימער וואו די באַבע ליגט. ער וויל אָבער דווקא זען די באַבען אין דער ליכטיק. ער וואָלט זייער געוואָלט קוקן אויף איר פּנים מיט די ווייסע אויגן־לעכער, וואָס האַלטן זיך אין איין באַוועגן. קוקן לאַנג ווי ער איז געוואוינט צו קוקן פֿונעם בוידעם שטיבל אַראָפּ אויפֿן וואַלד אָן דער זייט פֿון וועג, אויפֿן ראָד פֿון דער וואַסער־מיל און אויפֿן שפּיץ באַרג מיטן פּריצס פּאַלאַץ.

ער האָט זייער ליב צו קוקן לאַנג אויף אַ זאַך. עפּעס דאַכט זיך אים דאַן, אַז ער זעט אויסטערלישע זאַכן: דער באַרג איז נישט בלויז קיין ווייסער פֿעלז, נאָר אַ ריז אַזאַ וואָס רייסט זיך מיט אַלע כּוחות אַ שפּאַן צו טאָן און אַראָפּגיין אין טאָל זיך אָפּטונקען אין טייכל און אַ שטיף טאָן מיטן אַלטן ראָד; פֿונעם רייסן זיך ווערט ער מיד, גייט אָפּ מיט שוויס און בלייבט ליגן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פֿאַרהילט אין אַ שלייער פֿון נעפּלען.

קוקט ער לאַנג אויפֿן וואַלד, הייבן אָן די שפּיצןביימער טאַנצן אַ שטייענדיקס, פּונקט ווי ער האָט נישט לאַנג געזען אין דאָרף, אין אַ יום־טובֿדיקן טאָג. צום ערשטן האָט מען געשפּילט אויף אַ פֿידל און געזונגען, דערנאָך האָבן זיך די מיידלעך, אויסגעפּוצטע אין קאָלירטע קליידער, אויסגעשטעלט אין אַ שורה. אַנטקעגן זיי האָט זיך באַלד אַ טורעם געטאָן אַ שורה בחורים מיט פֿאַרפֿלאַמטע פּנימער און פֿאַרריסענע נעז, גרייט זיך אַ לאָז צו טאָן אויף דער שורה מיידלעך, אָבער דאָס פֿידעלע לאָזט נישט: דין און בנעימותדיק האָט געצויגן אַ סטרונע, און די מיידלעשע כּלערליי קאָלירטע סטענגעס האָבן זיך גענומען באַוועגן. בלויז די סטענגעס, און פֿון די סטענגעס אַרונטער צו די קעפּ, ברוסטן און זייטן האָט זיך עס באַוועגט, און וואָס אַמאָל שטאַרקער און האַסטיקער. האָט זיך די שורה בחורים שוין נישט געקענט איינהאַלטן און זיי נאָכגעטאָן און זיך גענומען רוקן נעענטער צו דער שורה מיידלעך, און דאָס פֿידעלע שפּילט און די זון פֿלאַקערט אויף די שפּיצן פֿון די ביימער, און עס בלישטשען און שעמערירן די קאָלירטע סטענגעס, די פֿייערדיקע פּנימער און ברענענדיקע אויגן. טוען פּיס זיך אַ הויב ווי ביימער אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, גיבן זיך אַ בויג קעפּ צו קעפּ, און הענט פֿלעכטן זיך ווי צווייגן אָן צווייגן. מ'הערט שוין מער נישט דעם פֿידל, נאָר די זון פֿלאַקערט נאָך אַלץ און הילט שטראַלנדיק די שפּיצן ביימער וואָס שטייען אין שאָטן און טאַנצן

מיט. ווען ער וואָלט איצט געווען אונטן, וואָלט ער צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד און וואָלט זיכער געהערט ווי די וואָרצלען טאַנצן אויך מיט...

פאַרגעסט ער זיך אָבער וואו ער איז און ציט זיך אויס אויפן דיל און הערט זיך איין. דערטראָגן זיך צו אים שיכורע קולות פון דער טרינק־שטוב און אַ משונה טופען מיט די פיס, און אין מיט רייסט זיך אַ פאַרשייט טרויעריקער טאָן פון אַ האַרמאָשקע. ווערט סרולטשע צעמישט, טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן, דאָס האַרץ איז אים פול, ער וואָלט זיך וועלן פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסרעדן, האָט ער אָבער נישט פאַר וועמען. די קינדער וועלן לאַכן, די מאַמע איז פאַרנומען און די באָבע,—ביי זיך אין צימער. גאַנוועט ער זיך אַרויס פונעם בוידעם שטיבל, לויפט אַוועק צום טייכל, זעצט אַריין די פיסלעך אין וואַסער און פליעסקעט זיך אַזוי לאַנג ביז עס לייטערט זיך אים אויס אין קאָפּ, און לייכט און לינד ווערט אים אויפן האַרץ פונקט ווי דאָס ווינטל צווישן די ביימער, פונקט ווי דאָס שטיקל ווייסע וואָלקן וואָס שפּיליעט זיך אַן די צווייגן אויפן שפּיץ באַרג, וויקלט זיך ווי טיול און צעגייט ווי העלער נעפּל.

— „אַך, ווי גוט!"—ווערט ער אויפגעלייגט, טוט אַ כאַפּ אַ פּאָר שטיינדעלעך און טוט זיי אַ לאָז אויפן וואַסער אַזוי קונציק, אַז דאָס שפּיציקע שטיינדל טוט זיך אַ טוק אונטער און אַ הויב אויף אויפן וואַסער עטלעכע מאָל. עס גייט אים אַזש דורך אַ נאָדל דורכן לייב. טוט ער זיך פריידיק אַ פּאַטש אין די קני אַרונטערשפּרינגענדיק: „אַט, אַ קונץ!"

עס טרעפט אָבער זעלטן אַז ער זאָל זיך קענען אַרויסגאַנווענען פונעם בוידעם שטיבל. מערסטנס גיט שוין די דינסט יעוודאָכע אַכטונג, אַז דאָס קליינע „דומקעלע" (פאַרטראַכטער) זאָל נישט פאַרקריכן ערגעץ וואו מ׳דאַרף נישט. זי קען אים פונקט פאַקן ווען ער שטייט שוין מיט איין פוס אויף דער שוועל פון דער הינטער־טיר.—„און וואו יאָגט עס דיך דער גוטער יאָר, דומקעלע? דער מלמד שוין געווען? האָסט זיך שוין געמאָליעט?" (אָפּגעדאַוונט, אָפּגעלערנט).

סרולטשע גיט זיך גלייך אונטער, דרייט אויס צו יעוודאָכען דאָס בלאַסע פּנים און די אויגן, טיפע, גלאַנצן עפּעס אַזוי אומהיימלעך, אַז אַ שרעק באַפאַלט זי.

— באָזשע, טי מאָי (גאָט מיינער), וואָס איז דיר, סרולטשע האַרצעלע, ביסט אפשר קראַנק?

—ס׳איז גאָרנישט,—קומט סרולטשעס קול אויס גראָבלעך וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צו זיין פּנים,—ס׳איז מיר אומעטיק, יעוודאָכע...

— שפּילט מען זיך,—ווײל זי איז אײננעמען מיט גוטן.

— כ׳וויל אין דרויסן, פאַרוואָס האַלט מען מיך דאָ? אַלע זײנען אין דרויסן. כ׳וועל אַנטלויפן, אַנטלויפן!

— נאַרעלע, דומקעלע, וואָס שרײסטו? די מאַמע וועט זיך דערשרעקן. אײן אויג אין קאָפּ, ס׳איז אַ מורא צו זײן אַלײן אין דרויסן. אַ מורא, דומקעלע!

— פאַר וואָס? פאַר וועמען?

— ס׳איז שוין דאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן, האַרצעלע, אי פאַר גאָט אי פאַרן טײוול.

אַ נישט צופרידענער, אָבער אַ באַרוישטער פונעם אײגענעם געשרײ און יעוודאָכעס רײד און צאַרטן גלעטן, קערט ער זיך אום צו זײן ווינקל אויפן בוידעם שטיבל, לײגט אַרײן דעם קאָפּ צווישן די קני און זינקט ווידער אַרײן אין עפּעס אַ פאַרפלאָנטערטן געדאַנק און בילד, וואָס קומט צו אים אַלעמאָל ווען ער קוקט לאַנג אויף אַ זאַך. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער דעם וואַלד און דעם טײך. און וואָס מער ער קוקט אַזוי, אַלץ מער פאַרגעסט ער וואו ער איז אין דער אמתן, און ער זינגט אַזוי אָן ווערטער די שענסטע ניגונים און שפּילט די שענסטע שפּילן מיטן טײכל און מיטן ראָד פון דער וואַסערמיל.

אַזוי זײנען געגאַנגען וואָכן און חדשים. ווינטער און זומער, אין זון און אין וואָלקן איז ער געווען אין זײן ווינקל בײם פענצטערל און געזען די וואונדערלעכסטע זעאונגען. און וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ לויטערער איז אים געוואָרן אין האַרץ און אין קאָפּ. ער האָט דערפילט ווי פון טאָג צו טאָג עפנט זיך ברײטער אַ פענצטערל אין מוח און ער זעט מער, די אויערן זײנען שאַרפער געוואָרן. ער דאַרף זיך שוין מער נישט וואַרפן אויף דער ערד כדי צו הערן וואָס עס טוט זיך אין די גראָזן, ער הערט שוין שטײענדיקערהײט. אמת, נישט אַלץ וואָס ער הערט פאַרשטײט ער. אָפּט, ווײסט ער אפילו נישט אַז ער הערט, נאָר דאָס האַרץ איז פול, עס טאַנצט אין אים די פרײד יעדעס מאָל, ווען ער קומט אַרויס אין פעלד אָדער אויפן וועג צום וואַלד. און זינט דער מלמד האָט אים פאַרטײטשט דעם פּרק שירה וואָס ער זאָגט שוין אַלע טאָג מיטן זון אויפגאַנג, איז אים גאָר פול דאָס האַרץ, און זײן ציטערנדיקע פרײד צאַפּלט מיטן טאַקט פון דעם גלעטנדיקן שעפּטש פון די גראָזן און רירעוודיקן שום פון רוישנדיקן טײכל. מעג ער בלויז אויפהײבן אַ שטײנדעלע, פילט ער עס ווי אַ לעבעדיקע זאַך, ווי ער וואָלט אָנגענומען עפּעס אײגנס, עפּעס לײבלעכס.

אָבער די גאַנצע צייט האָט אים איין געדאַנק נישט אָפּגעלאָזט: „וואו איז דער טאַטע?״ אין חלום און אויפן וואָר, האָט ער אים געזוכט דעם טאַטן זיינעם און געבענקט נאָך אים, אַ בענקשאַפט צום אויסגיין. ווען ס'פלעגט אים נעמען נאָגן ביי דער נשמה, האָט ער זיך דערפילט יתומדיק און די לעבעדיקע וועלט אַרום איז אויך יתומדיק געוואָרן. עלנט ווי ער, פאַרלאָזן אין אַ ווינקל: „וואו ביסטו, טאַטע?״—האָט ער געיאָמערט אין זיך אָן ווערטער. דאָס גאַנצע לייב און לעבן זיינס האָט געכליפּעט און קיינער האָט זיין געוויין נישט געהערט, נישט פאַרנומען. אפילו נישט די פיר ווענט פון בוידעם שטיבל וואָס פלעגן אָפט רעדן צו אים מיט דער קלינגענדיקער שטילקייט פון ליידיקע הייזער. אין אַזעלכע מינוטן איז אים פינצטער געווען. דאָס פענצטערל צו דער וועלט האָט זיך פאַרמאַכט און ער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט. אַלץ איז שטום געווען אַרום אים, און אין אים אַ יאָמער וואָס פאַרשטומט אַלץ מער פון רגע צו רגע. דערפאַר האָט ער שוין געוואַרט מיט אומגעדולד און האָפענונג אויף דער נאַכט. ליגנדיק אין גרויסן בעט לעבן דער מאַמען לאַשטשעט ער זיך און שעפּטשעט:

—דערציי'ל מאַמע, פונעם טאַטן, דערצייל!

—ער וועט קומען, זונעניו, כ'האָף צו גאָט.

— יאָ, מאַמע, אָבער וואו איז ער?

— נו, שלאָף, כ'וועל דיר דערציילן.

אַלעמאָל אַזוי, און אַלעמאָל ווערט ער גלייך אַנטדרימלט ווי נאָר די מאַמע הייבט אָן דערציילן מיט אַ ציטערנדיק קול וועגן ווילד־פרעמדע מענטשן עפּעס, וואָס זיינען געקומען אויף קליינע פערדלעך פון וואַלד אַרויס און אַוועקגעפירט דעם טאַטן ערגעץ וויַיט.

אינעם טאָג פון זיין ברית איז עס געווען. אין דער גרויסער טרינק־שטוב איז געזעסן דאָס „מנין״ וואָס מ'האָט פון שטאָט געבראַכט. פון בוידעם־שטיבל האָט זיך געטראָגן דאָס דינע ציטערן פונעם קינדערישן געוויין און דער מאַמעס שטיל צאַפּלען זיך מיט יסורים און שטאַלץ: „שאַ שאַ, סרוליקל, אַ ייד דאַרף אַזוי, אַ ייד דאַרף געצייכנט זיין אין זיין לייב. אַ קנעכט ביזטו צו השם יתברך געוואָרן מיין שעפעלע, דאַרפסטו פריילעך זיין, ווי דיין פאָטער און מוטער טוען זיך פרייען פאַר גאָטס וועגן און זיין גענאַד—איז זי אַלץ מער אַריין אינעם טאָן און נוסח פון דער תחינה,—איך וועל וויינען פאַר דיר מיין קינד, ווייל טרערן פון גאָטס וועגן זיינען ווי ווין פון קרבנות אויפן הייליקן מזבח. אברהם אבינו האָט אויך געוויינט ווען ער האָט געבונדן זיין איינציקן זון יצחק אויפן מזבח. שאַ, שאַ, סרוליקל, פאַרמאַך די אייגעלעך

און דרימל איין דעם דרימל פון די צדיקים. יצחק אבינו איז אויך שטיל געלעגן אויף דער עקדה. האָט אים אברהם געבעטן: יצחק מיין קינד, ליג רואיק, ס'זאָל חלילה קיין פגם נישט ווערן אין חלף. אזוי האָט יצחק די אויגן געעפנט. די לויטערע אויגן אויפגעהויבן צום הימל און דערזען דאָס מעסער אינעם פאַטערס האַנט, האָט ער געוואָלט שרייען, האָט אים אברהם געטרייסט מיט טרערן: האָסט זוכה געווען מיין קינד, א ייד דאַרף אזוי. פאַרמאַך די אויגן יצחקל, זיי זאָלן דיר חלילה נישט קאַליע ווערן. גאָט אליין קוקט איצט אויף דיר. זאָגן די הייליקע חכמים, אז יצחק האָט זיך געזוימט כמעט ווי א רגע, זיינען זיינע לויטערע אויגן טריפיק געוואָרן. בעט איך דיך הייליקער באַשעפער אז מיין קינד זאָל ניצול ווערן מפורעניות, און זאָל זוכה זיין צו זען מיט אָפענע אויגן דעם הייליקן משיח, אמן."

דאָס מנין האָט געהאַלטן אין סאַמע לאָזן זיך וואוילגיין, האָט זיך פלוצים א געליאַרעם א טראָג געטאָן מיטן טראַקט, ווי א דונער א זעץ געטאָן אין אַלע זייטן פון הויז און דאָס גאַנצע הויז האָט געציטערט און געקנאַקט. קיינער האָט זיך נישט געקענט ראַטעווען. אומזיסט האָט שרה מיטן ברעקעלע אין האַנט זיך געוואָרפן פאַר די פיס פון די היידאַמאַקעס, געקושט די באַרכעטענע הויזן זייערע און געבעטן: „דאָס גאַנצע גוטס פון הויז וועט זי זיי אוועקגעבן אבי מ'זאָל דעם מאַן אָפּלאָזן."

— מיר האָבן ביי דיר אמאָל בראָנפן געטרונקען, שרה, האָבן מיר רחמנות אויף דיר,—האָט א צעגאָסן שמאַלציק פנים מיט ביסטרע אייגעלעך א לאַך געטאָן גלייך שרהן אין פנים אריין,—מירן דיך לאָזן געזעגענען מיט אים. זען וועסטו אים שוין נישט. צו די טאַטערן וועלן מיר אים ברענגען.

ווען דער שטורעם איז אריבער, האָט ער נאָך זיך געלאָזן שרהן ליגן א פאַרחלשטע. לעבן איר דאָס פיצעלע קוים אָטעמענדיק, און דאָס גאַנצע הויז צעפּראַלט און אָפן ווי א חורבה. דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט מיטנעמען האָבן זיי אין געאיילעניש צעבראָכן און צעהאַקט.

ערשט פאַרנאַכט צו, ווען זי איז געקומען צו זיך און אָנגעהויבן דערקענען די שכנטעס וואָס זיינען געקומען העלפן און טרייסטן, האָט זי אויך דערזען אז די באָבע צביה די גרויסע, א יידענע אין די נייַנציקער שוין, וואָס פלעגט מערסטנס זיצן אין א ווינקל פון טרינק־שטוב און שעפּטשען פאַר זיך שטיקלעך תחינה אויף אויסנווייניק, האָט זיך עפּעס פלוצים אויסגעגלייכט און טריטלט אַרום צווישן די ברוכשטיקער א פלינקע, א זיכערע, ווי זי וואָלט געוואוסט קלאָר וואָס מ'דאַרף טאָן, און דער פיין פון דעם אומגליק איז דעריבער נישט אזוי שווער פאַר איר.

— שרה,—האָט זי באַלד דערהערט דאָס דינע אָבער גאַנץ פעסטע קול פון דער באָבען—אַ יידישע טאָכטער דאַרף צו נסיונות גרייט זיין ווי די אמהות און אַלע צדיקות. דאַרפסט זיין אַ מאַמע צו דיין בכור, דאָס איינציקע צווייגעלע פון דיין מאַנס משפחה. האָרכסט שרה? צינד אָן אַ לאָמפּ און גיב דעם פּיצעלע צו זייגן.

דער באָבעס צביהס קלאָרע און זיכערע רייד, האָבן שרהן אַזאַ וואַרעם געטאָן ביי דער נשמה, אַז די קוואַלן טרערן האָבן זיך ערשט ברייט צעעפנט; און כליפּנדיק אַזוי האָט זי דאָס קינד געהאָדעוועט, די טרינק־שטוב צוריק אין אָרדענונג געבראַכט, געפירט אַליין די שענק און געהאָפּט.

יענער פאַרנאַכט האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין איר נשמה, אַז וואָס מער אַ יאָר ס'איז פאַראיבער, אַלץ שאַרפער און קלאָרער האָט זי געהערט צביהס ווערטער: „האָרכסט, שרה, צינד אָן אַ לאָמפּ און גיב אים צו זייגן". און מיט דער באָבעס רייד קלינגט איר אויך מיט אַן אַנדערע שטימע, אַביסל אַ פרעמדלעכע שוין, כמעט נישט קענטלעך, אָבער נאָך גאַנץ היימישלעך: „כ'וועל מיטן בוראס הילף געפינען דעם וועג אַהיים. גיב אַכט אויף סרול־טשעלען..."

האָט זי אַכטונג געגעבן, געלעבט נאָר פאַר אים, געציטערט פאַר יעדן טראָט זיינעם, נישט אָפּגעלאָזט אים פון אויג אויף קיין מינוט און געהיט יעדן וואָרט וואָס ס'איז נאָר אַרויס פון זיין מויל.

און וואָס עלטער סרולטשע איז געוואָרן, אַלץ מערער האָט זי, צו איר שרעק, דערפילט אַז דאָס קינד איז עפּעס נישט ווי אַלע. זי האָט געזען זיין־איינזאַמקייט. דער מאַמעס האַרץ האָט זיך זייער געשראָקן, געציטערט און זיך געפּלייסט נישט צו לאָזן אים אַליין אויף לאַנג. בלויז אין די זונטיקס און מיטוואָכס, ווען די קרעטשמע איז געווען געפּאַקט מיט פויערים און סוחרים, בלויז אין יענע טעג פלעגט זי אים לאָזן אַליין אַ גאַנצן טאָג.

איז זיך סרולטשע איינמאָל אין אַ מיטוואָך געזעסן אין זיין ווינקעלע לעבן דעם ווייסן הילצערנעם בעטל זיינעם און געקוקט פאַר זיך צום פּירעקיק קליינעם פענצטערל וואָס איז פּונקט אַנטקעגנאיבער זיין ווינקל. געקוקט אַזוי לאַנג ביז ער האָט שוין אַליין נישט געפילט אַז ער האַלט די אויגן פאַרמאַכט און זיצט אויף אַן אָרט. פאַרקערט, ער גייט גאָר אויפן וועג נאָענט צום וואַלד. אָט איז ער שוין ביי דער מיל, ביים ראָד פון דער וואַסערמיל. מיט די הענטלעך טשעפּעט ער זיך אָן אין אַ שטאַבע פונעם ראָד, הייבט אים דער ראָד אויף און ציט אים פּאַמעלעך אַרויף. לייגט ער אוועק דעם קאָפּ אויף דער צווייטער שטאַבע און ער דרייט זיך אַזוי אַרויף. פּלוצים ווערט אַ ווינט.

דער ראַד נעמט זיך דרייען שנעלער, הייבט אים אָן צו ציטערן דאָס האַרץ: „אַט וועט ער שוין זיין גאַנץ אויבן... אַ מחיה ווי לופטיק דאָ איז.״ אָבער פּלוצים הייבט זיך דער ראַד אָן צו דרייען אויף אַראָפּ און ער—מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף שווינדלט נאָך; אין האַרץ איז אים הויל, דער מוח אַרבעט פלינקער פאַרן ווינט און שרעקט: „פאַר וואָס האָט ער גאָר געדאַרפט זיך אָנהענגען אויפן ראַד? ער איז דאָך גאָר געווען אין בוידעם שטיבל, אָט וועט דער קאָפּ זיינער אָנשלאָגן זיך אין וואַסער און דער ראַד וועט זיך שוין דרייען נאָר מיט שטיקלעך הענט זיינע, און באַלד וועלן אויך זיי אַ שליאָפּ טאָן צוריק אין טייך אַריין...״—טוט ער זיך אַ וואָרף, ער וויל אַ שפּרינג טאָן אויף צוריק און—ער ליגט גאָר אויף דער מאַמעס הענט.

—וואָס טוט מיט דיר געשען, סרולטשע?—הערט ער איר ציטערנדיק קול,—גייסט דאָך אָפּ מיט שוויים, אַ ווייטיק דער מאַמען! ווער האָט דיך אַזוי אויפן דיל געוואָרפן און צעבלוטיקט? יעוודאכע!—רופט זי אין טויט שרעק די דינסט,—יעוודאכע, וואָס זאָגסטו? אַ נישט גוטער חס ושלום זיך פאַרקליבן צו אונדז, וויי דער מאַמען!

— וואָס פרעגסטו מיך, באַלעבאָסטע? וואָס ווייס איך? אַנומלטן האָב איך אים געפונען אַזוי גלאָצן מיט די אויגן צום שפּינוועבס. קען מען דען וויסן, שרהטשע קרוין? ווייס ווי די וואַנט און גלאָצט. וואָס זעסטו? צאַפּל איך איבער אים ווי אַ קו איבערן קעלבל, וואָס איז דיר קרוינעניו? האָסט זיך דערשראָקן פאַר אַ נישט גוטן? יאָ, יעוודאכע, פאַרבליניעט ער זיך. די פליג האָט אַזוי געזשומעט מיט געוויין און דער שפּין האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום איר ווי דער ראָד פון וואַסערמיל,—אָט אַזוי אָ האָט דאָס קינד זיך געצאַפּלט, שרה, ער איז אָן איידעלינקער ביי דיר, אַן אָפּגעהיטענער. אַז מ׳לאָזט אַ קינד אַליין אויפן בוידעם. וואָלסט אפשר דעם אָפּשפּרעכער גערופן?

שרה איז געזעסן ווי געליימט, געווישט דעם קאַלטן שוויים פונעם קינדס קעפּל און אין זיך געזאָגט און געגרעדט אָן ווערטער: „פאַרוואָס, פּרואווסטו מיך נאָך אַליין, דערבאַרעמדיקער גאָט? מ׳וויל מיך אַרויסטרייבן פון דאַנען״.

—וואָס איז דיר, באַלעבאָסטע,—האָט יעוודאָכע פּלוצים זי גענומען טרייסלען,—וואָס מאַכסטו עפּעס מיט די ליפּן ווי אַ באַזויפענע? און דיינע אויגן, וויי איז מיר, מיט וועמען רעדסטו דאָס? מענטשן, שכנים, געוואַלד! אַ נישט גוטער ביי אונדז אין הויז! — האָט זי געגעבן אַ פּראַל אויף דאָס פענצטער און גערופן אין גאַס אַריין.

פונעם געשריי איז שרה געקומען צו זיך און אויך סרולטשע האָט אויס־געשטעלט די אויגן מיט וואונדער אויף דעם עולם, וואָס האָט זיך גענומען

שטופּן אין שטוב אַריין און עפּעס מאָדנע גערעדט, געוויזן אויף דער מיל, אויף זיין ווינקעלע. ער האָט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר און זיך צעוויינט:—וואָס ווילן זיי, מאַמע?

— אַז דער מאַנצביל איז נישטאָ אין דער היים, קומט דער שטן צוגיין,— האָט דער אָפּשפּרעכער, וואָס איז געקומען מיטן עולם, זיך אַ נעם געטאָן אַרומטאַפּן די ווינקלען פון הויז און מעסטן די שפּאַלטן אינעם שטיינערנעם קוימען וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט.

— אוודאי אַזוי,—האָט יעוודאכע אַרומגעפּאַדעט אַרום דעם אָפּשפּרעכער, —ווייבער אַליין, מ׳זאָל באַהיט ווערן...

—דאָס קומט פון פּוסטע הוריות (גערדאַנקען), טאַכטער,—האָט זיך פון דער אונטערשטער שטוב געהערט דאָס סקריפּנדיקע אָבער נאָך גאַנץ שאַרף קול פון צביה דער גרויסער,—מ׳דאַרף נישט קיין אָפּשפּרעכער ביי אונדז אין הויז. צינדט אָן אַ לאָמפּ! פאַר מיינע אויגן דאַרף איך אים נישט, ס׳איז אָבער היימלעכער. פּירט מיך אַרויף. וויפל מאָל איך בעט זיך ביי אייך: לאָזט נישט אַליין דאָס קינד!

פאַר צביהן האָבן אַלע מורא געהאַט. אַלע אברים זיינען ביי איר שוין כמעט טויט, נאָר די צונג און די בלינדע ווייסלען פון אירע אויגן האָבן פלינק זיך באַוועגט און אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. שרה האָט דערפאַר זי געמוזט באַזעצן אין אַ זייטיקן צימער וואו זי פלעגט זיצן אָדער ליגן די גאַנצע צייט און רעדן צו זיך, אָדער גלאָצן מיט די ווייסלען אָט אומבאַוועגלעך און אָט פלינק, ווי זי וואָלט זיך דורך זיי דורכגערעדט מיט וועמען. שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער פלעגן זיך שרה און יעוודאכע אַריינגאַנוועגען צו איר אין צימער כדי צו זען וואָס זי מאַכט און איבערלאָזן עפּעס עסן, און אַלע־מאָל אַוועק אין איינע שרעק מיט עפּעס אַ שאַרף וואָרט ווי אַ שפּיזל אין זייער רוקן.

בלויז פאַר סרולטשען האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט: „דעם איינציקן מאַנצביל אין הויז דאַרף מען נישט מבייש שטעלן"... פלעגט זי זיך אַ וויצל טאָן גוטמוטיק. מיט סרולטשען פלעגט זי אָבער פאַרברענגען בלויז איינמאָל אין וואָך. פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט אים שרה אַריינפירן צו דער באָבע צביה זי זאָל אים בענטשן. אָנגעטאָן אין אַ ווייסער פאַטשיילע איבער דער הויכער הויב, האָבן די ציטערנדיקע ווייסלעך ווינציקער שרעק אָנגעוואָרפן; דעם קינד פלעגט זיך אָפט אפילו אויסווייזן, אַז די באָבע לאַכט דאָס אַזוי צו אים. פונדעסטוועגן האָט זיין פּנים אויסגעגעבן די גרויסע שרעק וואָס ער האָט געפילט יעדעס מאָל ווען די ווייסלען האָבן אַ בלינצל געטאָן אַנטקעגן פלאַם

פון די שבת ליכט. שרה האָט דעריבער מורא געהאַט צו לאָזן אים אַליין מיט דער באבען, און דאָס האָט נאָך מער צערייצט די גרויסע צביה. איר צונג איז נאָך שאַרפער געוואָרן, האָט מען זי געוויכט. פלעגט זי אָפט פאַר אומעט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ דורכן פענצטער, בלינצלען מיט די ווייסלען ווי זי וואָלט געזען עפּעס, און אַרויסרעדן אין דרויסן אַרויס: „מענטשן, זעט אַליין, גאָט איז איינער און ווייטער קיינער. וואו איז ער דען נישט פאַראַן? אויך אין מיין פינצטערניש, מענטשן, אויך אין מיין לאָך. נאָר דער טויט איז נישט אומעטום, זעט איר דאָך מענטשן, הי, הי."

זי איז געווען זיכער, אַז כאָטש זי הערט נישט עמיץ זאָל זיין דערלעבן, זעט מען זי און מ'הערט,—ס'איז היימלעכער אַזוי. „ווען אַ מענטש האָט דאָס לשון, איז ער שוין נישט אַליין, הי, הי."

האָבן טאָקע שכנים זי געדענקט, אירע ווערטלעך איבערגעזאָגט און מורא געהאַט פאַר איר ווי פאַר אַ שטן און זי אויסגעמיטן.

איצט, ווען די שכנטעס האָבן זי דערזען דראַפּען זיך אויף די טרעפּ צום בוידעם שטיבל, האָט זיי אַ שרעק אַרומגענומען. אינעם טונקעלען צימער האָט זי געשלייכט שאַרכנדיק מיט די האַלב געליימטע פיס, די הענט פאָראויס־געשטרעקט, די בלינצלענדיקע ווייסלען ווי ווייסע ליכטלעך האָבן געצייכנט דעם חושך, און די צונג ווי אַ בריטווע האָט געשניטן: „מיך לאָזט מען נישט צו צום קינד. צינדט אָן אַ לאָמפּ. פאַר מיר דאַרף איך עס נישט, נאָר פאַר אייך, גוטהאַרציקע, איר זאָלט זען דעם וועג אהיים . . . איך געפין אַליין מיין וועג, הי, הי, פירט מיר ווער אַרויף. כ'וועל סיי ווי סיי נישט שטאַרבן אונטן . . ."

פון יענעם אָוונט איז זי שוין געווען אויפן בוידעם שטיבל. סרולטשע איז שוין דאַן אַלט געווען אַ יאָר ניין. אין די ערשטע פּאָר טעג פון איר זיין מיט אים, האָט ער אפילו אויסגעמיטן צו קוקן אין איר ווינקל. ביסלעכווייז אָבער, האָט ער זיך גענומען איינהערן אין דעם וואָס זי רעדט. ס'האָט אים הנאה געטאָן וואָס ער הערט אַ מענטשלעך קול. ער האָט זיך געפילט היימלעכער. דערנאָך האָט ער זיך שוין אפילו גענומען אַריינמישן מיט אַ וואָרט אין מיטן דער באבעס רעדן צו זיך אַליין, און גאָר שפּעטער האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן אַרויסכאַפּן מיט אַ פראַגע אָדער עפּעס אַליין דערציילן. אַזוי האָבן די צוויי זיך דערנענטערט. מיט לייב און לעבן איז סרולטשע אַריינגעטאָן געוואָרן אין שמועסן מיט דער באבען. ער איז ממש צוגעזאָטן געוואָרן צו איר.

זיין אויג איז נישט מיד געוואָרן צו קוקן אויף אירע ליפּן וואָס האָבן אין אַ שטילן פליסטער אים אוועקגעפירט אין אַנדערע וועלטן, באַוויזן געשעענישן וואָס האָבן פּאַסירט אָט טאָקע דאָ נישט ווייט, אויפן וועג וואָס פירט צום

וואַלד, בײַ דער וואַסערמיל און אין פּריצס פּאַלאַץ אויפֿן שפּיץ באַרג. פֿאַר־טיפֿנדיק זיך אין אירע מעשׂות, האָט זײַן בליק געוואַנדערט פֿון דער באַבעס ליפּן צו די טיפֿע קנייטשן אויף איר פּנים, און פֿון דאָרט צו די ווײַסע אויגן־לעכער, וואָס נאָר לויטן בלינצלען זעט מען אַז זיי לעבן. האָט ער אַרײַנגעקוקט אין זיי, און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז ער קוקט אַריבער אין אַ געהיימער, סודותדיקער וועלט.

— זעסט, סרוליקל,—פֿלעגט זי פֿון זיך אַליין גאַנץ אָפּט אָנהייבן, און ער פֿלעגט גלײַך אַוועקוואַרפֿן דאָס שפּילעכל אָדער דאָס סידורל און זיך צורוקן צום בעט,—„זעסט, מײַן קינד, אין אַלע פֿיר זײַטן פֿון זײַן שטוב זײַנען פֿיר טירן געווען ווי בײַ אברהם אבינו, כּדי אָרעמע לײַט און הײַזער גייער, די אורחים און סוחרים פֿון גאָר דער וועלט וואָס פֿאָרן דורך אָדער טרעפֿן זיך דורכ־צוגיין, זאָלן קענען אַרײַנקומען, עסן וויפֿל זייער האַרץ געלוסט און טרינקען ווי עס באַדאַרף צו זײַן, אָן אַ פּרוטה געלט. האָט דער אייבערשטער אַרײַנ־געשיקט די ברכה אין דעם הויז און דער אַרענדאַר איז געווען אַן עושר אַלע זײַנע טעג, נאָר איין זאַך האָט גאָט פֿאַרמיטן פֿון אים.—"

דאָס קינד שפּאַרט אַן דאָס קעפּל אויפֿן בעט און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זעט ער די וועלט וואָס די באָבע ברענגט אַרויס פֿון דער ווײַטער פֿינצטערניש. אַ היפּש ביסל פֿון די מעשׂות זענען אים שוין אַזוי באַקאַנט, אַזוי היימיש, אַז ער לעבט מיט זיי אַ לאַנגע צײַט נאָכן דערציילן; און ווען ס'קומט אים צו אַ נײַער נאָמען, אַ נײַע געשטאַלט, שטעלט ער זיי שוין פּאָר צוזאַמען מיט די פֿריער־דיקע, בינדט זיי צונויף און פֿירט זיי מיט זיך ווי טרײַע חברים. אפֿילו גע־ווייסע כּלים, מעבל, חדרים, וועגן און וועלדער, טײַכן און בערג, ווינטן, שניי און שטורעמס,—אַלץ, אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט אַן אָרט אין איינע פֿון די מעשׂות, האָט געלעבט אין אים און מיטגעגאַנגען מיט אים.

און די וועלט איז אַזאַ רײַכע: ס'גייען אַרום דאָרט פּשוטע און געלערנטע לײַט, אײדעלע און מגושמע, און אַזעלכע וואָס האָבן זייערע לײַבער אַוועק־געגעבן פֿאַר גאָט און זײַן תּורה. טרויעריקע און פֿריילעכע, און אַזעלכע וואָס מ'קען עפּעס נישט צוטרעטן צו זיי,—אַזוי ווײַט און פֿאַרהוילן זײַנען זיי: פֿאַרבאָרגענע און פֿאַרשטעלטע למד־וואָווניקעס זײַנען זיי, וואָס בלאָנקען אַרום אויף דער וועלט און קיינער דערקענט זיי נישט.

דאָס קינד פֿלעגט ממש ווערן אויסער זיך, דער מוח האָט אים אַזש געפּלאַמט, „גייען אַרום אַזעלכע מענטשן וואָס אויף זיי שטייט די וועלט און קיינער ווייסט נישט און קיינער דערקענט זיי נישט." אָבער אָט טוט אים אַ שווים צו די געשטאַלט פֿון אליהו הנביא און עס ווערט אים גוט אויפֿן האַרץ:

מיט א טאָרבע און אַ שטעקן גייט זיך אליהו אויפן וועג, אַ פאַרשטעלטער אָרימאַן. דער הונגער קוקט אים פון די אויגן אַרויס אָבער קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. און ס'איז גוט אַזוי, ווייל אין טאָרבע טראָגט ער אַ גאָלדן רענדל פאַרן גאַטספאַרכטיקן אַרענדאַר וואָס דער פּריץ וויל אים גרוב אַריינוואַרפן . . . קיינער דאַרף אליהון נישט דערקענען, ער גייט אין אַ טייערער שליחות . . .

און אָט זעט ער דאָס וועגל דורך וועלכן די היידאַמאַקעס זיינען אין שטעטל אַריין און לעבן דער שול אַוועקגעשטעלט קאַסטנס און אַלע קינדער אַהין אַריינגעשאָכטן.

פאַר שרעק און ווייטיק גראָבט ער איין דאָס קעפּל אין דער באָבעס שויס און פאַרבייסט אַזוי מיט די ליפּן, אַז די באָבע זאָל נישט הערן ווי ס'קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן. זי הערט אָבער יאָ און גלעט אים צאַרט:

— פאַרבייס נישט די ליפּן, סרולטשע, ווען דער מענטש זאָל אַלצדינג האַלטן איין זיך, וואָלט ער פּלאַצן ווי אַ באָטשקע.*

—אָבער באָבע!—האָט דאָס קינד כּליפּנדיק געוואָלט עפּעס אָנהייבן פרעגן און נישט געקענט.

— טו אַלעמאָל געדענקען, מיין קינד, אַז גאָט איז מיט דיר אפילו ווען ס'איז זייער שלעכט,—וועסטו קיינמאָל קיין מורא נישט האָבן.

— וועט מיר אויך קיין שלעכטס געשען? . . .

— מיט גאָט זיין אין הילף.

— פון וואַנען ווייסטו, באָבע?

—אַזוי איז שוין אַלעמאָל. נאָך די הייסע טעג קומען שטורעמס, רעגנס—וואַקסן גראָזן . . .

נישט אַלע מאָל פאַרשטייט נאָך סרולטשע דער באָבעס ענטפערס, אָבער זיי באַרואיקן אים פאָרט און ער קען זיך נישט אָפּרייסן פון איר וועלט מיט מעשות. און די באָבע, ווי זי וואָלט זיך געאיילט אַלץ אויסדערציילן איידער ס'וועט זיין צו שפּעט, האָט געשפּונען איין מעשה נאָך דער אַנדערער:—
„און ווען קהל האָט געקראָגן צו וויסן אַז משיח איז שוין דאָ, אַזוי האָבן זיי זיך אַלע אַרום די קאַסטנס פאַרזאַמלט און געטאַנצט דאָס שמחה-טענצל אַ טאָג מיט אַ נאַכט . . .”

די מעשות וועגן משיחן האָבן אים גאָר פאַרכאַפּט אינגאַנצן. דאַמאָלסט וועלן דאָך די מתים אויפשטיין, דער טאַטע וועט דאָך דאַן זיכער צוריק-קומען . . .

* באָטשקע — אַ פעסל געמאַכט פון לייס אָדער פעל.

— איז ער טאַקע געקומען, באַבע?—האָט דאָס קינד פאַרבענקט געפרעגט, הערנדיק די מעשה וועגן דעם משיח וואָס איז געוואָרן אַ טערק.

— אוודאי, זיבן יאָר האָט ער זיך געריייניקט אין ים און זיבן יאָר אין מדבר כדי דאָס פאָלק ישראל אויסצולייזן, נאָר מיר זיינען נישט ווערט געווען ביי גאָט. אַזוי זיינען מיר געשלאָגן געוואָרן מיט בלענדעניש. האָט מען געזאָגט אַז משיח איז שוין געקומען און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו ער איז. און די וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי ווייסן, האָבן אָפּגענאַרט, מיין קינד. מ׳האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו אים, און מ׳זאָל באַהיט און באַשערעמט ווערן — מער ניט צוריקגעקומען.

— זיינען אַלע טאַקע געווען בלינד?—האָט דאָס קינד זיך געוואונדערט.

— נישט אַזוי ווי איך, זונעלע, זיי האָבן געהאַט אויגן ווי דו און גאָרנישט נישט געזען. געקוקט און גאָרנישט נישט באַמערקט, פּונקט ווי אין אַ נעפּל.

— האָסטו אים געזען, באַבע?

— ביזט אַ נאַרעלע סרוליקל, מ׳זאָגט דאָך דיר אַז די אויגן האָבן גאָרנישט באַמערקט. מ׳האָט נאָר געזאָגט . . .

— אָבער זיי האָבן דאָך געטאַנצט, באַבע?

— אוודאי מיין קינד, געטאַנצט, נשים מיט מאַנצבלען אין איינעם, קינדער אין מיטן; קלעזמאָרים האָבן געשפּילט אַ פריילעכס; אין טליתים און אין קיטלען האָט מען געטאַנצט; אין אַלע גאַסן האָט מען געטאַנצט; ס׳איז געווען אַזאַ שמחה, אַז וואויל צו די וואָס האָבן עס געזען,—האָט די באַבע זיך פּלוצים אַ שאַר געטאָן פון בעט אַראָפּ און מיט די האַלב געליימטע פיס גענומען דרייען זיך אין אַ מין טאַנץ,—הערסט, סרולטשע,—האָט זי אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און צוגעצויגן צו זיך,—געטאַנצט אַזוי, אַז ס׳האָט אַזש געברענט אין די גערעדים.

— פאַר וואָס זשע איז ער געוואָרן אַ טערעק, באַבע?—האָט דאָס קינד געטרויערט.

— אַ פאַרבלענדעניש, קינדעלע, פון וואַנען זאָל איך ווייסן?—

פאַר וואָס זשע ווייסטו נישט, באַבע?—האָט זיך סרולטשע קינדעריש פאַרעקשנט,—פאַר וואָס, באַבע?

די באַבע איז געשטאַנען אינמיטן צימער אַ צעטראָגענע. מיט ביידע הענט האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אויפן סענקעוואַטן שטעקן אירן און גע־בלינצלט פאַרלאָרן מיט די ווייסלעך וואָס זיינען איצט געווען אָנגעגאָסן מיט אַ מאָדנער רויטקייט.

— כ'וויל וויסן, באָבע! — האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט.

אָפּט האָבן אים די נישט קלאָרע ענטפערס אויפגערייצט, האָט ער זיך געכעסט אויף דער באָבען און געלאָפן צו דער מאַמען זוכן אַ בעסערן באַ־שייד. אָבער די מאַמע אַ פאַרצרהטע, אַ פאַריאָגטע, האָט אים אָפּגעפּטרט מיט אַ גלעט: „גיי, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן, וועסטו בעסער וויסן. באַגער נאָר צו לערנען. פרעג דעם מלמד ווען ער וועט קומען."

דעם מלמד האָט ער אָבער נישט געקענט פרעגן. דאָס איז געווען אַ ייד אַ מרה שחורהניק, אַ שווייגער. האָט מיט אים אָפּגעזאָגט די ברכות אין סידור, אָפּגעקושט מיט אים די ציצית און זיך אַרויסגעשלייכט ווי ער איז געקומען.

איינמאָל האָט ער זיך פאַרט איינגעשטעלט און געפרעגט דעם מלמד:

— פאַר וואָס איז ער נישט געקומען?

— ווער?

— משיח . . .

— ער איז יאָ געקומען . . .

— האָט מען אים דערקענט?

— יאָ!

— פאַר וואָס זשע איז ער געוואָרן אַ טערעק?

— אַ פאַרבלענדעניש, — האָט דער ייד פאַרביסן די ליפּן און זיך אַרויס־געררוקט.

אויך סרולטשע האָט פאַרביסן די ליפּן און געפילט, אַז עפּעס באַהאַלט מען אויס פון אים. האָט ער זיך ווידער גענומען טשעפּען צו דער באָבען, אָבער זי האָט זיך שוין געבייזערט אויף אים:

— כ'האָב דיר שוין אַלץ דערציילט, קינד מיינס. וועסט עלטער ווערן, וועסטו שוין אַליין פאַרשטיין.

נאָך אַזעלכע ענטפערס פלעגט ער ביינאַכט זיך טוליען צו דער מאַמען און נאָגן מיט אַ כליפּ:

— ווען זשע וועט ער קומען, מאַמע? כ'וויל אים זען . . .

— אַז מירן ווערט זיין ביי גאָט, קינד.

— זאָגסט אַלעמאָל אַזוי, — האָט זיך דאָס קינד געברוגזט.

— שלאָף, שלאָף, האָף צו גאָט. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט וואָס ר'האָט מיר אָנגעזאָגט: „זאָלסט זאָגן סרוליקלען, אַז ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף גאָט און גאָרנישט קיין מורא האָבן" — וויל זי אים באַרואיקן מיט דעם וואָס זי האָט אים שוין אַ סך מאָל געזאָגט.

דער שלאָף נעמט אים אָבער נישט אזוי גיך, עס מאַטערן אים מחשבות און בילדער, און די פראַגעס טאַנצן פאַר זיינע אויגן און לאָזן נישט אָפּ; און ווען ער ווערט שוין אַנטדרימלט, ווײנט ער אין זיך: „פאַר וואָס קומט ער נישט? פאַר וואָס זוימט ער זיך אזוי לאַנג?"

ב

ס'איז געווען סוף הארבסט. די וועגן וואָס פירן אין דאָרף אריין זיינען געווען בלאָטיק און גריבערדיק פון די רעגנס, וואָס האָבן זיך דאָס יאָר פרי אָנגעהויבן און נישט אויפגעהערט וואָכן נאָכאַנאַנד. דאָס דאָרף איז ווי געזונקען אין בלאָטע און געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט. זעלטן אַז מ'האָט געזען אַ וואָגן שלעפּן זיך אויפן טראַקט. אין די נעכט האָט מען דורך די קליינע פויערישע שייבעלעך, אָפּט געזען ווי אויפן טראַקט האָט אַ צונג פייער אַ פלאַטער געטאָן. האָט עס אַ שניט געטאָן ביים האַרץ און מען האָט זיך גענומען טיפער איינהערן אינעם טשורקען פונעם רעגן אויפן שטרויענעם דאַך, און דערהערט טאָקע אַז פון דער זייט פונוואַנען דער פלאַם האָט אויפגעפלאַקערט, קומט אַן עלנט וויאָקען און אָכצן: — „אַ נאָ, נבלות טייערע! הייב שטאַרקער, בולאַנע!"

אזא וויאָקען האָט גאַנץ אָפּט ארויסגעריסן אַ פויער פון דער כאַטע אין דרויסן אַרויס. אַ פּאָר מינוט האָט ער זיך געפּאָרקעט אין פאָדער הייזל און ארויסגעקומען פון דאָרט מיט אַ זאַק אויפן קאָפּ און אַ דראָנג אין דער האַנט. — „צו אַלדי טייוול," — האָט דער פויער געשאָלטן און געשפּיגן אין רעגן אריין, און גענומען טאָפּטשען אין דער בלאָטע גייענדיק העלפן ארויסשלעפּן אַ פאַרגרעזנעטע פור ערגעץ אויפן וועג. אַנדערע אָבער, האָבן דערהערנדיק דאָס וויאָקען אריבערגעוואָרפן דאָס איבערבעט איבערן קאָפּ און אין זיך געדאַנקט גאָט, וואָס זיי האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און דאַרפן נישט אין אזא נאַכט ארומשלעפּן זיך אויף די בלאָטיקע וועגן, וואו בלויז דער טייוול אַליין שפּאַצירט אַרום אַ שוואַרצער, אַ קויטיקער ווי אַ קוימענקערער. — „ווען דער באָטשאַן פליט אַוועק, פאַרנעמט דער טייוול זיין אָרט" האָבן אַלע פויערים געוואוסט. אין אזא צייט איז גלייכער צו זיין אונטער דעם אייגענעם דאַך. ביי טאָג האָט מען זיך געפּאָרעט אַרום דער זיהאַטע*, ארומגעוויקלט די קלעצערדיקע ווענט מיט לאָזעס און בלעטער, — ס'זאָל זיין וואַרעם ווען די פרעסט וועלן קומען, און אין די נעכט האָט מען ביים צאַנקנדיקן קינדל געפלאָכטן קוישן און לאַפּטשעס. בלויז די דאָרפס גייערס, האָבן זיך פון צייט צו צייט באַוויזן. פאַרדריפּעטע, מיט אונטערגעבונדענע פּאָלעס ביז דער העלפט, האָבן זיי זיך געשלעפּט פון כאַטע צו כאַטע און געהאַנדלט.

*זיהאַטע — אַ דעק פון גראָזן איבער די ווענט פון הויז.

אפילו אין קרעטשמע אריין האָט זיך נישט געגלוסט גיין. מיטן וועג האָט מען גאָרנישט געקענט צוקומען אהין און מיט די פעלדער איז אויך געווען סכנות־נפשות צו גיין, איז מען טאַקע זעלטן געגאַנגען אַהין, און פון גרויס אומעט האָט כאַטע מיט כאַטע זיך איבערגעזונגען מיט טרויעריקע לידער וואָס שניידן ביים האַרץ.

בלויז דער מלמד פלעגט קומען אין זיין צייט לערנען מיט סרולטשען און נאָך פאַרזיצן מער ווי געוויינטלעך. זינט סרולטשע האָט אים געפרעגט וועגן דעם משיח וואָס איז געוואָרן אַ טערק, האָט דער מלמד גענומען זיך מער אָפּ־געבן מיט אים. ער האָט שוין אָנגעהויבן לערנען מיט אים גמרא אויך. דער עיקר איז אָבער נישט געווען דאָס לערנען נאָר דאָס שמועסן אין מיטן און נאָכן לערנען. ווי אַ קוואַל וואָס עפנט זיך ביסלעכווייז, אַזוי האָט דער רבי זיך גענומען אַנטפּלעקן פאַרן תלמיד.

געוויינטלעך איז עס געווען אַזוי, סרולטשע האָט געפרעגט און דער רבי האָט געענטפערט. שפּעטער אָבער פלעגט עס שוין אויך אַנדערש זיין. פון טאָג צו טאָג איז סרולטשע דרייסטער געוואָרן און זיך נישט געשעמט צו דערציילן דעם רבין זיינע חלומות און זעאונגען. אינעם מלמדס אויגן האָבן פייערלעך געטאַנצט ווען ער פלעגט דערהערן פון אים עפּעס אַן אויסטערלי־שע זאַך.

—האָסטו צוגעליגט דאָס אויער, וואָס זשע האָסטו געהערט?—האָט דער מלמד איין מאָל געוואָלט דערגיין ביזן סוף פון דעם וואָס סרולטשע האָט דערציילט. ס'איז געווען אין אַ פאַרנאַכט, אַהיים גיין האָט דער מלמד נישט געקאָנט, ווייל נעפּלען האָבן אַלץ פאַרדעקט און פאַרווישט. זיינען זיי ביידע געזעסן אין ווינקל פון בוידעם־שטיבל און שטילערהייט געשמועסט, נישט וועלנדיק וועקן די באָבע צביה וואָס איז שוין עטלעכע טעג קראַנק געווען. סרולטשע האָט שטיל דערציילט און דער מלמד, ציטערנדיק מיט אַלע אברים אַז ר'האָט אַזש אָנגעהויבן שטאַמלען, האָט אים אָפּט איבערגעפרעגט און אַליין אויך עפּעס צוגעגעבן: „—האָסט געהערט דעם ניגון פון די גראָזן בשעתן וואַקסן, ווייל ווייס סרולטשע, אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט קולות. יעדער אבר פון דער בריאה האָט זיך זיין קול, און אַלץ וואָס איז אין דער בריאה איז דאָך אַן אבר פון דער בריאה. איז אַן אבר מלא שמחה טאַנצט עס צום אייגענעם קול נגינה; איז אַן אבר חס ושלום אין צער, איז עס מקונן מיטן זעלבן קול; ווען ס'איז אַ שעת־רצון זיינען אַלע אברים מרנן בנשימה אחת, נאָר הערן הערט מען נאָר יעדער אבר אין זיין צייט, ווייל יעדער אבר פון דער בריאה האָט זיך זיין צייט פאַר שירה. ס'איז פּונקט ווי ביי תפילה בציבור: אַלע זיינען טאַקע מתפּלל, נאָר מ'הערט נאָר דעם חזנס קול; חס

ושלום אָבער, אַז ס'איז נישט קיין שעת רצון, ווערט אַן ערבוביה פון אַלע קולות. קומען דאַן אַן אַלע פורעניותן און גזירות רעות רחמנא ליצלן, אָבער גאָר ווייניק זיינען זוכה צו הערן ובפרט צו וויסן וואָס מ'הערט און זעט."

— וואָס הייסט, רבי? — האָט סרולטשע ווי אויפגאַפנדיק זיך פון דרימל אַ פרעג געטאָן — וואָס זיינען דאָס פאַר אַ קולות?

— פאַראַן קולות וואָס זיינען דעם מענטשן מזהיר, וואָרענען אים: ביסט זינדיק בן־אדם און פון יעדן זינד ווערט באַשאַפן אַ מלאך רע, גייט ער דיר נאָך דער מלאך רע און וויל דיך רק שטרויכלען, אין בור שחת טרייבן. פאַראַן אָבער קולות וואָס זיינען דער היפוך: פריי זיך מיט דיין יונגשאַפט, בחור,— זינגען זיי. זעסטו דען נישט ווי דער בורא עולם האָט אַלץ באַשאַפן פאַר דיין כבוד וועגן? פאַראַן אָבער אויך קולות שאוזן לא שמעתם — — —

ווייט אין דאָרף האָבן הינט זיך צעהאַווקעט מיט האַרבסטיקן עלנט. דער רעגן האָט מיט איינגעגעסנקייט געקלאַפּט אין די שייבלעך. סרולטשע האָט עס אָבער נישט באַמערקט. מיט אויגן ווי דימענטן האָט ער געשניטן דעם טונקל, איינגעשניטן זיך אינעם מלמדס פנים און געזוכט אַן ענטפער נישט נאָר פון זיינע ליפּן, נאָר פון יעדן מיג פון זיין אויג און קנייטש פון פנים.

— פאַר וואָס זשע רבי, הערן נישט אַלע? — האָט ער ווי אין חלום אַרויס־געשעפּטשעט.

— ווייל, מיין קינד, — ווערט דער מלמד אַלץ צוגעלאָזענער, — ס'איז אַ משל צו אַ בעל־מנגן. דעם כוח פון נגינה האָט ער געקראָגן מלידה, אָבער דעם ניגון און די יופי פונעם זמר האָט ער אַליין אויסגעאַרבעט. אַז דער רבונו של עולם העלפט און מ'האָרעוועט אויס דאָס אויער און דאָס אויג, זעט מען און מ'הערט.

ביי סרולטשען טאַנצט דאָס האַרץ:

— און רבי, — שטאַמלט ער קוים אַרויס, — און אַז מ'איז זוכה?

די שניידנדיקע דימענטלעך זיינען עפּעס ווי פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ הייטל. ער זעט שוין מער נישט דעם רבינס מגושמדיקע און פליישיקע ליפּן; ווען נישט וואָס ער האַלט דעם רבין ביי דער האַנט, וואָלט ער אפילו נישט געפילט אַז ער זיצט לעבן אים. ער הערט אָבער דעם רבינס קול, אַ פאַרטיפטס, ווי ס'וואָלט געקומען פון ווייט, פונעם נעפל אַרויס, און ס'ציטערט דאָס קול און ס'גלעט:

— סרולטשע, מיין קינד, אַז מ'איז זוכה, קומט מען צו דער מדרגה פון גאולה. משיח, שטייט געשריבן, וועט זיך אפילו נישט דאַרפן משתמש זיין מיטן קול.

— זיצט ער אין דער מדבר, רבי?

— אוודאי. אז איינער איז זוכה צו דער מדרגה, דערפילט ער ערשט דעם מדבר אין וועלכן מ׳געפינט זיך... און אפילו ווען ער ווערט נתגלה, מוז ער אויך צוריק אין מדבר גיין. ער מוז זיך פירן ווי מ׳פירט זיך אין מדבר, כדי מ׳זאָל אים נישט דערקענען פאַר דער צייט.

— רבי,—האָט דער קליינער סרולטשע פלוצים א צאַפּל געטאָן,—רבי, איז משיח אַלעמאָל צווישן מענטשן?

— יאָ, מיין קינד, אַלעמאָל, א פאַרשטעלטער, א פאַרהוילענער, און ווען אַלע וועלן קומען צו דער מדריגה פון גאולה, וועט ער נתגלה ווערן.

— און דער וואָס איז געוואָרן א טערעק?

— א פאַרבלענדעניש, סרולטשע, געווען אַן עונש,—האָט זיך דער מלמד געכאַפּט אַז ער איז שוין צו ווייט פאַרגאַנגען אין שמועס און געוואָלט אָפּ־האַקן, נאָר סרולטשע האָט שוין אָבער נישט געלאָזט. צוגעהאַלטן פעסט דעם מלמדס האַנט און זיך געוועקט.

— פאַר וואָס אַן עונש, רבי? א שווינדלער, אַן אָפּנאַרער,—איז ער אַלץ מער אויפגעקאָכט געוואָרן,—א שקרן!

— חס ושלום, סרולטשע, מ׳טאָר אזוי נישט רעדן. זאָלסט וויסן זיין אַז יעדער פּרי האָט זיך איר לבוש, אָבער דער לבוש איז נישט די פּרי. כדי צו האַלטן די פּרי גאַנץ אַז מ׳זאָל פון איר קענען הנאה האָבן, מוז מען זי מלביש זיין. מיט דער הלבשה ראַטעוועט מען די פּרי. ער—האָט אויך אזוי געטאָן.

— כ׳פאַרשטיי נישט רבי,—האָט זיך שוין סרולטשע הויך צעשריגן,— כ׳ווייס נישט וואָס איר מיינט!

— סרולטשע,—האָט די באָבע צביה פון איר ווינקל אַרויס מיט א שוואַך און געשפּאָלטן קול קוים א כריפּע געטאָן,—סרולטשע, דער רבי איז גערעכט! אומזיסט טאַנצן דען יידן? נאָר אונדזערע זינד האָבן גורם געווען, האָט מען מעניש געווען...

— מיר וואָלטן חס ושלום אַלע נהרג געוואָרן,—האָט דער מלמד אַלץ געוואָלט געבן צו פאַרשטיין דעם צערייצטן תלמיד זיינעם,—מיט זיין פאַר־שטעלן זיך האָט ער אַלעמען מציל געווען. און חיי שעה, מיינסטו איז א קליניקייט?!

— וועסט מיערטשעשעם אויסוואַקסן א ייד, וועסטו שוין אַליין פאַרשטיין, —האָט די באָבע פאַרענדיקט מיט א קרעכץ,—גייט נישט אַוועק, רבי, כ׳פיל מיך שלעכט.

דער באבעס ווערטער, האָבן סרולטשען גלייך אוועקגעריסן פון דעם מאַן וואָס איז געוואָרן אַ טערק. בלויז איין ווייטיקדיקער געדאַנק האָט פאַרצאַפּלט און געקלעמט דאָס יונגע הערצל. „מיט ווּעמען וועט ער איצט בלייבן?״— אָט דער געדאַנק, האָט אים די אין די לעצטע טעג פון דער באבעס קראַנקייט גענאָגט בייטאָג און ביינאַכט. די איינציקע וואָס האָט עס געפילט איז געווען טאַקע די באָבע אַליין.—פאַרוואָס ציטערסטו אַזוי, מיין קינד?—האָט זי אין יענע טעג אים געפּרוּווט שטאַרקן — זעסט, אפילו צו מיין פינצטערניש נעמט שוין אויך אַ סוף. זאָרג נישט, די מאַמע וועט מיט׳דיר אין שטאָט פאָרן, וועסט אין חדר לערנען, מיט לייטן גערייען און גאָטס דרכים ערשט פאַרשטיין.

סרולטשע האָט זיך אָבער בלויז געטוליעט צו דער באָבען און שטיל געהעשעט. פלעגט זי שוין מיט די לעצטע כוחות אָנשרייען אויף אים:—נו, קינד, לאָמיר זשע לייענען קריאת שמע, ס׳איז אַ סגולה, שמע ישראל— האָבן זיי ביידע געזאָגט: זי מיט איר כריפּנע צעשפּאָלטן קול, און ער מיט אַ צוגעלייגט קולעכל ווי אַ הייזעריק הענדל. אַ קרומער הארבסט רעגן האָט גע־ווייקט דעם שטרויענעם דאַך און פאַרהויכט די שמאָלע שייבלעך פונעם פענצטערל, און די צוויי זיינען אַזוי איינגעקלאַמערט איינער אינעם אַנדערן אַנטדרימלט געוואָרן אין מיטן זאָגן.

אויך איצט, האָט סרולטשע זיך אַ לאָז געטאָן צו דער באָבען, אָנגענומען אירע פאַרמאַרעטע פינגער און זיי גלייך אָפּגעלאָזן.—באָבעניו!—האָט ער אַ שלוכץ געטאָן.

— רוף די מאַמען, סרולטשע,—האָט זי מיט אַ ציטערדיק קול אים געבעטן, —רוף אויך יעוודאכען, אַן אייגענע אין הויז. אפּנים אַ גרויסע בלאָטע אין דרויסן. קיינער נישטאָ אין קרעטשמע,—האָט זי שוין ווי צעטראָגן פאַרענדיקט.

—זאָלסט זיך אַריינציען אין שטאָט, שרה,—האָט די באבע זיך געשטאַרקט אָנצוהאַלטן זיך מיט די אויסגעבלייכטע הענט אָן די זייטן פון בעט, ווען שרה מיט יעוודאכען זיינען געקומען צולויפן,—זאָלסט אים אָפּגעבן אין חדר. זאָלסט קיין מורא נישט האָבן, סרולטשע. ער וועט קומען,—האָט זי שוין גע־נומען כאָרכלען,—ער וועט קומען! מ׳דאַרף נישט וויינען, שרה, מ׳וועט נאָך טאַנצן. זייט זיך משמח וואָס אין מיין פינצטערניש, — ער וועט קומען, — זיינען אירע ווערטער פאַרזונקען געוואָרן אינעם כאָרכל.

סרולטשע איז געשטאַנען און געטאַמלט, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אַ צאָן אָן אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט, און ער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון דער באבעס ווייסע אויגן־לעכער, וואָס זיינען געווען פאַרגאָסן מיט אַ מאָדנער פייכטקייט ווי שליים. ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז דאָס פאַרדעקט זי

זיך אזוי די באבע ביסלעכווייז, און אין אים אַליין האָט זיך אויך גענומען עפּעס צודעקן, פאַרמאַכן. קוים וואָס ער הערט דער באבעס כאָרכלען, קוים וואָס ער זעט איר פּנים. ווי הייטלעך וואַלטן זיך פאַרצויגן איבער זיינע אויגן און אויערן. ער האָט זיך געוואָלט ארויפוואַרפן אויף דער באבען, עפּעס נאָך אַ זאָג טאָן און געבליבן שטיין ווי געליימט, געפילט בלויז אַלעמענס בליקן אויף זיך און ענדלעך דערהערט דעם מלמדס קול: „קום ארויס, סרולטשע, קום!"

אויף אַ מינוט האָט אים די פאַרטייעטקייט אָפּגעלאָזט און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער באבען מיט אַ כליפּ.

— וויין נישט, סרולטשע,—האָט זי קוים ארויסגעכאָרכלט,—זאָג מיט מיר „שמע — — — — — "

מיט אַ משונה און בלייערן קול האָט סרולטשע אָנגעהויבן זאָגן, אָבער דער מלמד האָט אים אינמיטן אַ כאַפּ געטאָן און אראָפּגעטראָגן אין דער טרינק־שטוב אריין.

— ס'איז נישט פאַר קיין קינדער,—האָט ער אים געגלעט און בארואיקט. נאָר יאָרן־לאַנג נאָכדעם האָט סרולטשע נאָך אַלץ געהערט דער באבעס לעצטן שלוק, ווי עמיץ וואָלט זי געשטיקט.

ווי נאָר ער פלעגט בלייבן אַליין, האָט ער גלייך געזען פאַר זיך יענעם הארבסט פאַרנאַכט און אַ גרויסער צער פלעגט אים ארומנעמען, אַ צער פאַר וועלכן ער האָט קיין ווערטער נישט געהאַט נאָר טרערן. האָט ער טאַקע מיט קיינעם נישט גערעדט און נישט געשפּילט זיך, נאָר אַ שווייגנדיקער האָט ער זיך גערוקט אין זיין ווינקל אריין. דער באבעס לעצטער שלוק האָט מיט דער צייט אָנגענומען אַ פאָרעם און זיך געוויקלט ארום אים ווי אַ שטריקל, און פאַרקניפּט אַלע קוואַלן און אָפּגענומען דעם חשק צו גיין, צו טאָן און צו זען.

ערשט שפּעטער, גאָר שפּעטער, צונויפקומענדיק זיך מיט מענטשן— האָט די טעמפּקייט גענומען אָפּגיין. ער האָט אָנגעהויבן פילן ווי די קנופּן ארום אים ווערן לויזער און פרייער, אָבער מאָדנע,—ס'איז אים שוין אָפּט אַ שאָד געווען צו פאַרלאָזן אינגאַנצן יענע וועלט זיינע, און ער פלעגט זיך גאָר אָפּט אומקערן צו פאַרשטעלטקייט און טעמפּער איינזאַמקייט.

ג

צו די שלושים נאָכן טויט פון דער באבע צביה, האָט שרה פאַרקויפט די קרעטשמע מיט אַלע כלים פון הויז. זי האָט בלויז אויסגענומען מיטן נייעם קרעטשמער, אַז יעדעס מאָל ווען זי וועט קומען אין דאָרף אריין, זאָל זי קענען

נעבטיקן אין בוידעם שטיבל. סרולטשע איז אין די טעג פון פארקויפן ארומ־גענאנגען א פארטראגענער און נישט געוואוסט אויף וועלכער וועלט ער איז. די פרעמדע מענטשן וואס זיינען געקומען קויפן די קרעטשמע, האט ער כמעט נישט באמערקט, און ווען ער האט זיך שוין יא אנגעשלאגן אן איינעם פון זיי, איז ער אפגעטראטן פון וועג אן אומצופרידענער: „עפעס הפקר געווארן דאס הויז, זינט די באבע האט זיך געפעלט"—און באלד איננאנצן פארגעסן אין דעם. אים האט געמאטערט אן אנדערע זאך: שוין צוויי וואכן, אז דער מלמד ווייזט זיך נישט. נאך דער שבעה האט ער זיך איינמאל אין א פארנאכט אריינגעשליכט אין קרעטשמע און גארנישט זאגנדיק צונויפגענומען זיינע ספרימלעך און—מער זעט מען אים נישט. ער האט זיך אפילו נישט געזעגנט ווי געהעריק. סרולטשע פארשטייט נישט וואס דא איז געשען, כאטש די מאמע האט אים געפרואווט געבן צו פארשטיין, אז אויף דעם מלמד רעדט מען אין שטאט.—„ר'איז פון יענע לייט"—האט זי אים איבערגעגעבן ווי א סוד. כל זמן די באבע האט געלעבט האט זי אים געמוזט האלטן, כאטש די נשמה איז איר שיר נישט ארויסגעפלויגן יעדעס מאל ווען זי האט אים געזען אריינקומען אין הויז. די באבע צביה, זאל זיין אפגעשיידט, איז געווען אן עקשנטע א גרויסע און האט נישט געוואלט טאן דאס וואס אלע: „האסטו געהערט אביסל, טאמער ווייסטו וואס מ'האט זיך צוגעטשעפעט צו א יידן? ועמעס דאגה, אז ר'האט ליב צו זיצן אליין אין וואלד צי ביים וואסער?! וואלטן זיי געווען דערפסלייט, וואלטן זיי געוואוסט און נישט אנגעלייגט זיך." אזוי פלעגט זי טענהן יעדעס מאל ווען שרה פלעגט זיך קלאגן אז אין שטאט רעדט מען אויפן מלמד.

אין וואס גענוי מ'באשולדיקט אים האבן ביידע נישט געוואוסט. נאר די באבע האט זיך אנגעשטויסן אז דאס איז מסתמא צוליב די מעשות וואס ער דערציילט. זי האט אבער די מעשות זייער ליב געהאט און נישט געזען קיין זינד אין דעם. שרה האט אבער זיך געשראקן און גלייך נאך דער קבורה אנגעזאגט דעם מלמד, אז זי פארט אוועק אין שטאט אריין און ער דארף שוין מער נישט קומען. זי האט אויך גוט געזען ווי סרולטשע גייט ארום א פארטייעטער און צוליב דעם אונטערגעאיילט דאס פארקויפן. ס'איז ביי איר דערפאר געווען א גרויסע פרייד ווען זי האט שוין געקענט גיין דינגען א פויער ער זאל זיי אפפירן אין שטאט אריין.—סרולטשע,— האט זי א פריי־לעכע אים אנגעזאגט די בשורה,—היינט פארן מיר אין שטאט אריין!

ער האט אבער כמעט ווי נישט פארשטאנען וואס זי מיינט און ווייטער געשטאנען ביים פענצטערל און געקוקט צום וואלד, וואס איז איצט געשטאנען הויל מיט פארשווארצטע קרוינען אויף די ביימער; אויפן וועג — טיפע

בלאָטעס, און געדיכטע נעפּלען האָבן זיך געקנוילט פון אויבן אַראָפּ־באַרג; און אין מיטן באַרג האָט אַ ווינטל צעלעכערט דאָס געדיכטעניש און אַ שטיק נעפּל האָט זיך אָפּגעריסן און גענומען קריכן אַליין אין אַ ווינקל אַריין. ער איז געשטאַנען און ס'האַרץ האָט אים געקלעמט אויף עפּעס וואָס ער האָט אַליין נישט געוואוסט דעם נאָמען דערפון.

— גרייט זיך צו,—האָט אים די מאַמע געוועקט,—וואָס שטייסטו?

אין קרעטשמע זיינען שוין געווען די נייע באַלעבאַטים. שרה האָט זיך שוין געהאַט מיט אַלץ אָפּגעזעגנט, אפילו מיט יעוודאָכן זיך שוין צעקושט און סרולטשע האָט עס נישט באַמערקט. ערשט ווען מ'האָט אים אַריינגעזעצט אין וואָגן פול מיט שטרוי, האָט ער זיך צעכליפּעט הויך אויפן קול:

— אין אַ גוטער שעה, האַרצעדיקער טאַטע,—האָט שרה, האַלב אין אַ כליפּ זיך געוואונטשן,—זאָל עס נישט פאַררעכנט ווערן, נישט אים און נישט מיר. גאָט איז אַן עדות און ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין האַרץ. מ'דאַרף דאָך ס'קינד צו אַ תכלית ברענגען. די באַבע צביה, זאָל אַ גוטע מליצה זיין, האָט דאָך אויך געהייסן,—האָט זי אַריינגענומען סרולטשעס קאָפּ אין אירע הענט און אים געטרייסט און עפּעס ווי פאַרענטפערט זיך פאַר וועמען. סרולטשע האָט איר אָבער גאָרנישט געענטפערט, נאָר שטיל אין זיך געיאָמערט, יתומדיק און פאַרלאָזן.

פון ווייטן האָט דער ראָד פון דער אַלטער מיל געשליאַפּעט אין וואַסער אַריין מאָנאָטאָן און עלנט, און פון ערגעץ הינטער אַ סטאָדאָלע אין דאָרף האָט זיך געטראָגן אַן אומעטיק זשומזשען פון אַ האַרמאָשקע און אַ הייזעריק בילן פון אַ הונט.

ד

אין שטעטל זיינען זיי געקומען ווען ס'איז שוין געווען שטאַרק פינצטער. ווען נישט די געלע פלעמעלעך, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַ בליאַסק געטאָן אין דער קרום דורך די לאָדנס און באַשיינט אַ שטיק בלאָטע, וואָלטן זיי גאָרנישט געווען געקענט טרעפן צו זייער אַלקערל, וואָס אַ קרובה האָט פאַר זיי געדונגען אין זשאַמעלעס הויף אין דער באָד־גאַס.

מ'איז שוין געשלאָפן אין גאַנצן הויז ווען זיי זיינען אָנגעקומען. האָט מען שוין, ווי עס איז, ביים שיין פון אַ קינדל אַראָפּגעטראָגן די זאַכן, וואָס זיינען געווען פּיטש נאָס פון רעגן וואָס האָט זיי געכאַפּט אויפן וועג, און פאַרמאַטערטע האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע. סרולטשע האָט נישט געוואָלט עסן און שרה האָט פשוט נישט געקענט.

די ערשטע עטלעכע טעג זיינען זיי ביידע געזעסן אין זייער אַלקערל.

סרולטשען האָט זייער געפרייט וואָס אויך דאָ האָט ער געהאַט אַ פענצטערל אַרויסצוקוקן צום טייך איבער וועלכן עס הענגט ממש אַ הילצערנע, עטוואָס קרומלעכע בריק, און אויף יענער זייט בריק איז די לאַנקע מיט אַ גראָען קלויסטער ביים סאַמע עק, און העט ווייט אַוועק זיימט זיך דער וואַלד מיט נאָדל ביימער. איז ער די פּאָר טעג געשטאַנען ביים פענצטערל און געווען פאַרנעפּלט צוזאַמען מיט די נעפּלען וואָס האָבן זיך געהויבן פונעם טייך און זיך געשפּרייט איבער דער לאַנקע, פאַרדעקט דעם קלויסטער און פאַרווישט דעם וואַלד. אַ שלייער איבער אַלץ און ביי אים אין דער נשמה אויך אַזוי: אַ נעפּלדיקער שלייער.

אין איין פרימאָרגן האָט אים די מאַמע אַנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעפירט אין חדר אריין. אויפן וועג האָט זי אין זיך געזאָגט און געבעטן: „מיין געבראָכנקייט און זיינס, זאָל קומען פאַר גאָט. זאָל ער רחמנות האָבן און שיקן דעם גוטן מלאך וואָס זאָל ביי זיין זייט שטיין און היטן אים פון אַלדאָס בייז, אמן.”

סרולטשע איז געגאַנגען לעבן דער מאַמען אַ פאַרשטומטער. די בענקשאַפט נאָך זיין דאָרפישן מלמד, האָט אים אַ שטאַרקן צוויק געטאָן ביים האַרץ און ס'האָט אים אַזוי באַנג געטאָן, וואָס ער קען מער נישט זיצן ביים ראַנד פון דער באַבעס בעט און שושקען זיך מיט איר סודותדיק.

— ביסט שוין באַלד אַ בר־מצווה בחור, מיין קינד, האָט אים שרה פלוצים אַרויסגעריסן פון זיינע מחשבות,—וועסט מן הסתם אָנהייבן לייגן תפילין פריער מיט אַ יאָר*, זאָלסט למען השם באַגערן צו לערנען, האַרצעניו. ער, וועט זיך מיען דאָרט און מיט גאָט זיין אין הילף, וועסטו אַ פעולה האָבן. וואָס באַגער איך דען מער? זאָלסט זיין אַ ייד, סרוליקל, און פאַרכטן פאַר גאָט אַליין.

מער האָט זי שוין נישט געקענט אַרויסברענגען פון איר באַצערט און פול האַרץ. זיי זיינען שוין געשטאַנען ביי דער שוועל פונעם חדר פונוואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ קינדעריש געטומל און געשריי.

— מיט מזל און ברכה, באַלעבאָסטע,—האָט זיי די רביצין, אַ קורצינקע און אַ בלאַסע, באַגעגנט אויף דער שוועל.

— אמן, רביצן,—האָט שרה געשאָקלט מיטן קאָפּ און געווישט די טרערן, — מיר זאָלן טאַקע זוכה זיין.

— דאָס איז דער נייער תלמיד?—האָט דער רבי זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָטער־שטול וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן ביים לאַנגן טיש;—קום נאָר אַהער, בחורל, קענסט עפּעס לערנען?

* אַ יתום הייבט אָן לייגן תפילין צו צוועלף יאָר.

מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט סרולטשע זיך ווי געשאַרט צום טיש און געפּילט ווי חוצפּהדיקע, לאַכענדיקע אייגעלעך שטעכן אים, האָט ער זיך אין גאַנג פאַרפּלאָנטערט מיט די אייגענע פיס און גענומען שטאָלפּערן ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף שטאָלצן.

— ביסט אַ בושת פּנים, נו, גוט, פאַר אַ יידן פּאַסט עס. נו, חברה, — האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו די תּלמידים,—אמר ר׳ יצחק, האָט ר׳ יצחק געזאָגט!

אַ ווײַלע איז סרולטשע געבליבן שטיין אין מיטן צימער אַ צעטומלטער, אָבער באַלד האָט אים אַ יונג פון דער גרופּע תּלמידים וואָס זײַנען געזעסן אויפן דיל און געוואַרט אויף זייער ריי צום לערנען, אַ צופּ געטאָן ביי דער וואַטאָווער סערמינגע:—פויער, זעץ זיך!

אַ דערשראָקענער האָט זיך סרולטשע געגעבן אַ זעץ אַוועק און געזוכט דער מאַמעס בליק, אָבער זי איז שוין נישט געווען. ס׳האָט זיך אים אָבער געדאַכט אַז ער הערט נאָך איר קול פון דער קיך, און ר׳האָט זיך געוואָלט אַ הויב טאָן און איר נאָכלויפן, נאָר דאָ האָט אים דערזעלבער קודלאַטער יונג אַ ריס געטאָן ביי דער פּאָלע, מיט גנבישע אייגעלעך אים דורכגעשטאָכן דורך און דורך, און מיט אַ דריבנע געלעכטערל אַ פרעג געטאָן:—ווי הייסטו מיטן נאָמען, תּם, טאַטער?!

— סרולטשע,—האָט ער געענטפערט אַ פאַרציטערטער, ווי ער וואָלט זיך פאַרטיידיקט.

— און דער טאַטע?—האָט יענער נישט אָפּגעלאָזט.

— נישטאָ,—האָט סרולטשע אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרנעפּלטע אויגן אויפן ייִנגל, אַז יענעם האָט אַזש באַנומען ביים האַרצן און דאָס גאַנצע שקאָציש איז אים אָפּגערונען פון פּנים.

— געשטאָרבן?—

סרולטשע האָט נישט געענטפערט.

— שלאָף?

— פאַרשלעפּט פון די טאַטערן.

— און די מאַמע?—האָט שוין דאָס ייִנגל אַרויסגעוויזן אָפענעם רחמנות.

— שרה דער באָבע צביהס.

פאַר וואָס ער האָט פּלוצים דערמאָנט דער באָבעס נאָמען אויך, האָט ער אַליין נישט געוואוסט, נאָר עפּעס איז עם אַזוי גלאַטיק אַרוים פון מויל.

— סרולטשע דער באָבעס,—האָט דאָס ייִנגל אויף שנעל איבערגעגעבן

דעם נאָמען צו דער חברה קונדסים וואָס האָבן מכלומרשט געדאַרפט זיצן שטיל און אײנהערן זיך ווי די אַנדערע כתה לערנט, אָבער זיי האָבן בעסער געשפּילט אין קנעפּלעך און אין בעקן־ברויט. דער רבי האָט זיך טאַקע אָפּט אויפגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן, אָבער גוט זען וואָס זיי טוען האָט ער נישט געקענט. דער גרעסטער טייל פון דער כאַליאַסטרע איז געזעסן אין די ווינקעלעך צווישן פאַרשידענע הויז חפצים און די איבעריקע זײַנען געזעסן אין מיטן צימער צונויפגעדריקט אין אַ קנויל. פון קיך האָט אויך יעדע ווײַלע אַרײַנגעזעצט אַ פּאַרע פון די בײַכיקע טעפּ וואַסער, וואָס די רביצן האָט אַלעמאָל געהאַלטן אין אויפזידן כדי צו פּאַרען אין זיי די גראָע לײַלעכער וואָס זי פאַרבט פאַר די פּויערימס ווען.

די ייִנגלעך האָבן דעם נײַעם חבר אויפגענומען גאַנץ גלײַכגילטיק. אין אָנהייב האָבן זיי אפילו געוואָלט אַ שפּאַט טאָן פון אים און זײַנע פּויערישע בגדים, נאָר טשעפּען זיך מיט אַ יתום קען מען דאָך נישט—האָבן זיי אין אים ווי פאַרגעסן. אויך דער רבי האָט אין די ערשטע פּאָר טעג ווי פאַרגעסן אין אים. ווען זײַן כתה האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש, האָט ער זיך אויך אַוועקגעזעצט און אַרײַנגעקוקט צו אַ חבר אין חומש אָדער גמרא און זיך מיטגעשאָקלט און מיטגעזאָגט מיט אַלעמען, נישט פאַרשטייענדיק אָפּט קיין איין וואָרט. ר׳האָט אָבער זייער ליב געהאַט דעם טרויעריק באַנגן ניגון. ס׳האָט אים פאַרוויגט און גלײַך אַוועקגעטראָגן ערגעץ אַנדערש. האָט ער געמאַכט מיט די ליפּן ווי אַלע, אָבער קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

אַ פּאָר מאָל אַזוי, ביז דער רבי האָט עס פּלוצים באַמערקט. אין דער ערשטער רגע, האָט ער אַ צי געטאָן דעם קאַנטשיק און אים שוין געהאַלטן גרייט אַראָפּצולאָזן אויף זײַן קאָפּ. נאָר אײַנבויגנדיק זיך איבערן טיש ווי זײַן שטייגער איז געווען אַלעמאָל פאַרן דערלאַנגען עמיצן, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם מאָדנעם בליק פון דעם נײַעם תלמיד.—דעם נאָמען האָט ער נאָך נישט געדענקט—אַ תם, נעבעך,—האָט ער צו זיך שטיל אַ זאָג געטאָן אַראָפּלאָזנדיק דעם קאַנטשיק, אָבער אַלע האָבן עס געהערט און אויפגעהערט זאָגן.

— מוח מענטש, וואו האַלט מען?,—האָט ער שוין הויך זיך אַ בייזער געטאָן,—וואו האָסטו געלערנט?

— ביים מלמד,—האָט סרולטשע אַזש אַ צאַפּל געטאָן.

— עס טריפט דאָך חכמה פון דײַן מויל,—האָט דער מלמד זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן פון אַ חוזק טאָן,—ווי אַזוי זשע הייסט ער? און וואָס האָט ער דיך געלערנט?

— ר׳ מרדכי, האָט די באָבע צביה אים גערופן. ער האָט מיך געלערנט

דאווענען און,—האָט ער נישט געקענט ענדיקן, ווייל די כאַליאַסטרע האָט זיך שוין נישט געקענט מער איינהאַלטן און אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— שקצים, דרך ארץ!—האָט דער רבי אַ הייב געטאָן דעם קאַנטשיק און ווייטער געפאָרשט:—ר׳האָט זיך אָנדערציילט מיט מעשות? האַ?

— יאָ, רבי,—האָט סרולטשע זיך דערפרייט וואָס דער רבי וויל אַלץ וויסן און זיך געקליבן דערציילן און דערציילן פון זיין דאָרפישן מלמד. אַ פּאָר מינוט האָט אים דער רבי געלאָזט אויסרעדן זיך, נאָר פּלוצים האָט ער זיך עפּעס פאַרקרימט. פאַרקוועטשט איין אויג און מיטן אַנדערן געקוקט אַזוי קאַסאָקע ווי שניידנדיק מיט אַ מעסערל:—געגוג געבטלט. דברים תפלים האָסטו שוין גענוג געהאַט, איצטערט, זאָג אַ יידיש וואָרט!

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פריערדיקע מאָנאָטאָנע זאָגן, אפילו דער ניגון איז אויך נודנע געוואָרן. ער האָט שוין געדאַנקט גאָט, ווען ס׳איז טונקעלער געוואָרן און ר׳האָט זיך געקענט אומקערן אין זיין אַלקערל אין זשאַמעלעס הויף.

ער האָט אָנגעהויבן ליב צו האָבן דעם הויף און די מענטשן פון הויף. די ערשטע צייט פלעגט ער נאָך אָפּזיצן שעהנווייז ביים פענצטער און קוקן אַריבער דער בריק, אָדער אַריינכאַפּן זיך אינעם פינצטערן ליקל וואָס טיילט אָפּ דעם הויף פון אַ צווייט הויז, און מיינען אַז ער געפינט זיך איצט אין דעם גרויסן פאָדער הויז אין זייער קרעטשמע. מיטן אָנקומען פון פרילינג אָבער, איז אים שוין דער הויף געווען אַזוי ליב, אַז ער וואָלט בעסער געזעסן אין הויף לעבן זשאַמעלע-גייער מיט די טריפנדיקע אויגן, איידער גיין אין חדר אַריין און שטיקן זיך דאָרט מיט דער כאַליאַסטרע אין ענגען צימער און ציטערן פאַרן רבינס אַ בליק. ער האָט זיך נישט געפילט היימלעך אין חדר. דער רבי, אַ פאַרמאַטערטער און שטענדיק אַ פאַרנומענער מיט דער כאַפּטע בחורים וואָס האָבן געליאַרעמט, געשריגן און מער געשפּילט אין קנעפּלעך ווי געלערנט, האָט זיך כמעט נישט אומגעקוקט אויף אים. אפילו ווען ר׳האָט נישט מיטגעשריגן מיט דער כתה, האָט זיך דער רבי אויך נישט ווייסנדיק געמאַכט. נאָר איין מאָל נאָכן לערנען האָט ער אים פאַרהאַלטן און רחמנותדיק אים אַ פרעג געטאָן:—נו, סרולטשע, האָסט עפּעס אַ פּעולה דאָ? מעגסט נעמען די גמרא אַ היים און לערנען אַביסל פאַר זיך. דאָנערשטיק מיערטשעשעם, וועל איך דיך פאַרהערן.

ס׳פלעגן זיך אָבער טרעפן טעג ווען דאָס חדר און דער רבי איז אים אויך ליב געווען. ס׳פלעגט זיין אַזוי: פּלוצים האָט דער רבי אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנד אויפן הוילן טיש, אַרויסגענומען די רויטע פאַטשיילע און זי אָוועק-

געלייגט אויפן חומש, פאררוקט די יאַרמלקע אויף אַהינטער און אויפגעלייגט אַ זאָג געטאָן:

—וואָס זשע זאָגט איר, קונדסים, וועלן מיר היינט הערן אַ מעשה שהיה? דער זשום איז אין איין רגע פארשטילט געוואָרן, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז איין איבריקע מינע קען איבערבייטן דעם רבינס שטימונג און ס'איז אויס מיט דער מעשה.

סרולטשע פלעגט ווי פארגליווערט ווערן דערהערנדיק אַז דער רבי גייט דערציילן אַ מעשה. כאָטש מערסטע מעשות זיינען אים שוין געווען באַקאַנט, האָט ער זיך איינגעהערט גלייך ווי ער וואָלט עס געהערט צום ערשטן מאָל, און ס'האָט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אַז דער רבי קוקט נאָר אין זיין זייט . . . זיין אָנגעשטרענגטער בליק איז געהאנגען אויפן רבינס ליפּן אַזוי לאנג, ביז ר'האָט נישט פילנדיק אראָפּגעלאָזט די אויגן־דעקלעך און מיט פארמאַכטע אויגן געזען וואָס דער רבי האָט דערציילט, און דערביי אינגאַנצן פארגעסן וואו ער איז און ווער עס זיצט לעבן אים.

די חדר יינגלעך פלעגן אים אפילו אַמאָל אַ צופּ טאָן ביי דער סערמינגע אָדער אַ שטורכע טאָן אָן אַ זייט, אָבער ער האָט עס אָנגענומען פאַר ליב. בכלל האָט ער זיך אויסגעלערנט נישט צופיל אומקוקן זיך אויף די חברים פון חדר. ער האָט זיי נישט אויסגעמיטן, אפילו אָנטייל גענומען אין זייערע שפּילן און פאַרט נישט געוואָרן איינער פון זיי. די קונדסים ווידער, האָבן אים אויך געלאָזט צורו, בלויז צייטנווייז אים אַ שמיץ געטאָן אַ צונאָמען אין פּנים אריין:

— תם, טאַטער!

— כלאָפּ, חכם בלילה!

די צונעמען האָבן אים אָבער נישט געאַרט און ער פלעגט נישט אַנטלויפן, נאָר אָפּשטעלן זיך און קוקן די יינגלעך גלייך אין די אויגן אריין. יענע, האָבן עס נישט געקענט פארטראָגן און מיט געבייזער זיך צעשריגן אויף אים:

— ביסט אייטל* גאווה און גרויסערריי!

— איר טוט רק אין קנעפּלעך שפּילן,—האָט ער איינמאָל שוין געוואַגט ארויסצוזאָגן זיין מיינונג. און פון דאַן אָן האָבן חברה אים גערופן: „דער באבעס מוכיח". צו קיין אמתן רוגז איז אָבער נישט געקומען, ווייל פּונקט דאַן ווען די חברים זיינען, צוליב עפּעס וואָס, געווען שטאַרק אין כעס אויף

* אייטל—בלויז, נאָר.

אים און זיך געקאַכט און געשריגן, האָט ער גאַנץ געלאָסן און רואיק אַרויס־געשלעפּט פון קעשענע אַ דודע וואָס ער האָט נאָר וואָס געמאַכט פון אַ גרינער צווייג און גענומען אויסציען אַ ניגון, אָדער ער האָט גאָר אַ בלישטש געטאָן מיט אַ קרישטאָל גלאַנציק זשאַבע שיסעלע:—„איר זעט,—האָט ער זיי גלייך אַריינגענומען ווי שותפים צו זיין סוד,—אָט דאָס איז נאָך פאַרמאַכט, אינע־ווייניק ליגט דער וואָרעם. אז די זון טוט עס וואַרעמען, נעמט עס רירן מיטן עקעלע און בויערט אויס אַ לעכעלע, און עס טוט וואַקסן אינעווייניק אַזוי לאַנג ביז די דעקלעך עפענען זיך און דער וואָרעם קריכט אַרויס.״

— ס׳איז טאַקע וואָר,—באַשטעטיקט איינער,—כ׳האָב אַליין געזען ביים וואַסער.

—וואו׳סטו גענומען, סרולטשע?

— גיב אָנצורירן!

— נאָר איין רירעלע,—בעטן זיך ביי אים די יינגלעך און זיינען גרייט אים מוחל צו זיין אַלצדינג, אַבי ער זאָל זיי לאָזן אָנרירן און טאַקע דערציילן וועגן די זשאַבעס, די פייגל, דעם וואַלד און דעם ווייסן באַרג, וועגן זיין דאָרף, דער מיל און וועגן זיין טאַטן וואָס מ׳האָט אַוועקגעפירט אויף פלינקע טאַטערישע פערדלעך. די קינדער דריקן זיך צונויף ווי שעפעלעך פאַר אַ שטורעם און הערן זיך צו ווי סרולטשעס טאַטע געזעגנט זיך וויינענדיק מיט זיין מאַמען און זאָגט איר אָן: „זאָלסט אים זאָגן: געדענק איין גאָט מיין קינד, ועסטו פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן.״

זיי קענען שוין גוט זיין דאָרפישן מלמד מיט די פליישיקע ליפּן און הויכע ברעמען. אויך די באָבע צביה איז זיי שוין אַן אייגענע, און פאַרנאַכט נאָכן לערנען זעצט מען זיך אַוועק אין ליקל לעבן זשאַמעלעס הויף און מ׳פאַרזינקט ממש אין דעם מלמדס און דער באָבע צביהס מעשות. אַן אַנדערש מאָל לאָזט מען זיך אַראָפּ צום טייך זוכן זשאַבע שיסעלעך און שפּיציקע שטיינדעלעך מיט וועלכע מ׳וועט אויף צומאָרגנס האַנדלען אין חדר. גאַנץ אָפט קלעטערט מען גאָר אַרויף אויפן שטרויענעם דאַך פון זשאַמעלעס דירה צו זוכן פאַר־באָרגענע נעסטן פון שוועלבעלעך און פייגעלעך, און מ׳ווערט דערווייל פאַר־כאַפּט פון דער שיינקייט וואָס מ׳קען זיך אָנזען אין דער הויך.

— פונקט ווי פון דיין בוידעם שטיבל, סרולטשע,—פאַלט עמיץ אַריין אין התפעלות. זיצט מען שוין נאָכדעם צונויפגעטוליעטע און מ׳שלינגט יעדעס וואָרט פון סרולטשעס מויל.

אין די הייסע זומער טעג, גאַנוועט ער זיך זייער אָפט אַרויס פון דושנעם חדר און לויפט איבער דער קרומער בריק צו דער לאָנקע, און פון דאָרט העט

העט ביז צום ריטשקעלע נאָכן קלויסטערל, וואָס דרימלט שאַטנדיק אויפן סאַמע סוף פון דער לאַנקע. זעצט זיך אויפן ברעג מיט די פיס אינעם קרישטאָל היינעם וואַסער, און בלייבט אַזוי דאָרט ביז פאַרנאַכט אַ פאַרטייעטער מיט שווערע מחשבות. דער רבי האָט אים געזאָגט אַז אין אַ חודש אַרום וועט ער אָנהייבן לייגן תפילין, אַ יתום דאַרף אַזוי. דער טאַטע וועט שוין, ווייזט אויס, טאַקע נישט קומען. די מאַמע קרעכצט עפּיס לעצטנס אויך זייער פיל. זינט זיי זיינען אַוועק פון דער קרעטשמע איז זי שוין האַלב מענטש. וואָס קען דאָס זיין? יעדעס מאָל ווען זי רעדט מיט אים, פירט זי גלייך אַרויף אויף דער קרעטשמע. „אפילו די סטעזשקעס אינעם וועלדל זיינען מיר דאָרט היימיש געווען“—קלאָגט זי זיך. ס׳איז איר טאַקע שווער, דער מאַמען. שלעפּט זיך אַרום איבער די הייזער וואו ס׳געפינען זיך געווינערינס און קאָכט און באַקט און רוימט פאַר זיי. „ווי אַ דינסט בין איך ביי זיי, ווייי צו מיר“—האָט ער שוין נישט איינמאָל געהערט דער מאַמען קרעכצן. „אַז מ׳איז נישט זוכה ביי זיין ליבן נאָמען צו זיין אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך, מוז מען דינען יענעם,“— האָט זי אים ערשט נעכטן געגעבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס זי איז קיינמאָל נישטאָ אין דער היים, ווען ער קומט פון חדר און אָפט אפילו ווען ער גייט אַוועק אין חדר אַריין. אויפן טיש שטייט טאַקע אָנגעגרייט ברויט מיט אייל, אַ פּיצל הערינג און אַ גלעזל געצוקערטע טיי. ער רירט זיך אָבער נישט צו צו דעם. עס דאַכט זיך אים אַלעמאָל אַז ער הערט דער מאַמעס זיפץ: „פּרואווסט מיך גאָטעניו מיט אַ ביטערן טעם, זאָל איך שוין אָפּקומען פאַר אים אויך.“ דער ביסן שטעלט זיך אים אין האַלדז. זיצט ער אָפט אין דער פינצטער און דערוואַרט זיך קוים אויף דער מאַמען וואָס שלעפּט זיך אַריין ווי אַ שאָטן, אַ צעבראָכענע, אַ קרעכצנדיקע. — נעם מיר אַריין אַ טעפּל וואַסער, סרולטשע, די הענט זיינען מיר ווי געליימט. כ׳וועל דיר אָפּקאָכן אַביסל געקעכטס. טריקנסט נעבעך אַ גאַנצן טאָג אָן אַ לעפל וואַרעם וואַסער, ווייי דער מאַמען!

צו אירע רייד האָט ער זיך שוין טאַקע צוגעוואוינט, אָבער זיי לייגן זיך נאָך אַלץ אויף זיין געמיט ווי שוואַרצע וואָלקנס. ער היט זיך טאַקע אַרויס־צואווייזן פאַר איר זיין צער, נאָר ווען ער האָט נעכטען אין אָוונט דערזען ביים שיין פונעם קאַניצל דאָס געלקייט פון איר פּנים און די שוואַרצע רינ־גען אַרום אירע פאַרנעפּלטע אויגן, האָט ער זיך שוין נישט געקענט איינ־האַלטן און צוגעפאַלן צו איר מיט אַ כליפּ:—לאָמיר צוריקגיין אַהיים, מאַמע! דאָ איז נישט גוט.

— אַז מיר האָבן נישט זוכה געווען ביי גאָט, מיין קינד. ס׳איז מיר שווער צו שטיין, כ׳וועל זיך צוזעצן,—האָט זי שוין גערעדט מער צו זיך ווי צו אים,—פיס ווי די קלעצער. אַ גאַנצן טאָג נאָר מ׳שאַלייעט זיך אַרום, און

מ׳זעט זיך אָן מיט אַזוי פֿיל צרות,—ווײַל זי איז אָוועקפֿירן אויף אַן אַנדער שמועס,—אַז מ׳פֿאַרגעסט אַביסל די אייגענע. באַגערסטו כאָטש צו לערנען?—ווערט זי באַלד צוגעלאָזענער און פֿרייער.

ביים אָרעמען מאָלצײַט און צאַנקענדיקן קאַניצל האָבן אַזוי מאַמע און קינד געשמועסט ביז שפּעט אין דער נאַכט. געשמועסט פֿון דאָרף, פֿון יעוודאָכען און להבדיל פֿון די בהמות און פֿערד; און דאָס אַלקערל איז פֿול געווען מיט אַזאַ בענקענדיקער שטילקייט צו זייער היים, צו דער קרעטשמע און צו דעם אייננפֿאָר הויז וואו ס׳שטייען אוודאי איצט הויכע דראָבניאַסטע וועגן פֿול געלאָדן מיט סחורה. נישט פֿילנדיק עס, האָבן זיי ביידע צום סוף אָנגעהויבן שעפּטשען ווי זיי וואָלטן עמיצן אַ סוד איינגערוימט.

ווען סרולטשע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי, איז שוין די מאַמע נישט געווען. זי איז שוין געשטאַנען ערגיץ אין אַ באַלעבאַטיש הויז, געבויגן איבער אַ מולטער און געבאָדן אַ קליין עופֿהלע, אָדער גאָר געווייקט די הענט אין אַ באַליע וועש, און אַרום איר אַ פּאַרע פֿון די טעפּ קאָכיקע וואַסער. קוים וואָס איר בלאַס פּנים זעט זיך אַרויס.

עטלעכע טעג נאָכדעם איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרחושטער. נישט געוואוסט אויף וועלכער וועלט ער גייט אַרום און וואָס ער וויל, נאָר געפֿילט מיט יעדן אבר אַז ער דאַרף עפּעס אָנהייבן צו טאָן. בלויז זיצנדיק מיט די פֿיס אין וואַסער איז אים גוט. די שוואַרצע וואָלקנס צעגייען זיך פֿון זיך אַליין און נעמען מיט זיך מיט דער מאַמעס שווער קרעכצן. ער הערט עס קוים און אויף דער נשמה איז אים ליב און נחתדיק אַז ער צעוויינט זיך אַזש פֿאַר זיסקייט.

וועגן טאַטן האָבן זיי שוין אויפֿגעהערט צו רעדן, אָבער זיי פֿילן ביידע אַז יעדע מינוט פֿון טאָג און אַפֿילו אין שלאָף ליגט דער געדאַנק וועגן אים ביי זיי אין יעדן אבר ווי אַ בלאַנקע נאָדל.

ווען דער רבי האָט אים איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט געזאָגט אַז בקרוב וועט ער אָנהייבן תּפֿילין לייגן, האָט עס אים אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן. די נאָדל איז אים צוגעקומען ביזן האַרץ. ער האָט אַפֿילו עפּעס געוואָלט דערווידערן, נאָכזאָגן דער מאַמעס אַמאָליקע טרייסט ווערטער: „ער וועט נאָך קומען, דער טאַטע”, נאָר די ציין האָבן זיך אים טיף איינגעקלעמט אין דער אונטערשטער ליפּ.

עטלעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער נייעס און נישט געקענט דערציילן דער מאַמען, און ווען ר׳האָט זיך שוין אָנגענומען מיט מוט צו דערציילן, האָט אים ערשט אין דער לעצטער מינוט נישט געסטייעט קיין כּוח און ר׳האָט בלויז אַ שטאַמל געטאָן: „מאַמע, תּפֿילין”.

די מוטער האָט עס שוין לאַנג דערוואַרט און זעענדיק ווי ער שטייט אַזוי אַ צעהושטער און צעטומלטער, האָט זי אים צוגעצויגן צו זיך און אַ קוש געטאָן אין שטערן. „—מיר דאַרפן גרויס שמחה האָבן צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, קינד. דו וועסט שוין איצט זיין ווי דער פאָטער אין הויז,—האָט איר קול געציטערט,—זאָלסט דעם בורא לויבן און מיט טריישאַפט דינען. כ'וועל דיר זיינע תפילין געבן,—האָט זי צום סוף אַ שעפּטש געטאָן ווי זי וואָלט אים אַנטפּלעקט אַ סוד.

מיט געמאָסטענע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום הויכן קופערט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פונעם אַלקער, פאַמעלעך אויפגעבונדן די ברייטע רימענס מיט וועלכע מ'פלעגט זיך איינשפּאַנען ביים שלעפּן דעם קופערט און גענומען זוכן אינעווייניק אַרויסליינגנדיק דערווייל פון דאָרט פאַרשיידענע קליידער און צירונג. סרולטשע האָט זיך נישט גערירט פון זיין אָרט אינמיטן צימער, נאָר איז מיט די אויגן נאָכגעגאַנגען דער מאַמעס הענט וואָס האָבן געגראָבן אַלץ טיפער אינעם קאַסטן. אַ שוידער האָט דורכגענומען זיין לייב יעדעס מאָל ווען דער מאַמעס שאָטן האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט. ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז מיט אַלע כחות גראָבט זי דאָרט און ציטערט עפּעס מאָדנע; און וואָס נידעריקער איר קאָפּ האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן קאַסטן, אַלץ מער האָט עס אים אויסגעזען ווי אַן אָפן קבר אין וועלכן דער טויטער ליגט שוין אַ האַלב באַגראָבענער.

—אָט האָסטו זיי,—האָט מיט אַמאָל דער שאָטן ביים קאַסטן אַרויס־גערעדט מיט אַ מאָדנער הייזעריקייט.

סרולטשען האָבן זיך אַזש די האָר געשטעלט קאַפּויר.

—מאַמע, כ'האָב מורא,—האָט ער קוים געקענט אויפרייסן די ציין.

שרה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט די' תפילין אין האַנט.

—פאָרכט זיך נישט מיין קינד, דער טאַטע וועט דאָרט אויך תענוג האָבן. לאָמיר ביידע לויבן גאָט מיטן גאַנצן האַרצן,—איז זי מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ תחינה טאָן און שטיל אין זיך געכליפּעט.

סרולטשע האָט איינגעקלאַמערט די מאַמען אין זיינע אָרעמס און נישט באַמערקנדיק אפילו זי גענומען גלעטן און באַרואיקן. דאָס האָט אים אַליין אויך באַרואיקט. ר'האָט זיך מיטאַמאָל דערזען ווי אַ דערוואַקסענער שוין און אַ זאָג געטאָן ווי פון זיך אַליין: „כ'האָב שוין נישט מורא, מאַמע —” און גענומען די תפילין פון איר האַנט, צוגעטראָגן צום מויל און אַ קוש געטאָן.

ח

פון יענעם אָוונט אָן איז סרולטשע אין גאַנצן אַנדערש געוואָרן. עס איז געווען ווי אַ באַרג וואָלט אַראָפּ פון זיינע פּלייצעס. אַ פרייד האָט אָנגעפּילט אַלע זיינע גלידער. ער איז שוין נישט געגאַנגען אַזוי שווער און פאַרטאָן אין זיך ווי אַלעמאָל, נאָר געשפּאַנט אָדער גאָר אונטערגעטענצלט מיט אַ ניגון. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פון וואַנען ס'איז צו אים געקומען, נאָר זינט ער האָט אָנגעטאָן די תפילין, פילט ער זיך זיכערער און ווי אַ מענטש פאַר זיך. עס ווילט זיך אים אַלץ מער באַפרייען זיך פון חדר און ער אַנטלויפט טאַקע זייער אָפט, אָבער ער טוט עס מער נישט מיט ביטערקייט און בייזקייט ווי אַמאָל. ער פילט זיך עפּעס נאָר ווי באַפרייט פון אַ שטייג. זיצט ער טאַקע אויך איצט ביים טייכל אָדער שפּאַצירט אַרום אין וועלדל. ס'האַרץ איז אים פול מיט פרייד. יעדער פויגל זינגט צו אים און ער העלפט מיט, יעדעס גרעזל וואַקסט פאַר אים און ציט אים צו לויפן אין דער ווייטקייט אַריין וואָס ליגט אַ פאַרגאָסענע מיט זון און העלקייט. ס'בלענדט אים פאַר די אויגן, בלינצלט ער מיט זיי און קלייבט אָפּ שטיינדעלעך גלאַטיקע און קייל־עבדיקע, און טוט זיי אַ לאָז אין וואַסער אַריין מיט אַ קוויטש און אַ טענצל. די חדר יינגלעך זיינען לעצטנס גאָר צופרידן פון אים, קלעפּן צו אים און גייען אים נאָך. ער באַהאַלט זיך אָבער זייער אָפט אויס פאַר זיי. ר'האָט ליבער צו זיין אַליין. ער פילט זיך פרייער און לוסטיקער אָן זיי. ער קען דאָן אַ רעד טאָן צו וועמען ער וויל און וואָס ער וויל, ווייל ווען זיי זיינען דאָ דערביי לאַכן זיי פון אים פאַר וואָס ער רעדט צו די גראָזן, אָדער טוט אַ שיק אַ שטיינדל אין וואַסער אַריין מיט אַ שפּרונג.

—אָפּשפּרעכער, כישופמאַכער!—חוזקן זיי פון אים און שמירן אים אויס מיט בלאָטע.

די חברים האָבן לעצטנס גאָר הנאה פון אים. ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין לערנען זיי לידלעך, און יעדע וואָך אַ נייעם ניגון, אַ ניי ליד וואָס ר'האָט זיך אויסגעלערנט פון אַ בלינדן בעטלער וואָס זיצט לעבן קלויסטער יעדן נאָכמיטאָג און דרימפּלט זיך צו אויף אַ לירע. ער איז אַזוי אַריינגעטאָן געוואָרן אינעם זוכן לידלעך און אַרומלויפן, אַז ער האָט אָפּט אין גאַנצן פאַרגעסן צו גיין אין חדר אַריין, און ווען ער פלעגט שוין יאָ זיין אַ האַלבן טאָג אין חדר, איז ער דאָרט געזעסן אַ פאַרהושטער, אַן אָנגעכמורעטער און מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

האָט אים דער רבי איינמאָל מכבד געווען מיטן קאַנטשיק, האָט סרולטשע

געשוויגן און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין. איז דער רבי אויפגעקאָכט געוואָרן און גענומען שרייען, זידלען און טרייסלען אים מיט אַלע כוחות.

— ארויס פון מיין שטוב, שייגאַץ איינער,—האָט דער רבי געליאַרעמט ביז די רביצן האָט זיך אַריינגעמישט און מיט רחמנות גענומען טאַפּן סרולטשען ביים קאָפּ.

— לאָז אָפּ דאָס קינד, אַ יתום נעבעך, זע נאָר ווי עס שטייט, לאָז אים אָפּ בעל תאוותניק!—האָט זי שוין צום סוף זיך צעשריגן אויפן מלמד.

— איז נישט, האַלט זיך מיטן וועפּריק, מיטן פויער. אַזאַ תם,—האָט זיך דער רבי נישט געקאָנט באַרואיקן, נאָר געטשעפּעט האָט ער אים שוין נישט.

דער רבי האָט זיך גאָרנישט געקענט קיין עצה געבן מיט סרולטשען. ער האָט געפילט אַז אין דעם יינגל איז דאָ עפּעס מער ווי זיין פּנים זאָגט אויס. נאָר ער האָט נישט געקענט צוזען ווי דאָס יינגל גייט אַרום בטל. אָפט פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז דאָס יינגל אין דער צעריסענער סערמיגגע מיטן בלאַסן פאַרחושטן פּנים הערט גאָר נישט און זעט נישט וואָס ס'טוט זיך דאָ אַרום אים. ער קוקט ערגיץ אַנדערש און הערט זיך צו צו עפּעס אַנדערש, האָט עס אים געברענט און געבראָטן, און ר'האָט געליאַרעמט און געבייזערט זיך:— „וואָס וועט פון דיר ווערן? אַ הונט שלעגער, אַ גאָרנישט שבנישט. דער טאַטע דיינער וועט נישט רוען דאָרט, דער—” דער רבי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דעם זאַץ און אָפּגעהאַקט. סרולטשעס אויגן האָבן אויף אים אַ גאָס געטאָן מיט אַזאַ שוואַרץ מעסערדיקן בליאַסק, אַז ס'איז אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. פון דאַמאָלט אָן האָט דער רבי זיך מער נישט געבייזערט אויפן קול, נאָר אין זיך געגעסן, און געוואַגט אַנצושרייען אויף אים נאָר ביים לערנען.

סרולטשען איז דעריבער אַלץ ענגער געוואָרן אין חדר. פאַר דער מאַמען האָט ער מורא געהאַט צו קלאָגן זיך, ווייל זינט ער האָט אָנגעהויבן לייגן תפילין איז זי געוואָרן פאַרשלאָסענער אין זיך. רעדט מיט אים זעלטן און קרעכצט גאַנצע נעכט. לעצטנס האָט זי אויך אָנגעהויבן הוסטן, און די מומעס און סתם שכנטעס ברענגען איר האָניק מיט מילך צו טרינקען, אָבער ס'העלפט איר נישט. די רינגען אַרום אירע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, דאָס גאַנצע פּנים איז עפּעס פאַרשפּיצטער געוואָרן. זי האָט געקראָגן אַ מאָדנע ענ־לעכקייט צו דער באָבע צביהן, און אין אירע אויגן טאַנצן אַרום אומהיימלעכע פלעמלעך. און איינמאָל מיינענדיק אַז ער שלאָפט שוין האָט זי זיך צערעדט מיט דער באָבע צביהס קול: „מיט וואָס וועסטו נאָך פּרואוון דעם יתום מיי־נעם, רבונו של עולם?” סרולטשען האָט גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

באַלד האָט ער דערהערט אַז דער שטרוי זאַק אויף וועלכן זי ליגט טרעש־טשעט. דאַכט זיך עמיץ שאַרט זיך פּאַרזיכטיק אויפן ערדענעם דיל, קוים וואָס מ'הערט. האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט ביז זי וועט צוקור־מען. אַ רגע שפּעטער האָט ער שוין געפילט דעם וואַרעמען אָטעם אירן, גע־הערט איר שטיל שעפּטשען און נישט געקענט אויפכאַפּן קיין קלאָרן קלאַנג. האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן, געוואָלט מיט געוואַלד אויפרייסן די אויגן און נישט געקענט. ערשט ווען ר'האָט זיך גוט אָנגעמאַטערט אַז אַ שוויים איז אים אַרויס אויפן לייב, האָט ער דערהערט דער מאַמעס קלאַנג: „ער זאָל כאָטש באַגערן צו לערנען און טאַטע מאַמע צו בושה נישט ברענגען." האָט אַ ציטער געגומען וואַרפן מיט אים, נישט אַזוי פון די ווערטער ווי פונעם קול, אַזאַ אייזיקס און קומט פון ערגיץ ווייט, וואו מ'קען נישט צוקומען. האָט ער מורא געהאַט צו עפענען די אויגן כדי נישט צו זען ווי ווייט די מאַ־מע איז שוין פון אים. ער האָט בלויז אָנגעבויגן דעם קאָפּ מיט די אָנגעשפּיצ־טע אויערן צו הערן וואָס זי זאָגט, אָבער מער ווי שטילע זיפצן און קרעכצן האָט ער שוין נישט געהערט. פּלוצים האָט דאָס זיפצן זיך אָפּגעשטעלט און כליפּעדיקע רייד האָבן זיך אַ טראָג געטאָן צו אים פון אַזאַ ווייטקייט, אַז ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז זיי קומען ערגיץ פונעם טיפן וואַלד אַריבער דער לאָנקע: „וואָס וועט פון מיין יתום ווערן, רבונו של עולם? ווער וועט אים אַ לעפל וואַרעם וואַסער דערלאַנגען?" האָבן זיך די ווערטער אַוועקגעלייגט איבער אים און אים פּאַרוויקלט מיט אַזאַ קאַלטן ווייטיק, אַז אַלע אברים האָבן אין אים געפראָרן.

— מ אַ מ ע ! — האָט ער ענדלעך מיט מאַטערניש אַרויסגעשטאַמלט און אויפגעעפנט די אויגן. אין אַלקער איז שוין געוועזן ליכטיק און שרה איז שוין געווען אָנגעטאָן גרייט אַוועקצוגיין. דערהערנדיק סרולטשעס געשריי, איז זי צוגעלאָפן צו אים.—שפּיי אוים דריי מאָל, מיין קינד! זאָלסט שוין האָבן אָפּגעקומען מיט דער שרעק . . . — האָט זי דערשראָקן געטאַפּט אים אין שטערן.

סרולטשען איז נאָך קעלטער געוואָרן אינעווייניק. פאַר זיינע שוואַרצע גרויסע אויגן, האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אויפגעדעקט דער מאַמעס טויט בלאַס פנים, און דער חלום פלאָנטער פון דער נאַכט איז געוואָרן וואָר. דאָס וואָס זי איז שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין, האָט אים נאָכמער פאַרציטערט: „זי גייט אַוועק"—האָבן אַלע גלידער געטאַמלט אין אים. קוים מיט אַנגסטן האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ שלוכץ:—כ'האָב מורא, מאַמע, גיי נישט אַוועק!

אַ קוואַל טרערן האָט זיך אין אים געעפנט. שרה האָט אים געפּרואווט

טרייסטן און איינרעדן און עפּעס אַליין אויך נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן, האָט זי זיך הילפלאָז אַראָפּגעלאָזט אויפן בעטל און שטיל מיטגעכליפּעט מיט אים.

פון יענעם טאָג אָן, פלעגט ער זיך גאַנץ אָפּט אינמיטן טאָג אַרויסכאַפּן פון חדר און פאַרגאַנווענען זיך צום הויז וואו די מאַמע האָט געדינט כדי צו כאַפּן אַ בליק אויף איר, ווייל מיט יעדן טאָג האָט ער געפילט, אַז זי דער־ווייטערט זיך פון אים, אַז זי גייט אַפּ אין אַן ערגעץ פון וואַנען מ׳קומט שוין נישט צוריק. ער איז געוואָרן זייער אומרואיק און ס׳פלעגט זיך אים פלוצים אויסווייזן אַז זי איז שוין אַוועק. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זי געזען אַוועק־גיין, מיטן וואַלד, אויף יענער סטעזשקע אויף וועלכער דער טאַטע איז געגאַנגען,—האָט ער אויך גענומען נאָכגיין. נישט באַמערקט פון קיינעם האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון חדר, און דערנאָך גאַנווענענדיק זיך מיט די פלויטן און ליקלעך צוגעקומען צו אַ הויז, אַריינגעבליקט אַהין דורך אַ שפּאַ־רונע און געזען דער מאַמעס געבויגענע פּלייצעס איבער אַ באַליע׳ וועש, קוים וואָס מ׳זעט דעם קאָפּ אַרויס, אָדער זי הוידעט זיך מיט אַ גרויסן בעזים ביים אויסקערן דעם דיל. קוקט ער זיך גוט איין און באַרואיקט זיך.

פון יענעם הויז צום טייך איז שוין נאָר אַ שפּאַן, בלויז די גויאישע גאַס דורכצוגיין. קערט ער זיך שוין נישט אום אין חדר אריין, נאָר פּאַרציט אַ ניגונדל און לאָזט זיך אַוועק צום וואַסער. אין די הייסע זומער טעג טרעפט ער דאָרט געווייינטלעך אַ כאַליאַסטרע שקצימלעך וואָס באָדן זיך און שפּילן זיך לוסטיק און פרייַלעך. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך געפּרואווט טשעפּען צו אים, געוואָלט אַראָפּרייסן דאָס היטל, געצופּט ביים היבשלעך צעלעכערטן רעקל, אָבער זעענדיק אַז ער שרעקט זיך נישט פאַר זיי, ווייל אייניקע האָט ער פּשוט דערלאַנגט מיט דער פויסט און אַנדערע האָט ער איינגענומען מיט דעם וואָס ר׳האָט גערעדט צו זיי אויף זייער לשון,—האָבן זיי אים צורו געלאָזט, אָבער צו זייערע שפּילן האָבן זיי אים זעלטן צוגעלאָזט.

און דאָס פאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקן,—איז געקומען. ס׳איז געשען איינמאָל אין אַ הייסן זומער טאָג. די הינטער גאַסן זיינען געווען ווי אויס־געשטאָרבן; אין די גויאישע הויפן האָבן די עופות מאָדנע געקוואָקעט און זיך געגראַבלט אין מיסט; די ליימענע טעפּ וואָס האָבן זיך געטריקנט אויף די דרענגלעך פון די פלויטן האָבן געטראַסקעט פון היץ. ביים טייך האָבן זיך געפליוסקעט אַ גאַנצע מחנה בלאָנדע קעפּלעך און פאַרריסענע נעזלעך. באַר־וועסע און נאַקעטע זיינען זיי אַרומגעשפּרונגען צווישן די שאַוערן ווי זשאַ־בעס; אָפּגערוקט אַביסל פונעם טומל אָבער גענוג נאָענט צו קענען זען אַלץ וואָס דאָס קליינוואַרג טוט, איז געזעסן סרולטשע גראַבלענדיק מיט די הענט

אין ווייכן זאַמד און די פיס אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער. ס׳האָט אויסגעזען אַז ער זעט קיינעם נישט און הערט נישט וואָס עס קומט פאָר אַרום אים. ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן שאַרן פון זאַמד אַרויס זשאַבע שיסעלעך, פאַרקיילעכדיקטע שטיינדלעך, בלישטשענדיקע שטיקלעך גלאָז און אַנדערע טייערע זאַכן.

פון די שטיינדלעך האָט ער גלייך געמאַכט אַ נוץ: ער האָט זיך אוועק־געזעצט אויף אַ קני און גענומען שיקן די שטיינדלעך איבערן גלאַנציקן שפּיגל פון טייך. האָט דער שפּיגל געפּלאַצט אויף פּיץ פּיצלעך און דאָס שטיינדל האָט זיך קונציק געדרייט און געגליטשט צווישן די שטיקער שפּיגל אַריין און אַרויס, און יעדעס מאָל ווען אַ שטיינדל האָט זיך אַזוי פֿלינק אַ דריי געטאָן איבערן וואַסער, איז סרולטשע אונטערגעשפּרונגען פון פרייד און זיך געפּאַטשט אין די קליבעס פון די פיס: „אָט אַ קונץ״. דאָס קליינוואַרג, האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט אויף אים. זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט אייגענע שפּילן און אפילו נישט געזען ווי זשאַמעלע גייער איז צוגעקומען צום ברעג. זשאַמעלען האָבן אַלע קינדער געקענט און ליב געהאַט, ווייל יעדעס מאָל ווען ער פלעגט קומען אין זייער גאַס אַריין עפּעס קויפן אָדער איבערגעבן אַ שליחות פון אַ סוחר צום גלחס הויז, פלעגט ער זיי טיילן צוקערלעך און אַמאָל זיך אויך צוזעצן אויף אַ פּריזבע, און ווי די בלינדע בעטלער אונטערברומקען אַ ניגון, און חברה קליינוואַרג איז אַרומגעשפּרונגען אַרום אים מיט אַ פאַר־טשעריי און פּליעסקעריי, אַז די גאַנצע גאַס איז באַלד געוואָרן אויף און פול מיט גערעמל.

דאָס מאָל איז זשאַמעלע צוגעקומען שטילערהייט, זיך אוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און צוגעקוקט ווי סרולטשע שפּילט זיך. אָפּגעשטאַנען אַזוי אַ פּאָר מינוט, האָט ער מיטן אַרבל אויסגעווישט די שטענדיק רויטע און טריפנדיקע אויגן, און מיטן ווייכסטן קול וואָס ער האָט נאָר געקענט אַרויסברענגען פון זיין הייזעריקלעכן האַלדז, גענומען מוסרן דאָס יינגל:

— זיצסט בטל, סרולטשע, ביסט שוין ווידער אַנטלאָפן פון חדר? און אַז דער רבי וועט עס דערציילן דער מאַמען? וועסט דאָך אויסוואַקסן אַ גוי גמור . . .

דאָס יינגל האָט אַ טאַמל געטאָן דערהערנדיק זשאַמעלעס קול. ער האָט אָבער נישט געפּרואווט אַנטפערן. פאַר זשאַמעלען האָט ער גרויס דרך ארץ געהאַט. נאָך דער מאַמען איז זשאַמעלע געווען דער איינציקער מענטש אין שטאָט וועמען ער האָט ליב געהאַט און מיט וועמען ער פלעגט פאַרברענגען אין די ווינטער אָוונטן און שבת נאָכמיטאָגס. מיט זשאַמעלען פילט ער זיך היימלעך. ביידע קנאַקן קערעלעך און שמועסן געמיטלעך. און וועגן וואָס צו

שמועסן איז דאָ זייער אַ סך. זשאַמעלע קען אַלעמען אין שטעטל און וועגן אַלעמען האָט ער עפּעס אינטערעסאַנטס צו דערציילן. דאָס אינטערעסאַנטסטע אָבער איז דאָס וואָס ער דערציילט וועגן זיך אַליין. „אַ קיילעכדיקער יתום איז ער געווען פון זינט ער געדענקט זיך. ער האָט זיך געוואַלגערט אין בית־מדרש, אין הקדש; וואו אַ בוידעם און אַ הינטערן־אויוון איז ער דאָרט געלעגן און געהונגערט. דערפאַר האָט ער זיך זייער פרי גענומען צום וואַנדערן, נאָר ער איז אַלעמאָל צוריקגעקומען אהער אין שטעטל אריין. די קברים פון די עלטערן האָבן אים נישט געלאָזט ווייט און אויף שטענדיק אוועקגיין. אין דער חורבה וואו ער וואוינט איצט, איז ער שוין פערציק יאָר, אַ ירושה פון ווייבס צד." סרולטשען ווערט אַלעמאָל לייכטער אויף דער נשמה פון זשאַמעלעס דערציילן. זיין אייגענער עלנט ווערט עפּעס גרינגער.

אַ פּאָר מינוט האָט זשאַמעלע געוואַרט אויף אַן ענטפער און לסוף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

—ביסט נאָך גאָר אַ צוציק, סרולטשע.

האָט עס סרולטשע שוין נישט געקענט פאַרטראָגן און ארויסגעפּלאַצט מיט אַן ענטפער:

— ס'איז דאָרט אומעטיק און דושנע אויך . . .

— פאַר וואָס זשע טוסטו זיך נישט שפּילן מיט די קינדער? — האָט זשאַמעלע אים שוין געפּרוּאווט אָננעמען ביי דער האַנט.

— זיי ווילן נישט,—האָט ער נאָך אַ מינוט שווייגן געענטפערט מיט אַ קרעכץ און באַלד צוגעגעבן,—זיי פליוסקען זיך נאָר און איך האָב ליב צו גראָבן אין זאַמד, מ'געפינט אַזוי פיל זאַכן,—האָט ער זיך שוין אינגאַנצן באַפרייט פון דער ערשטער שרעק און גענומען אויסרעכענען די אוצרות וואָס ער קלייבט דאָ צונויף,—זשאַבע שיסעלעך און שטיינדלעך גלאַטיקע, און—איר ווילט זען אַ קונץ?—האָט ער אַ נעם געטאָן אַ פלאַך און שפּיציק שטיינדל און האָט עס אַ שיק געטאָן איבערן וואַסער. האָט זיך עס אַ גליטש גענעבן איבערן וואַסער אריין און ארויס ווי אַ ציטער־נאָדל אין דער פלינקער האַנט פון אַ מייסטער.

— אָבער דאַווענען ווי ס'געהער צו זיין קענסטו נאָך נישט, דער רבי זאָגט אַז —

— דאַווענען?—האָט דאָס יינגל פאַרשעמט געשעפּטשעט — כ'דאַוון דאָ . . .

— ווי הייסט? ווי אַזוי? — איז זשאַמעלע אַזש אונטערגעשפּרונגען, — מ'דאַרף אַלעמאָל אמת זאָגן, סרולטשע.

— ווי די פייגל, ווי די גראָזן,—האָט דאָס ייִנגל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און די אָפענע בלישטשענדיקע אויגן האָבן זיך געליִיטערט אין דעם העלן זונען שיין.

— וואָס? — האָט זיך אין זשאַמעלעס קול שוין געהערט דער אָנקום פון רוגז.

— איר האָט מיר אַליין געוויזן אין סידור, אַז יעדער פויגל און גרעזל זאָגט זיין תפילה, און יעדעס שטיינדל אין וואַסער אויך, און איך האָב עס טאַקע אַליין געהערט—האָט סרולטשע געקוקט זשאַמעלען גלייך אין די אויגן אַריין.

— ס'שטייט טאַקע אַזוי אין סידור,—האָט זשאַמעלע ווידער אָנגענומען דאָס ייִנגל ביי דער האַנט ווי ער וואָלט אים געוואָלט ערגעץ פירן,—ווייסט מען דען וואָס עס מיינט? ווען דו וואָלסט צום לערנען באַגערן,—איז זיין קול געוווען אָנגעזאָפּט מיט טרויער.

סרולטשע איז געשטאַנען אַ שטומער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זשאַמעלעס טרויעריק קול האָט פון אים די גאַנצע פריערדיקע פרייד פאַר־טריבן. דער גלאַנץ פון די כוואַליעס קעגן דער בייטאָגיקער זון, האָט אים מער נישט געצויגן און געמאַכט שפּרינגען דאָס האַרץ. פאַרקערט גאָר, ס'האָט אים געבלענדט די אויגן און צונויפגעקוועטשט דאָס האַרץ ווי מיט צוואַנגען.

— ס'איז מיר אומעטיק,—האָט ער לסוף אַרויסגעיאָמערט,—דער רבי טוט מיך רק צו בזיון שטעלן, וועפּריק רופן.

— נו ווייַן נישט, סרולטשע, אַז וועסט אין דער תורה באַגערן צו לערנען, וועסטו אויך שמחה האָבן. אַ מענטש אָן תורה איז אַ פּוסט ניסל, אַ שוואָך.

—דאָ איז גוט,—האָט סרולטשע זיך אַ טוליע געטאָן צו זשאַמעלען ווי אַ פאַרלאָזן שעפּעלע,—דאָ איז אַ מחיה. די פייגעלעך פּישטשען און דאָס וואַ־סער מורמלט, און די ביימער שעפּטשען, און די גראָזן שעלעשטשען, און איך שפּיל זיך . . .

— און פון דער היים, פון דער מאַמען טראַכסטו אמאָל?—האָט זשאַמעלע זיך פּלוצים דערמאָנט אַז ער איז געקומען מיט אַ ספּעציעלער שליחות.

— אַלעמאָל,—האָט דאָס ייִנגל געמיינט אַז ס'איז אַ געוויינטלעכע פראַגע.

— כ'מיין סרולטשע, פון דער מאַמען, מיין איך—האָט זשאַמעלע גע־שטאַמלט און נישט געקענט געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט. האָט זיך סרולטשע שוין אַ כאַפּ געטאָן אַז ס'איז נישט גלאַט און דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט מסוכנס, ווייסט דאָך, נישט מיט אַלעמען.—האָט ער אים מיט אויסגעטראַכטע ווערטער געוואָלט טרייסטן, נאָר סרולטשע האָט אים שוין נישט געהערט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און גענומען לויפן אָן אָטעם און זשאַמעלע נאָך אים, אַ צעטראָגענער פאַר וואָס ער האָט אים גלייך נישט געזאָגט אַז ער דאַרף גיין אַהיים, ווער וויים צי ס'איז שוין נישט צו שפּעט.

אַריינקומענדיק אינעם אַלקערל, איז סרולטשע אַרויפגעפאַלן אויפן בעטל וואו די מוטער איז געלעגן אַ פאַרגעלטע מיט די אויגן טיף אין קאָפּ אַריין.

—„און איך האָב זיך גאָר געשפּילט"—האָט ער אין פאַרצווייפלונג גע־יאָמערט און איז אַוועקגעפאַלן אין האַלבן חלשות.

— סרולטשע לעבן,—האָט די מאַמע מיט גרויס מי געפירט איר אויס־געדאַרטע האַנט איבער זיין קעפּל, — מיין קינד, — האָט זי געשעפּטשעט, — בלייבסט אַליין. פאַרלאָז זיך אויף גאָט. גוטע מענטשן זיינען אויך דאָ אומע־טום. געדענק אַז גאָט איז מיט דיר אַלעמאָל.

— מאַמע,—האָט סרולטשע מער ווי דאָס איינע וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען און קוים געהערט ווי די מאַמע שעפּטשעט אַלץ — ווען ער וועט קומען, זאָג אים סרולטשע, אַז כ'האָב געטאָן וואַרטן אויף אים יעדן טאָג. רוף אַריין די שכנים! — האָט זי פּלוצים מיט שרעק אַ טרייסל געטאָן זיין קאָפּ,—רוף שנעלער!

סרולטשע האָט זיך אַ הייב געטאָן און דער מאַמעס פּנים נישט דערקענט. פרעמד און גלעזערן פאַרשטאַרט האָט ער עס דערזען, בלויז עטלעכע אָדערלעך אַרום די שליפן און הינטערן קין האָבן נאָך געצאַפּלט ווי פייגל וואָס רייסן זיך פון דער שטייג. האָט ער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר טויט דערשראָקענע אויגן און זיך געלאָזט לויפן רופן די שכנים, און דער מאַמעס קול, אַן איבערגע־בראָכנס, האָט אים נאָכגעיאָגט: „האָב נישט קיין מורא, סרולטשע, גאָט —"

מער האָט ער שוין נישט געהערט איר קול, ווייל ווען ר'איז געקומען מיט אַ פּאָר שכנטעס, האָט מען אים צום בעט שוין נישט צוגעלאָזט.

וו

פון דאַמאָלט אָן האָט ער זיך געפילט זייער אַלט, אַ סך עלטער פון אַלע די מיט וועמען ר'איז געווען נאָענט, עלטער אפילו פון זשאַמעלען זיין נאָענסטן פריינט. אָנגעהויבן האָט זיך עס גלייך ביים אַהיימגיין פון דער מאַמעס לוויה, ביי דער בריק לעבן דער וואַסערמיל

וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט וואַשן די הענט. אָן אַלטער האַלב פאַר־פוילטער ראָד האָט זיך פאַמעלעך געדרייט און געשליאָפּעט אין וואַסער. האָט עס אים דערמאָנט אינעם ראָד אין זיין דאָרף, אינעם בוידעם שטיבל, דער באָבע צביהס צימער, אינעם מלמד און אין די הארבסטיקע טעג און נעכט פאַר דער באָבעס טויט, און שפּעטער זייער שלעפּן זיך אין די בלאָטעס אין אַ חושכדיקע נאַכט פירנדיק די באבע צביה צו דער קבורה. דער פויער וואָס האָט זיי געפירט איז כסדר געגאַנגען פון פאָרנט פון וואָגן און געברענט קוליעס שטרוי. גאָר פלוצים האָט ער איצט ווידער דערזען דעם פויער קערנדיק די פינצטערניש מיט אַ בעזים פון פונקען, און ר'האָט עס דערנאָך שוין אַ גאַנץ לעבן נישט געקענט פאַרגעסן. נישט ווילנדיק האָט ער, ביים אויסשטרעקן די הענט אַז מ'זאָל אים אַרויפגיסן וואַסער, געכאַפּט אַ בליק אין טייך און דערזען זיין פּנים—מאַגער, אויסגעצויגן און שאַרף. האָט עס אים מאָדנע פאַרוואונדערט: דאָס פּנים האָט אים אויסגעזען צו זיין פּונקט ווי דאָס פּנים פון זיין פאָטער, ווי די באָבע האָט עס אים אויסגעמאָלט. אָבער פאַרוואָס זעט ער אויס אַזוי יונג, קינדעריש נאָך?—דער בעזים מיט פונקען האָט נאָך אַלץ געקערט די פינצטערניש פאַר זיינע אויגן. און וואונדערלעך, ער האָט דערזען אַזוי קלאָר די מענטשן פון וועלכע די באבע צביה האָט זיך אַזויפיל אָנדער־ציילט, און זיי זיינען אים געווען נעענטער ווי אַלע די וואָס זיינען איצט געשטאַנען לעבן אים. ער איז געוואָרן ווי איינער פון זיי. זיי רעדן צו אים ווי צו אַ גלייכן, ער איז איינער פון זייער דור, און ווי ער וואָלט עמיצן פון זיי געענטפערט אויף אַ פראַגע, האָט ער זיך ראַפּטום אויסגעגלייכט און אַ שעפּטש געטאָן: „די מאַמע איז שוין אַוועק.” ביי דעם האָט אים זשאַמעלע אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעשלעפּט פון דער בריק: „ביסט נאָך יונג סרולטשע, און גאָט שטראָפט נישט אויף אייביק”. איז עס אים אויסגעקומען אַזוי מאָדנע און פרעמד אַז ר'האָט אויסגעשטעלט אויף זשאַמעלען אַ פּאָר פאַרנעפּלטע אויגן ווי ער וואָלט אים מער נישט דערקענט—נישט פון זיין וועלט . . .

פון יענעם מאָמענט אָן האָט ער שוין נישט געדאַרפט פאַרמאַכן די אויגן כדי צו געפינען זיך אין זיין וועלט. ער האָט שוין סיי ווי אַלץ געזען מיט אַנדערע, אַלטע אויגן; אפילו שפילנדיק זיך מיט עפּעס אַ זאַך גאַנץ קינ־דעריש, האָט ער עס אַנדערש געזען.

און אַזוי איז אים פון דאַן אָן אויסגעקומען צו לעבן: פאַר דער וועלט אַ פּראָסט יינגל מיט קינדערישע נאַרישעוואַטע שטיק—אַנטלויפט פון חדר און פון דער גוטער שכנטעס הויז וואו ער געפינט זיך זינט די מאַמע איז גע־שטאָרבן. פאַר זיך אָבער, איז ער געווען אַן עלטערער מענטש שוין, וואָס קען

נישט איינזיצן אין חדר און זיך מאכן נאריש מיט שפּילן אין קוויטלעך הינטערן רבינס פּלייצעס און חזרן אַ גאַנצע וואָך איין שטיקל גמרא. אַנט־לויפט ער אין וואַלד אַריין וואו ער קען פריי אָטעמען און רעדן מיט יעדן גרעזל און געל זאַמד סטעזשקעלע.

ווען ער קומט אַהיים פאַרנאַכט אָדער ווען דער רבי מוסרט אים, שטייט ער ווי אַ תּם, אַ חושים וואָס קען קיין צוויי נישט ציילן. ער טוט עס נישט אומישנע, ער האָט פשוט נישט וואָס צו ענטפערן די מענטשן וואָס בייזערן זיך אויף אים, שרייען און בעטן, דערמאָנען זיין יתומקייט און אַז צוליב דער מאַמען מיטן טאַטן וואָלט ער זיך געדאַרפט אַנדערש אויפפירן, ווערן מיט מענטשן גלייך. שטייט ער אַ צעמישטער צווישן זיי. דער ריח פון וואַלד ליגט אים נאָך אין נאָז, דער שעלעשטש פון די גראָזן איז אים נאָך אין די אויערן, און ער זעט אַזויפיל זאַכן און באַשעפענישן אַרום און אַרום, אַלע אַזעלכע אָפענע און נישט פאַרשטעלטע; און דאָ אין שטאָט—נאָר מ'טענהט מיט אים און ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט. עפּעס איז עס אַזוי פאַרהוילן, פאַרשטעלט —וואָס ווילן זיי? וואָס טשעפּען זיי זיך?—שטייט ער און שטומט אָדער זאָגט אַרויס עפּעס אומפאַרשטענדלעכס.

האָבן אַלע שכנים און דער רבי באַשלאָסן, אַז פון דעם מעל וועט קיין ברויט נישט זיין. אַ דאָרפס יונג, ציט אים אין פעלד אַריין. צו דער תורה דאַרף מען גאָר אַנדערע כלים ווי ער האָט. איז געבליבן מ'זאָל אים לאָזן לויפן. דאַווענען קען ער שוין, קדיש אויך—וועט זיין גענוג פאַר אים.

איז ער געוואָרן אַ פרייער פויגל. דער רבי האָט אים גאַנץ קלאָר און דייטלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז אומזיסט זיין קומען אין חדר. לער־נען איז נישט פאַר אים, ווייזט אויס, אים ציט ערגעץ אַנדערש, זאָל אים דער אייבערשטער העלפן, ער זאָל חלילה נישט פאַרקריכן צו ווייט . . . זאָל ער זיך נעמען צו עפּעס אַ מלאכה און זיין אַ נהנה מיגיע כפּיו. ער איז אפילו גרייט צו רעדן וועגן אים מיט אַ שניידער, אַ שוסטער אָדער אַ בלעכער.

די גאַנצע צייט וואָס דער רבי האָט גערעדט, האָט סרולטשע נישט אַראָפּ־גענומען די אויגן פון אים. ער האָט געפילט אַז דעם רבין טוט באמת ווי דאָס וואָס ער איז אַזאַ שלעכטער תלמיד, האָט אים אָנגענומען אַ חשק אויס־צורעדן זיך דאָס האַרץ פאַרן רבין, אָבער ר'האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי מ'הייבט אָן. ער האָט מיטן רבין קיינמאָל נישט געשמועסט, תמיד בלויז געפרעגט אָדער געענטפערט אויף עפּעס, ווי זשע הייבט מען אָן? האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם און דער רבי האָט געמיינט, אַז ער הערט אפילו נישט וואָס ער רעדט צו אים און זיך שוין אַ בייזער געטאָן:

— פרא אדם וואָס דו ביסט, הערסט וואָס מ׳רעדט צו דיר?

— יאָ, רבי,—האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— וואָס זשע גלאָצסטו אַזוי ווי אַ גלאָמב? וואָס וועט זיין?

— כ׳וועל לערנען פאַר זיך, רבי,—האָט ער ענדלעך געקראָגן מוט צו זאָגן דאָס, וואָס האָט געדאַרפט קלאָר מאַכן דעם רבין, אַז ער גייט נישט אַוועק פון לערנען. דער רבי האָט עס אָבער נישט אַזוי אָנגענומען און פאַרחידושט אַ זאָג געטאָן:

— אַזוי?! ביזטו דאָך טאַקע דער אמתער תם, השם ישמרנו.

סרולטשע האָט זיך דערפילט ווי אָפּגעשמיסן און פאַרביסן די ליפּן. עס האָט אים שוין נישט אַזוי געאַרט דאָס וואָס דער רבי גלייבט אים נישט, נאָר דאָס גרינגשאַצן אים. דער חוזק טאָן וואָס איז געווען אינעם רבינס רייד, האָט אים געגעסן ווי זשאַווער און ר׳האָט נאָכמער אַרויסגעצויגן אויף זיך דעם פּאַנצער פון פאַרשטעלטקייט. אפילו דאָס פּנים זיינס האָט זיך אויך צו־געפּאַסט צו דעם. די שאַרפע שטריכן פון פּנים זיינען פאַרווישט געוואָרן און אויף זייער אָרט איז געלעגן אַ שטומע רו; אפילו זיינע אויגן, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען אַזעלכע טיפע און פינקלדיקע, זיינען עפּעס מוטנע און ווי פאַרהייטלט געוואָרן—קענסט נישט אַריינקוקן אין זיי. בלויז ווען ר׳איז אַליין זיינען די אויגן ווידער פריי און אָפן. און דער תם אויפן פּנים, האָט זיך אויך אָפּגעטאָן פון אים ווען ר׳איז געזעסן ביים וואַסער אָדער געקלעטערט אויף אַ בוים אין וואַלד.

אָפט פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן אויף עטלעכע טעג אַרומשלעפנדיק זיך אין נאָענטע שטעטלעך און דערפלעך. טיילמאָל פלעגט אים זשאַמעלע מיטנעמען מיט זיך אויף זיינע שליחותן. דאָס מיטגיין מיט זשאַמעלען איז פאַר אים געווען אַן אמתער תענוג: ס׳מעג זיין רעגנדיק צי זוניק, די וועגן פאַרשאָטן מיט שניי, צי ווען דאָס געלע זאַמד וואַרעמט ליב די באָרוועסע פיס אינעם ליכטיקן זומער טאָג,—אַלצאיינס, דאָס גיין מיט זשאַמעלען איז אַזאַ הנאה וואָס מ׳קען מיט קיין ווערטער נישט אויסדריקן.

קיין בעל־מנגן איז נישט זשאַמעלע, נאָר הערן אים זינגען אַ ניגון ווערט ריין די נשמה און האָפערדיק; ער קען טאַקע דעם רעגן אָדער דעם ווינט נישט איבערשרייען און נישט איבערלויפן. אָבער ס׳איז היימלעך צו גיין מיט אים אין רעגן, ס׳איז פריילעך אין מיטן פאַרנעפּלטן פרימאָרגן; קיין גרויסער דער־ציילער איז ער אויך נישט, ס׳פעלן אים ווערטער, ער שפּרינגט פון איין מעשה צו דער צווייטער, און אַמאָל קען ער אפילו פאַרפעלן גאָר וויכטיגע טיילן פון דער מעשה און זיך דערמאָנען אין דעם ערשט אין אַ טאָג אַרום, אָבער אַז ער

דערציילט עפּעס איז אַ נחת צו הערן. שטומע רעדן ביי אים און לאָמע גייען אַ טענצל. „מ׳קען מיינען אַז ס׳איז בלויז אַ שפּאַס, אַ ליצנות אַזאַ,״—טוט ער אַ צי פון דער ליולקע און גיט סרולטשען אַ קניפּ אין בעקל,—„זאָג איך דיר, אַז ס׳איז וואָרער אמת, גאָלד און זילבער. ס׳איז געווען אַזוי: ס׳איז מיר אַזוי אומעטיק צו גיין אַליין אויפן וועג, גיב איך מיר אַ זאָג צו מיין שטעקן: אַ גו, ברודערל, טו נאָר אַ שפּאַן מיט קפיצת־הדרך! און ער פאָלגט מיך. אַזוי טוען אַלע וואָס וויסן דאָס און אַזוי זאָלסטו אויך טאָן, סרולטשע״.

און וויפל זאַכן דער זשאַמעלע וויסט עס דיר. וואו אַ וועגל און וואו אַ פּריצישער־פּאַלאַץ, איז אים באַקאַנט. גיין מיט זשאַמעלען מיינט דעריבער, אַז די גאַנצע געגנט ליגט פאַר דיר אַן אַנטפּלעקטע: פון דער סטעזשקע וואָס פירט מיט אַ קירצערן וועג צום דאָרף, ביז צו דעם קלענסטן פּרט וועגן די פּויערים אין דאָרף און זייער פּריץ מיט זיינע הינט, דינער און דינסטן, און דעם ראש־הקהל וואָס שפּילט מיט אים אין שאָך יעדן שבת־צו־נאַכטס.

אַלץ איז אָפן פאַר זשאַמעלען און אַלץ ווייזט ער סטרולטשען: „זעסט דעם קלויסטער דאָרט? געווען אַמאָל הויך ביזן הימל. אַ פּיסל פונעם אָרגל פון בית־המקדש האָבן זיי דאָרט . . . אַז דו גייסט דאָרט דורך, למען־השם פאַר־שטאָפּ די אויערן, ס׳איז אַ גרויסע סכנה. דער קלויסטער זינקט אין דער ערד אריין, אַ קללה אַזאַ פון אַ גרויסן צדיק, און אַז מירן זוכה זיין און פון קלויסטער וועט זיך מער ווי דער שפּיץ נישט ארויסזען, וועלן זיך שוין הערן די טריט פון משיחן . . . און דאָרט אין טאָל זעסטו דעם הויף מיט די שטאַלן? אַהין גייט קיין ייד נישט צו. הינט ווי די וועלף, און דער פּריץ—ימח שמו וזכרו! דערזעט ער אַ יידן, נעמט ער אים גלייך אויפן פולווער.

און אָט דעם שפּיץ־באַרג, זעסטו? זע נאָר ווי עס וויקלט זיך דער נעפּל אַראָפּ ווי אַ ספר. דאָרט זיינען אָדלער נעסטן; און אין יענער קאַרעטע וואָס איז נאָר וואָס דורכגעפאָרן, ווייסטו ווער עס איז געזעסן?״

אַזוי פליט דער וועג און ווערט איינגעשלונגען, נישט פילנדיק אפילו. בלישטשען לעבעדיק סרולטשעס אייגעלעך, איז ער אויך אָפּגעדעקט און נישט פאַרשטעלט, רעדט ער זיך אויס דאָס האַרץ: „מיר איז פריילעך נאָר אין פעלד, נאָר אין וואַלד.״

— ווייל דו האָסט מורא פאַר מענטשען מער ווי פאַר גאָט . . .—האָט אים זשאַמעלע אַמאָל אויסגערעדט.

— אין פעלד ביים טייכל בין איך ווי אין דער היים. ווען דער ווינט שפּילט זיך מיט די צווייגן פון ביימער איז מיר גוט,—האָט סרולטשע נישט געלאָזט

זיך אראָפּפירן פון וועג,—כ'העך די גראָזן שעפּטשען, די ביימער רעדן מיטן ווינטס מויל, עפן איך אויך דאָס מויל און דאַוון . . . מיינסט, זיי הערן, נישט?

— האָסט נאָך צו ווייכע הענטלעך, סרולטשע, וואָלסט זיך געדאַרפט לערנען א מלאכה,—טוט זשאָמעלע אים א נעם ביי דער האַנט און וויל אים פאַררעדן מיט עפּעס אַנדערש.

— כ'וויל מיטגיין מיט אייך,—האָט סרולטשע זיך א בעט געטאָן.

— און א לעפל וואַרעם וואַסער, ווער וועט דיר אָפּקאָכן? און וואָס פאַר א תכלית וועסטו האָבן ביי מיר? אַלעמאָל פאַריאָגט פון דער היים און ס'איז סכנות נפשות אויך . . . — האָט ער זיך צוגעבויגן צו אים און אים אריינגע־רוימט אין אויער,—דו דאַרפסט זיין צווישן מענטשן און ווערן א מענטש.

— כ'האָב זיי פיינט,—האָט סרולטשע ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַרויס־געריסן די ווערטער—מ'קוקט מיר רק אין די אויגן, מ'טוט מיך ועפּריק רופן, תם טאַטער . . .

א ווײַלע האָט זשאָמעלע אָנגעקוקט דאָס ייִנגל מיט די פייערדיקע ביסטרע אויגן און לסוף זיך א בייזער געטאָן מיט געמאַכטן כעס:

— אַלע מענטשן האָסטו פיינט, אַלע? וואָס פאַר א שלעכטס האָב איך דיר געטאָן?

סרולטשע האָט זיך פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— זעסט, צינדסט זיך אָן ווי א קינדל און שוין, וועסט עלטער ווערן וועסטו בעסער — —

—ס'איז מיר אַזוי טרויעריק, — האָט סרולטשע זיך געטוליעט צו זשאָמעלען און אַזש געציטערט.

— מיינסט, אַז נאָר דיר איז טרויערדיק,—האָט אים זשאָמעלע איינגענו־מען און געגלעט—ס'איז אַלעמען אַזוי.

— וואָס זשע טוט מען?—האָט דאָס ייִנגל פאַרצווייפלט זיך געבעטן.

— מ'זאָגט א קאַפּיטל תהילים, מ'רעדט מיט א מענטש און מ'גייט זיך אַביסל דורך.

צוריקקומענדיק איינמאָל פון אַזא שפּאַציר, האָט סרולטשע געטראָפן זיין אַלקערל פאַרנומען פון אַן אַנדערע משפּחה.

— זעסט, סרולטשע, מיין זעקל ליגט אויך הינטער דער טיר, — האָט זשאָמעלע געטרייסט דאָס ייִנגל און פאַרלאָרן און שעמעוודיק צוגעגעבן,— לאָמיר זשע ביידע גיין אין בית־מדרש אריין. ס'וועט זיך דאָרט געפינען פּלאַץ אויך פאַר אונדזביידן . . .

— מיין זעקל ליגט דאָס ערשטע מאָל אין דרויסן,—האָט סרולטשע מיט אמאָל געפונען ווערטער און זיך צוגעטוליעט צו זשאַמעלען.

— אַז ס'איז ערשט דאָס ערשטע מאָל, דאַרפסטו דאָך אוודאי נישט זאָרגן . . . — האָט זשאַמעלע שפּאָטיק אַ מאַך געטאָן און מיט אים גענומען שפּאַנען צום בית־מדרש.

ז

אויף דער שוועל פון בית־מדרש האָבן זיי אָנגעטראָפן דעם שטאָט שמש,—אַ יידל אַ פּלינקס, אַ זשוואַוועס און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים.

— סקאָצל קומט!—האָט ער זיי אַ שמייץ געטאָן אין פּנים אַריין אַ גע־לעכטערל מיט זיין כריפּעוואַטער באַס שטימע, און זיך געמיטלעך אָנגע־שפּאַרט אויפן לאַנגן בעזים מיט וועלכן ר'האָט געקערט דאָס בית־מדרש.—וואָס ווילסטו עפּעס זאָגן גוטס?

— נעם דעם בעזים, סרולטשע,—האָט זשאַמעלע זיך געמאַכט נישט הערנדיק,—און העלף צו ר' פּנחסן . . .

— מ'דאַרף נישט יינגעלע, נישט פאַר דיינע הענטלעך נאָך,—איז דער שמש שוין געוואָרן צוגעלאָזן און באַקוקט סרולטשען מיט רחמנות־אויגן, ווי ער וואָלט אים ס'ערשטע מאָל געזען,—'עסט נאָך האָבן צייט, און אַבלען? הא?

— כל זמן איך בין דאַ,—האָט זשאַמעלע גענומען שטאַמלען.

— אַ נייער אדיר (גביר)—האָט דער שמש אַ שמייכל געטאָן צו זשאַמע־לען—ס'אַנדערע, וואָס שייך? אַ גאַנג, אַ שליחות וועט ער דאָך קאָנען גיין . . . קיין עין־הרע אַ שטאָט מיט יידן. עך וועל אויך אַן אויג האַלטן, אַ יתום נע־בעך, וואָס דען?!—האָט דאָס כריפּעוואַטע קול גענומען אונטערסקריפּן און דאָס באַוואַקסענע פּנים איז עפּעס אויסגעלייטערט געוואָרן.—גיב דאָס זעקל, די שמשטע וועט דאָס שוין באַשטאָטן, אַ בפירושע מצווה. אַ כשרע יידענע געוועזן דיין מאַמע ע"ה, אַן אשה צנועה.—האָט ער שוין אײנגאַנצן אַ צענור־מענער מיט רחמנות אַריינגערעדט אין סרולטשען און פאַרענדיקט:—כ'וויים, נעם טאָקע דעם בעזים, וועסט אַביסל צוהעלפן. כ'בין דאָך שוין נישט קיין יינגעלע.

— הער נאָר,—האָט ער צוקומענדיק צו זיין שטיבל לעבן בית־מדרש, גענומען רופן די שמשטע,—הער נאָר, וואו ביסטו דאָרטן? ס'איז שרהס יינגל, אַ מצווה גדולה.

די שמשטע, א הויכע יידענע מיט א קרענקלעך פּנים, האָט אויפגעעפנט די טיר פאַר זיי און מיט א קרעכץ באַלד געגומען אַרויסלייגן פון זעקל זיינע חפצים: א פּאָר העמדער, די תפילין, א צעריסן לאַפּסערדאַקל און א אַלטן טלית.

— מ'דאַרף פאַרלאַטן,—האָט זי צום סוף אָפּגעשטופּט דאָס ביסל שמאַטעס אָן א זייט און געמורמלט:—מנע, ער ווייסט דאָך מן הסתם וואָס ער טוט . . .

אַזוי איז סרולטשע געוואָרן אונטער־שמש אין שטאַטישן בית מדרש. זיין אַרבעט איז געווען: פאַרטאָג אויסצוקערן דאָס בית־מדרש, צוהעלפן דעם שמש אַריינצושטעלן די ליכט אין די הענגלייכטער און אויסרייניקן די קאַניצלעך ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען אהיים נאָך מעריב. ווייטער האָט ער געדאַרפט אויספירן פאַרשידענע שליחותן פונעם רב און באַלעבאַטים און פאַר דעם געקראָגן אַן אָנבייסן, א וועטשערע, אָבער מערסטנס האָט ער געגעסן ביי דער שמשטע, וואָס האָט זיך צוגעבונדן צום יינגל ווי צו אַן אייגן קינד.

זשאַמעלען האָט ער זעלטן געזען, ווייל הינטערן אויוון איז געווען ענג. אורחי פורחי פון דער גאַנצער סביבה, האָבן זיך כסדר אַרומגעריסן און געשאָלטן מיט טויטע קללות פאַר א שטיקל אָרט וואו די טאָרבעס אוועקצולייגן. צום ערשטן האָט זשאַמעלע מיטגעהאַלטן מיט זיי און גוטמוטיק געזאָגט זיינע ווערטלעך, אָבער וואָס ווייטער איז אים שווערער געוואָרן צווישן דער כאַליאַסטרע אָפּגעריסענע בעטלער און ער האָט גענומען פאַרשווינדן אויף גאַנצע טעג. צוריקקומען פלעגט ער א פאַרמרה־שחורהטער, א פאַרשלאָסענער אין זיך און פלעגט אָפּזיצן שעהנווייז נישט עפּנענדיק דאָס מויל. אומזיסט האָט סרולטשע אים געפּרוווט אויפמונטערן, ער האָט אויף אים בלויז געקוקט מיט פאַרטערטע רויטע אויגן און פאַרביסן געשוויגן.

— כ'וויל דאָ נישט שטאַרבן, — האָט ער איינמאָל אַרויסגעקרעכצט — כ'וועל אַוועק אויף דער מדינה.

אין א פּאָר טעג אַרום, איז זשאַמעלע פאַרשוואונדן אויף שטענדיק, און סרולטשע האָט אונטערן שעניק געפונען א נייַ סידורל מיט א תהילימל וואָס זשאַמעלע האָט אים איבערגעלאָזט א מתנה.

נאָך זשאַמעלעס פאַרשווינדן, איז סרולטשע אַרומגעגאַנגען א צעטומלטער, נישט געהערט וואָס מ'האָט גערעדט צו אים און אין דער שטיל געהאַלטן אין איין וויינען. ס'איז אים אַלץ נמאס געוואָרן, אפילו דאָס אַרומבלאָנקען אויף דער לאָנקע איז אים אויך נישט איינגעגאַנגען. די גאַנצע וועלט איז שטום

געוואָרן פאַר אים, און ווען נישט וואָס דער שמש האָט געהיט זיינע טריט וואָלט ער אויך געווען אַוועק אויף דיר מדינה.

— סרולטשע,—האָט אים דער שמש אויפן דריטן טאָג פון זשאַמעלעס אַוועקגיין, אַוועקגענומען אָן אַ זייט — גייסט אַרום בטל, בטל — האָט ער גענומען זוכן ווערטער — קוק אַריין אין אַ ספר.

סרולטשע האָט זיך צעוויינט. שוין לאַנג אַז ער זאָל האָבן געוויינט פאַר אַ פרעמדן מענטשן. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן. דעם שמש' ווערטער האָבן געעפנט אַ וואונד אין זיין נשמה.

— נו, נו—האָט דער שמש אים געפּרואווט בארואיקן—פאַראַן ספרים מיט עברי טייטש, קוקט מען אַריין. וואָס שייך? ביסט דאָך אַ יידיש קינד. מ'זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, און אויב דו ווילסט, וועלן מיר לערנען אינאיינעם.

פון דאַמאָלט אָן, האָט דער שמש יעדן טאָג מיט אים געלערנט, אָבער סרולטשע האָט נישט געפילט קיין טעם אין דעם. פונעם לערנען מיט זיין רבין אין דאָרף, איז אים געבליבן אין גדערעכעניש אַ זיסער ניגון און אַ ווארעמקייט אין אַלע אברים; פונעם חדר אין שטעטל, האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ פריילעך פלעסקען פון קינדערישע מיילער און אַ שטיל ציענדיק קול פונעם רבין ווען ער האָט דערציילט אַ מעשה. דאָס לערנען מיטן שמש אָבער, איז געווען טרוקן, שטיינערדיק און אומעטיק. מיטן כריפּעוואַטן קול, האָט דער שמש פאַרגעזאָגט אַ משנה און פאַרטייטשט וואָרט פאַר וואָרט און סרולטשען איז געווען שווער צו כאַפּן וואָס די ווערטער מיינען.

— דיין קאָפּ איז דיר ערגעץ אַנדערש—פלעגט זיך אָפּט בייזערן דער שמש —בארעכן נאָר אַליין סרולטשע, וואָס וועט זיין דער תכלית? הערסט וואָס איך רעד צו דיר? האַ?—איז דער אַלטער געווען זיכער אַז סרולטשע הערט אפילו נישט וואָס ער זאָגט.

סרולטשע האָט זעלטן געענטפערט אויף דעם שמש' טענות, ווייל ער האָט טאַקע נישט געהערט וואָס ער רעדט צו אים. פאַר זיינע אויגן איז איצט געשטאַנען דאָס ברייטע פעלד פאַר זייער הויף אין דאָרף; אַ בלאַנק ווייסער שניי בלענדט און פינקלט אין זון, און זיין מלמד—אַ נידעריק יידל מיט אַ מגושם פּנים גלאָצט פון דער ווייסקייט אַרויס, און ער הערט זיין ווייך קול מיטן גלעטנדיק ניגון: „סרולטשע, וואָס זיצסטו דאָ?"

אָן אַנדערש מאָל, זעט ער גאָר זשאַמעלען גיין אויפן וועג וואָס פירט פון שטאָט אין דאָרף אַריין. זיינע פּאָלעס פאַרשאַרצט און אונטערגעבונדן מיטן גאַרטל; דאָס זעקל אויף זיינע אַקסל הוידעט זיך און רעדט צו אים האָפּערדיק:

„האסט נאך ווייכע הענטלעך, סרולטשע" . . . כאפט ער מיט אמאל און נעמט באקוקן זיינע הענט. ווערט שוין דער שמש גאר בייז און פארמאכט דאס משניות: — ביזט לא עלינו א — פארקייכט ער זיך אין מיטן בייזערן און קען נישט פארענדיקן דאס זידל ווארט,—גיי שוין בעסער צום רב. מן הסתם א שליחות דארט.

דערפאר אבער טרעפט אפט אין א ווינטער נאכט, ס'בית מדרש איז אין חושך פארהילט, אפילו די יארצייט ליכט אויפן עמוד צאנקען אזוי בלודנע און חושכדיק, דרייט זיך סרולטשע אויף זיין געלעגער און קען נישט שלאפן. עפעס נאגט אים און לאזט נישט רוען: „א גאנצן טאג זיך ארומגעטיאפקעט אין בלאטע און אין שניי, איז וואס וועט זיין דער תכלית?" — זעט ער פאר זיך נאר בלודנע חושך און א בלאסן גלאנץ פונעם ווייסן ווארעמען אויוון, לויפט ער אראפ פונעם געלעגער, נעמט אויף שנעל א ספר און פאר־וויגט זיך אין דעם מיטן ניגון פון זיין דארפישן מלמד. פירט אים דער ניגון אוועק אויף ווייטע וועגן. ארום איז דער גרינער און רוישיקער וואלד, און ווייט ווייט אויפן אפענעם פעלד לעבן וואסער שטייט די וואסער מיל, און ער קלעטערט ווידער אויפן אלטן ראד ארויף, ארויף.

ווען דער שמש טרעפט אים פארטאג דרימלען אויף אן אפן ספרל, פאר־גאנוועט ער זיך זייטיק צוריק צו דער טיר און טוט א שטארקן קנאק ביים פארמאכן זי, כדי אים אויפצואוועקן:—גוט מארגן, סרולטשע,—טוט ער אים א קלאפ אין פלייצע,—ביסט שוין לאנג אויף?—פאר וואס זשע האסטו נישט אויסגעקערט ס'מקום קדוש? . . .

אזוי זיינען אריבער א פאר זומערס און ווינטערס. סרולטשע איז אויס־געוואקסן א ברייטפלייציקער, געזונטער בחור, מיט א פול רויט פנים אויף וועלכן ס'האט שוין אנגעהויבן ארויסשפראצן דער בלאנדער פוך פון אן אנ־הייב בארד. דער שמש מיט דער שמשטע האבן זיך געשפיגלט אין אים און געהאפט אויפן טאג צו קענען אים פירן צו דער חופה.

— ביסט דאך ווי אן אייגנס ביי אונדז, סרולטשע,—האט די שמשטע איין מאל אין א שבת ביים עסן אנגעהויבן איינטענהן מיט אים,—כ'האב גוטן פוך צוגעגרייט פאר דיר. א פאר רובל אויך אפגעשפארט. מיערטשעשעם מיטן רעכטן זיווג, וועמיר דיר אפגעבן אונדזער אלקער.

— פאר וואס טאקע נישט, סרולטשע?—האט דער שמש זיך אויך אריינ־געמישט—מיט א מעמד פרנסה ביזטו א דאנק דעם השי"ת באזארגט ווייל איך לעב, און די באלעבאטים לעקן פון דיר די פינגער. מעגסט שוין ברוך השם טאקע טראכטן פון א תכלית.

סרולטשע האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן די צוויי אַלטע לייט. זייער גוטסקייט איז אים ליב געווען און זייער זאָרגן פאַר אים האָט אים דער־מאָנט אין דער מאַמעס ווערטער: „גוטע מענטשן זיינען אומעטום פאַראַן, סרולטשע, האָף צו דעם וואָס לעבט אייביק, וועט ער דיך צו זייער טיר פירן.״ ס׳האָט זיך אים זייער געוואָלט אויסדריקן מיט עפּעס זיין דאַנק צו זיי, האָט ער נאָך אַ ווײַלע שווייגן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ פריילעכן זמירות־ניגון, וואָס האָט געמאַכט צאַפּלען מיט פרייד דאָס האַרץ פון דעם אַלטן פּאַר־פאָלק און אין זייערע אויגן האָבן געלויכטן טרערן ווי דימענטן.

פון דאַן אָן האָט סרולטשע נאָך מיט מער פליים באַדינט קהל און נאָך אָפּטער אַריינגעקוקט אין די ספרימלעך ווען קיינער האָט נישט געזען. זעלטן ווען ר׳האָט מיט ווער פאַרפירט אַ ברייטן שמועס. האָבן אים טאַקע אַלע געהאַלטן פאַר אַ תם און עם־הארץ און נישט אומגעקוקט זיך אויף אים.

נאָר איינער איז געווען וואָס האָט זייער שטאַרק נאָכגעקוקט דעם יתום,— ווי די באַלעבאַטים פלעגן אים רופן צווישן זיך—דאָס איז געווען „מאירל איידעם״,—אַ יונגערמאַן וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען אין שטעטל אַריין פון גאָר אַ ווייטע מדינה, מ׳שמועסט אַזש פון זשאַמוט, און געזעצט זיך לערנען אין בית־מדרש. איז דער שמש צוגעגאַנגען צו אים און אָפּגעגעבן שלום און דערוויל, ווי דער שטייגער איז געווען אַ פרעג געטאָן:— איר דאַרפט אַ קוויטל? (אַן אָנווייזונג וואו צו עסן)—האָט דער יונגערמאַן אים אָנגעקוקט אַ ווײַלע און מיט תמימות געענטפערט:—כ׳בין געקומען ווערן דאָ אַן איידעם.

— וואָס?—האָט דער שמש געמיינט אַז ער האָט נישט גוט געהערט.

— דער טאַטע ע״ה האָט מיר אַזוי געהייסן . . .

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט דער שמש זיך ברייט צעשמייכלט אין דער געדיכטער און ברייט צעוואַקסענער באָרד אַריין און גלייך צעטראָגן די נייעס איבערן שטעטל. האָבן לצים טאַקע געשפּעט, אָבער דער שדכן האָט זיך זיינס געטאָן און אויסגעפונען אַז דער בחור איז גאָר אַ גרויסער למדן; און כאָטש ער האָט גאָרנישט געוואָלט דערציילן וועגן זיין משפחה, האָט מען זיך אָבער דערוואוסט אויף זיכער, אַז ער שטאַמט אַרויס גאָר פון געהויבענע לייט, און אַ טייל האָבן אפילו מבטיח געווען אַז זיי ווייסן אויף געוויס, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ בעל מופת און ער האָט אים געשיקט אַהער, כדי עפּעס מתקן צו זיין . . .

האָט מען, פאַרשטייט זיך, דעם בחור באַלד אויסגעכאַפּט און פאַרקנסט מיט אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס טאָכטער. אָבער זיין נאָמען איז פאָרט פאַר־

בליבן „דער איידעם". מיט די שטאָט לייט האָט ער זיך אָבער קיין סך נישט אָנגעקערט, ווייל געהאַנדלט האָט ער נישט און קיין שמועסער איז ער אויך נישט געווען. איז ער זיך געזעסן אין זיין חדר־מיוחד, וואָס דער שווער האָט פאַר אים אויסגעבויט הינטערן בערגל לעבן וואַסער, און געלערנט. בלויז איין מאָל אין וואָך פלעגט ער אויפשטיין אַ גרויסן פאַרטאָג און קומען אין בית־מדרש אַריין לערנען. אַזוי האָט ער זיך געפירט סיי זומער, סיי ווינטער, און די שטאָטלייט האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ זכיה.

קומט מאירל איינמאָל אינעם גרויסן פאַרטאָג צום בית־מדרש געסל און טרעפט דאָס בית־מדרש איינגעהילט אין פינצטערניש. פאַרשטייט ער אַז ס'איז מן הסתם נאָך גאָר פרי און דער שמש שלאָפט נאָך. „וועט ער אַליין אָנצינדן דעם לאָמפּ", טראַכט ער און הייבט אָן זוכן די קליאַמקע פון דער טיר. פּלוצים טוט דורכן שלאָס־לאָך אַ בלישטש פאַר זיינע אויגן אַ רויטע שיין. איז ער אָבער נישט קיין שרעקעוודיקער און טוט ראַפּטום אָן עפן די טיר און דערזעט, אַז דער יתום זיצט אָנגעשפּאַרט אויף דער באַנק הינטערן אויוון און דאָס טירל פון דער הרובע איז אָפן.

— וואָס טוסטו דאָרט?--האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון גרויס חידוש.

סרולטשע האָט אים אָבער גאָרנישט געענטפערט, נאָר אויסגעדרייט זיין פאַרפלאַמט פּנים צו אים און אים אָנגעקוקט אַזוי ווי ער וואָלט אים געזען ס'ערשטע מאָל. מאירל האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אָפּגערוקט אויף צוריק. סרולטשע האָט דערווייל פאַרמאַכט דאָס טירל פון אויוון און זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק.

פון דאַן אָן האָט מאיר גענומען נאָכקוקן סרולטשען. ער פלעגט אפילו צוליב דעם אַרויסגיין פון זיין חדר־מיוחד אין מיטן טאָג און אָוועקלאָזן זיך שפּאַצירן מיטן ברעג טייך, אָדער אַריבערגיין די בריק און אָוועקבלאָנקען העט אוועק מיט די לאָנקעס ביז צום וואַלד, ווייל גאַנץ אָפט האָט ער געזען סרולטשען אויך זיך פאַרנעמען אויף יענעם וועג. ס'איז אים אַליין נישט קלאָר געווען וואָס ער האָט דערזען אינעם בחורל און וואָס ער וויל אויסגעפינען, נאָר ער האָט געפילט אַז ס'ציט אים ווי מיט צוואַנגען צו אים. אַ פּאָר שוואַרץ טרויעריקע אויגן וואָס בלישטשען אַרויס פון אַ רויט פאַרפלאַמט פּנים, האָבן צו אים פון יענער נאַכט אָן כסדר געוואונקען און נישט געלאָזט רוען. ס'איז געווען אַ מנהג אַז ער זאָל פאַרמאַכן די אויגן אויף אַ סעקונדע און גלייך איז פון דער פינצטערניש אַרויסגעשוואומען דאָס פאַרפלאַמטע פּנים און געקוקט

אויף אים מיט אזא שטומען צער און עלנט, אז ס'האָט אים אזש א ציטער אָנגעכאַפּט.

מאַכט זיך איינמאָל און מאיר טרעפט סרולטשען אויפן שמאָלן בריקל איבערן טייך. פאַרביידן מיטאַמאָל אריבערצוגיין איז נישט געווען קיין פּלאַץ, זיינען זיי געבליבן שטיין און זיך א ווײַלע אָנגעקוקט. דער „איידעם" וואָס איז פונקט געווען פאַרטראַגן אין מחשבות און נישט געוואוסט וואו ער איז, האָט דערזעענדיק סרולטשען פאַר זיך, אויסגעשטעלט א פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן, און אויסער זיך ארויסגעיאָגט פון זיך די פראַגע וואָס איז אים די גאַנצע צייט געלעגן אויף דער צונג:

— ווער ביסטו?

— סרולטשע דער יתום, בין איך . . . — האָט דער איבערראַשטער סרולטשע געענטפערט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אריין.

— וואָס טוסטו דאָ?—האָט יענער געפּילט, אז ער פרעגט נישט דאָס וואָס ער וויל, אָבער נישט געקענט זיך באַהערשן.

—כ'האָב ליב אזוי.—האָט סרולטשע גענומען גיין אויף צוריק.

וואָס אַנטלויפסטו, סרולטשע?—האָט מאיר זיך א לאָז געטאָן נאָך אים און אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און מיטגעשלעפּט מיט זיך אויף דער לאַנקע.

אזוי זיינען די צוויי היימיש געוואָרן. זיי האָבן שפּאַצירט צוזאַמען און דעם גרויסן פאַרטאָג האָבן זיי שוין אויך געפּראַוועט אינאיינעם.

אין אָנהייב האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף דעם. סרולטשע איז ווי אַלעמאָל געווען גרייט אויסצופאָלגן וואָס קהל הייסט, דאָס בית־מדרש איז געווען אויסגעקערט צו דער צייט און צו תפילת־וותיקין* איז שוין סרולטשעס געלעגער הינטערן אויוון אויך געווען צענומען. ווער זשע זאָל עס איינפאַלן, אז מיטן יתום קומט עפּעס פאָר? ווער זשע זאָל עס וויסן, אז דעם יתום איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אזוי פריילעך אויפן האַרצן ווי איצט?

„ביז אַהער האָב איך געהאַט א פּאָר גוטע פריינט, וואָס האָבן מיט מיר גומל חסד געווען, איצט האָב איך א חבר . . ."—האָט סרולטשע אליין געזוכט דעם באַשייד אויף דער גרויסער פרייד וואָס האָט אים אָנגעפּילט, זינט ער איז נאָענט געוואָרן מיט מאירן. עס האָט זיך אים געדאַכט אז ער איז ממש געוואָרן אַן אַנדערער מענטש: דער טרויער האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים און ער קען אַלעמען קוקן פריי אין די אויגן אריין.

„ביז אַהער בין איך געווען אַליין,"—האָט מאיר שטיל איינגעטענהט מיט

* תפילת־וותיקין — דאָס דאַווענען מיטן טאָג צוגלייך.

זיך אליין,—„איצט האָב איך אַ חבר און די גאַנצע וועלט איז אָפּן פאַר מיר.״ —נאָר צוליב אים האָט מיך דער טאַטע ע״ה געשיקט אַהער,—האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר זיין שווער ווענען ס'איז נישט געפעלן, וואָס דער יתום קומט צופיל צו זיין איידעם.—איר זאָלט וויסן זיין, שווער,—האָט מאיר פאַרטרוילעך און מיט הארץ איינגעטענהט מיטן שווער,—אַז אין יעדער זאַך איז דאָ הייליקייט, און די הייליקייט איז ווי אין אַ שטייג געפאַנגען. גיי, מיין קינד, האָט מיר דער טאַטע ע״ה געזאָגט פאַר דער פּטירה, גיי צווישן מענטשן און דוממים און זיי מגלה די קדושה אין זיי, ווייל דאָס איז די גרעסטע עבודה.

— וואָס זשע האָסטו דערזען אין אים?—האָט דער ייד נאָך אַלץ זיך נישט באַרואיקט,—אַ תם, אַן עם הארץ לא עלינו.

—מ'דאַרף האָבן אַביסל ריינערע אויגן צו זען וואָס ס'טוט זיך טאָן אין אַ מענטשנס הארץ,—האָט שוין מאיר זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אָנגעבייזערט אויפן שווער.

און די צוויי זיינען געוואָרן נפש אחת, זיך נישט גערירט איינער אָן דעם אַנדערן, אַזוי אַז ס'האָט זיך אפילו געמאַכט, אַז „דער איידעם״ איז מיט־געגאַנגען מיט סרולטשען אין אַ שליחות. האָט עס קהל זייער געוואונדערט, ווייל אַלע האָבן געוואוסט אַז „דער איידעם״ פלעגט זיך אַלעמאָל האַלטן פון דערווייטן פון אַלעמען און דאָ האָט ער זיך נאָר אַזוי צוגעבונדן צו דעם בור, צו סרולטשען.

און נאָכמער איז עס געוואָרן אַ וואונדער, און שטאָט האָט שוין נאָר אויפ־געשטעלט מויל און אויערן, ווען מ'האָט זיך דערוואוסט אַז אָט דער בור, קען נאָר דערציילן אַ מעשה אַזוי, אַז אַ גאַנצע עדה יידן זאָל בשעת מעשה אינ־גאַנצן פאַרגעסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז.

געווען איז עס אין אַ שבת פאַרטאָג אין בית־מדרש. די אנשי וותיקין זיינען נאָר וואָס געקומען פון מקוה און זיך געוואָרעמט ביים אָפּגעקילטן אויוון. אין בית־מדרש איז נאָך געווען טונקל. דער שבת גוי איז נאָך נישט געהאַט געקומען אָנצינדן די לאָמפּן. איז מען געשטאַנען אין דער פינצטער אין אַ רעדל לעבן אויוון און שטילערהייט געשמועסט ווי מ'וואָלט זיך גע־סודעט. סרולטשע איז געלעגן אויף זיין געלעגער הינטערן אויוון. הערנדיק אַז מ'שושקעט זיך, האָט עס אים אַ צי געטאָן פון געלעגער אַראָפּ. פּאַמעלעך און אויף די שפּיץ פינגער, האָט ער זיך צוגעגאַנוועט צו די שמועסער, אַריינ־גערוקט זיין געקרייזלטן קאָפּ האָר צווישן די נאַסע בערד און זיך איינגע־

הערט ווי זיי רעדן וועגן זיין ערשטן מלמד, וועמען מ׳האָט פריטיק פּאַרנאַכט געבראַכט אין שטאָט אריין צו טאָן זיין רעכט.

— אין שררהס קאַרעטע, זאָגסטו, האָט מען אים געבראַכט? גיי׳ שוין, גיי. פאַר וואָס אזא גדולה?

— מ׳זאָגט דאָך דיר, אז ר׳האָט געלערנט מיטן שררה נסתר.

— קיין גוטס וועט שוין פון דעם נישט ארויסקומען,—האָט איינער טיף אָפּגעזיפצט.

— אז מ׳ווערט חלילה נכשל אפילו במחשבה,—האָט אַן אנדערער אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, נאָר מ׳האָט אים איבערגעשלאָגן.

— ווער זאָל זיך רעכטן אויף אזא בר־אוריין. כל ימיו על התורה, אזא געהיטענער ייד געווען.

— מ׳האָט שוין אָבער לאַנג געמורמלט אויף אים, אז ר׳האָט געהאַט מחזקות מיט יענע לייט.

— טפוי, ימח שמם וזכרם,—האָבן אייניקע מיט פרומער שרעק זיך צעשאָקלט און אויסגעשפּיגן.

נאָך א פּאָר רגעס שווייגן, האָט דער שמועס זיך ווידער אָנגעהויבן ווי פון זיך אליין, נאָר איצט נאָך שטילער ווי פריער, ווייל אין בית מדרש אריין זיינען אריינגעקומען די תהילים זאָגער, וואָס האָבן זיך גלייך פאַרקליבן אין זייער ווינקל אריין לעבן דער ספרים שאַפע און אָנגעהויבן זאָגן, צום ערשטן יעדערער פאַר זיך און באַלד אַלע אין איינעם מיט א ניגון און מיט ברען. סרולטשע איז אָבער נישט אוועק פון די שמועסער. ער האָט אליין נישט געוואוסט צוליב וואָס ער שטייט לעבן זיי, אָבער ער האָט געפילט אז ער מוז. הערט ער ווי איינער רוימט אריין אין רעדל:

—דאָס פראַסטע פאָלק וועט האָבן תרעומות פאַר קבורת חמור.*

— יענע לייט מישן זיך אַלעמאָל מיט די חוטבים ושואבים.**

— אין דאָרף, איז ער דאָך אפילו געווען א מלמד תינוקת אויך.

— פאַר וואָס זשע האָט מען געשוויגן ביז אַהער?—איז שוין איינער אריין אין הויכן טאָן,—אזא, האָט מען באַדאַרפט אין די דריי אותיות*** אריינלייגן.

* די וואָס מ׳האָט חושד געווען אז זיי זיינען באַהאַלטענע שבתי צביניקעס, האָט מען באַגראָבן הינטערן פּלויט.

** פּראָסטאַקעס.

*** חרם.

— ש, ש, ש, ס'איז שבת!

— וואוהין האָט מען אים צוגעפירט דעם עוכר ישראל?—האָט אַ גראָע באָרד זיך צעטרייסלט, און קאַלטע טראָפּנס, ווי שטעכעדיקע נאָדלען זיינען געפאַלן אויף סרולטשעס פּנים.

האָט עס סרולטשען אויפגעוועקט פון פאַרטייעטקייט און ר'האָט גע־ענטפערט גלייך ווי מ'וואָלט אים געפרעגט.

— ער ליגט ביים רב. מ'האָט אים געבראַכט פונקט צו ליכט בענטשן. ס'איז אַ זכות, האָט דער רב געזאָגט, וואָס ער האָט זיך געפּעלט* ערב שבת.

— אזאַ, דאַרף מען אפילו אין הקדש נישט אריינלאָזן,—האָט דער זעלבער ייד זיך נאָך מער צעבייזערט און נישט באַמערקט ווער עס האָט אים גע־ענטפערט. און ווען ער האָט זיך געכאַפּט, זיינען שוין אַלע געשטאַנען פאַר־גאַפטע און נישט געגלויבט די אייגענע אויגן און אויערן, ווייל סרולטשע האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן רעדן און דערציילן עפּעס פון אַ בוידעם־שטיבל מיט איין פענצטערל צו דער וועלט און אַ מלמד וואָס איז געקומען אהין אַלע פאַרנאַכט מיטן יינגל תורה לערנען.

דער בלאַסער ווינטער פרימאָרגן, האָט פאַמעלעך געוויסט דאָס בית־מדרש מיט אַ גרויער קוויקייט. איז די עדה געשטאַנען צונויפגעדריקט און נעגאַפט. זיי האָבן ממש געזען דאָס בוידעם־שטיבל מיטן איינציקן פענצטערל און דעם וואַלד וואָס שטייט אַנטקעגן; זיי האָבן אויך געזען די פלינקע טאַטערישע פערדלעך און געהערט דעם ליאַרעם זייערן. זיינען אַלע אויסער זיך, זיי דערקענען נישט סרולטשען דעם אונטער־שמש. וואָס טוט זיך דאָ?

אָבער ס'איז נישטאָ קיין צייט איבערצופרעגן, ווייל סרולטשע לאָזט נישט אָפּ. ער דערציילט עפּעס וועגן אַ יינגל, אַ יתום וואָס האָט געוואוינט אויפן בוידעם־שטיבל און געבענקט נאָכן טאַטן ער זאָל קומען און אים אַרויסנעמען פון דאָרטן. איז דער טאַטע נישט געקומען, האָט דאָס יינגל געבעטן אויף זיך דעם טויט רח"ל, ווייל אַלץ אַרום האָט אים אויסגעזען חושך און ער האָט שוין נישט געקענט מער פאַרטראָגן דעם גערויש פון דער טרינק־שטוב און דאָס גרילצן פון די גרילן אין די פוילע ווענט פון דער קרעטשמע. איז געקומען דער מלמד מיטן מגושמען פּנים און פולן האָריץ, און ס'איז ליכטיק געוואָרן אינעם בוידעם־שטיבל און—ס'שיינט דאָס ליכט נאָך היינט...

דערווייל איז געוואָרן העלער טאָג און ס'בית־מדרש איז שוין געווען גאַנץ געפּאַקט, און דער שמש האָט זיך געכאַפּט אַז אַרום זיין סרולטשען שטייט

* געפּעלט — אַוועק פון דער וועלט, נפטר געוואָרן.

מען אין א רעדל, האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו אים מיט צעשפּרייטע הענט און אָן אָפן צעשראָקן מויל:—וואָס וויל מען פון דיר, סרולטשע?

דערהערט אזא פאַרצאַפּלט און דערשראָקן קול, האָט זיך דאָס רעדל ראַפּ־טום א צערוק געטאָן, און די פאַרחידושטע פּנימער האָבן א היפּשע ווײַלע געבליקט פאַר זיך מיט פאַרגעפּלטע אויגן אויפן בית־מדרש, אויפן עולם און אויף סרולטשען, וואָס האָט בלויז נאָך א סעקונדע געקוקט אויף זיי מיט אויגן וואָס לייכטן אין דער פינצטער, און באַלד זיך געגומען רוקן אויף הינטערווייַלעכטס צוריק צום הינטערן־אויוון־צו מיטן זעלבן שלאָבעריקן גאַנג און פאַרטייעטן שמייכל אויפן פּנים ווי אַלעמאָל.

— ווער האָט עס דיר דערציילט?—האָט אײנער פון רעדל אים פאַרשטעלט דעם וועג.

סרולטשע האָט אים אָבער נישט געענטפערט. ווי דאָס דערציילן וואָלט אים אײַנגאַנצן אויסגעשעפּט, האָט ער א מידער זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער באַנק הינטערן־אויוון און אַרום אים האָט דאָס בית מדרש גערוישט.

— וואָס וויל מען פון דיר?—האָט דער שמש זיך נאָך אַלץ נישט געקענט באַרואיקן,—פאָלג מיך, גיי אריבער אהיים און לייג זיך נאָך צו אביסל. ביסט דאָך גאָרנישט אויסגעשלאָפן.—האָט ער אין אים אריינגעטענהט און אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס ער זיצט אזוי פאַרטייעט און ענטפערט נישט,—ביסט טאָקע אָן אמתער תם רחמנא ליצלן!—האָט ער לסוף א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אים איבערגעלאָזט אַליין.

א גאַנצן שבת האָט מען ביי יעדן טיש און אין יעדן הויז געשמועסט און געוואונדערט זיך וועגן סרולטשען. עס איז אויסגעקומען אזוי אויסטער־ליש, אז מ'האָט זיך פּשוט נישט געקענט גלויבן; אָבער יידן בני תורה האָבן עדות געזאָגט אז ווען זיי האָבן אים געהערט רעדן, איז עס נישט געווען ווי מ'הערט א מעשה דערציילן, נאָר ווי מ'וואָלט אַליין געשטאַנען בשעת מעשה און געזען מיט די אייגענע אויגן וואָס עס קומט פאָר.

נאָך אויסטערלישער איז אויסגעקומען דאָס, וואָס סרולטשע איז נאָכן דערציילן געבליבן דער זעלבער תם ווי אַלעמאָל, און איז ביז איבערן דאַווענען געזעסן הינטערן אויוון און זיך נישט אָנגערופן מיט קיין איין וואָרט צו די וואָס זיינען אים געקומען עפּעס פרעגן. ער האָט בלויז אויפגעהויבן זיינע שוואַרצע אויגן און מיט טרויער זיי אַפּגעמאָסטן פון אויבן אראָפּ.

וועגן מלמד וואָס מ'האָט פרייטיק פאַרנאַכט געבראַכט אין א פּריצישער קאַטש, האָט קיינער גאָרנישט געפרעגט און זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. מ'האָט געוואוסט אז מ'האָט אים חושד געווען אז ר'איז געווען א שבתי־

צביניק, — איז גלייכער שבת נישט צו רעדן פון דעם און דערמאָנען אין אַ יידיש הויז.

דער איינציקער וואָס האָט די גאַנצע צייט געטראַכט פון דעם מלמד איז געווען סרולטשע. ער האָט אים געזען פאַר זיך אַ לעבעדיקן; מיט די גראָבע פליישיקע ליפּן, פינצטער אויסגעמאַרעטן פּנים און גרויע לעבעדיקע אויגן; ער האָט אים געהערט רעדן און געפילט דעם ציטער פון זיין קול: „ס'איז געווען אַ פאַרשטעלעניש, סרולטשע, דער בשר־ודם לעבט נאָר דורכן כוח־הדמיון. מיט די גשמיותדיקע שס"ה גידים און רמ"ח אברים אליין, קען מען די גאולה נישט משיג זיין."

ציטערט סרולטשע מיט און דאָס גאַנצע פאַרטייעטע פּנים זיינס, מיט די ערשטע שוואַרצע הערעלעך אויף דעם, צוקט און פלאַמט: „אויב נישט דער בשר ודם, טאָ ווער זשע? ..."

ווערט דעם רבינס פּנים נאָך חושכער ווי ס'איז געווען, דרייט זיך אויס ראַפּטום צום איינציקען פענצטערל אויפן בוידעם־שטיבל און רעדט עפּעס, נאָר סרולטשע קען דאָס קול נישט דערכאַפּן. אָט דאַכט זיך אים, אַז ר'האָט שוין עפּעס דערשפּירט, ווערט עם אָבער גלייך צעפלאָסן אין דער לופטן; און מיטן קול ווערט אויך דער רבי אַליין ווייטער און צעפלאָסענער, בלויז אַ בלאַס איינגעפאַלן פּנים מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז שוועבט אַ סעקונדע פאַר זיינע אויגן און פאַרשווינדט.

— שלאָפסט, צי דו דומעסט גלאַט אַזוי? — האָט דער שמש, אַן איבער־געשראָקענער אים אַ גוטן טרייסל געטאָן, — אָט איז מאיר. זעסט גאָרנישט? זאָג גוט שבת! — האָט דער אַלטער זיך געבעטן ביי אים, — אָט האָב איך דיר געבראַכט עפּעס אין מויל צו נעמען.

דער שמש איז געווען זיכער, אַז עפּעס אַן אומגליק איז געשען מיט סרולטשען, און נישט קענענדיק זיך קיין עצה געבן, איז ער געלאָפן און געבראַכט מאירן.

— אויב נישט דער בשר ודם, טאָ ווער זשע? — האָט סרולטשע מיט אַמאָל אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו מאירן ווי ער וואָלט ביי אים געזוכט הילף.

מאיר האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, האָט ער אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַלע לעבן אים.

— ציטערסט אינגאַנצן, סרולטשע, — האָט ער אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַ מורמל געטאָן און אים אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, — ביסט צו־פיל אַליין הינטערן אויוון.

— אַט דאָס איז דאָך וואָס איך און מיינע, זאָל געזונט זיין, טענהן מיט אים: ר׳האָט ברוך השם אַ מעמד פּרנסה; אויף נדן און דרשה געשאָנק איז דאָ קהל. וואָס דאַרף ער זיך וואַלגערן אַליין? האַ? און מ׳מעג דען? און די באַלעבאַטים וועלן דען שווייגן?—האָט דער שמש געפונען די געלעגנהייט אַראָפּצורעדן זיך פון הארצן.—ווי אַן אייגן קינד איז ער דאָך ביי אונדז, ווילן מיר זען אין אים — — האָט ער אַלץ נישט נאָכגעלאָזט, כאָטש ביידע חברים האָבן נישט געהערט קיין איין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט. ערשט ווען ר׳האָט געזען אַז סרולטשע הייבט זיך אויף אַוועקצוגיין מיט מאירן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט פאַרוואונדערונג און צער אַרויס־געצאַפּלט:

— וואו זשע טראָגט עס דיך אַוועק? און עסן? ס׳איז דאָך שבת.

— ער וועט שוין עסן ביי אונדז,—האָט מאיר באַרואיקט דעם אַלטן און זיי זיינען ביידע אַרויס פון בית־מדרש.

אַן אומעט האָט געווייעט פון אַלץ אַרום; דער שניי אין מיטן גאַס איז געלעגן הושך און שמוציק; די שמאָלע סטעזשקעס ביי די זייטן פון די ליימיקע הייזלעך און ליקלעך זיינען געווען נאַס און גליטשיק. ס׳איז געווען זייער שטיל אַרום, ווי דאָס גאַנצע שטעטל וואָלט אַנטדרימלט געוואָרן; בלויז אויסגע־קראַכענע ווינטער פייגל האָבן געגנישטערט אין שניי מיט פאַרשמוציקטע שנעבעלעך, און שוואַרצע קראָען האָבן פון הויכע לייזיקע טאָפּאָלעס געקלאַפּט מיט די פליגל און משונה ווילד געקראַקעט.

— ס׳איז שבת, סרולטשע, מ׳טאָר נישט,—האָט מאיר אים געהאַלטן ביים אָרעם און נישט זיכער גערעדט,—דער נפטר האָט קיין מנוחה נישט ווען מ׳איז נוהג אבלות שלא בזמן.

סרולטשע האָט אים גאָרנישט געענטפערט, גלייך ער וואָלט נישט געהערט וואָס ער רעדט.

— ווייסט סרולטשע,—האָט ער אים אַלץ געוואָלט אַרויסרייסן פון דער פאַרטייעטקייט,—דער שווער מיינער, האָט דיך געהערט פאַרטאָג אין בית־מדרש. ער זאָגט אַז אַזאַ תענוג — —

—האָסט אים אַליין געדאַרפט הערן . . . — האָט סרולטשע פּלוצים אַ שעפּטשע געטאָן ווי אַ סוד און זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס מיינסטו? ווען, וואו? כ׳וועל מלא פחד, סרולטשע, וואָס טוט מיט דיר געשען?—האָט אים מאיר אַ נעם געטאָן אונטער דער האַנט און מיט גע־וואַלד אים אַוועקגעשלעפּט צו זיך אַהיים.

— דאַרפסט זיך אונטערלייגן* דאָס האַרץ און אַ דרימל טאָן. ס'איז דאָך שבת. — איז דער חבר אַרומגעגאַנגען אַרום אים ווי אַרום אַ קראַנקן.

— אוודאי שבת, — האָט סרולטשע זיך אויסגעצויגן אויפן הילצערנעם באַנקבעטל נאָכדעם ווי ער האָט עפּעס געגומען אין מויל אַריין, — האָסט באַדאַרפט הערן זיין קול. דאָס פּנים האָב איך שוין קוים דערקענט; פון סיגופים און תעניתים איז ער נשתנה געוואָרן און דאָס קול זיינס האָט זיך געקלאָגט: „וואָס קען מען שוין משטיינס געזאָגט אויפטאָן מיט די שס״ה גידים און רמ״ח אברים.״

— ס'איז שבת סרולטשע, — האָט מאיר אַ דערשראָקענער אים געפּרוּווט צוריק אָוועקליינן, — מ'טאָר זיך נישט מצער זיין.

— און אַ גאַנצע וואָך, מעג מען זיין אַ שרוי בצער? אַז אַ בשר־ודם קען גאָר נישט מעלה זיין, איז דאָך חס ושלום, — האָט ער זיך שוין אינגאַנצן אויסגעגעבן.

— השם ישמרנו, סרולטשע, וואָס רעדסטו? וואָס טוט מיט דיר געשען? — האָט מאיר אַ פאַרצאַפּלטער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף סרולטשעס מויל, — אויף דעם זיינען סיגופים און תעניתים, מטהר צו זיין די מחשבה און דעם גוף.

— סיגופים, תעניתים, — האָט סרולטשע זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט, — אַלץ צער, און אַ שרוי בצער איז ווי אַ געבונדענער שעפּס. עס טוט דאָס גאַנצע לייב טאַמלען, אָבער העלפן קען עס נישט.

— דער מלמד דיינער, האָט זיך מסגף געווען, סרולטשע, — האָט מאיר נישט געוואָלט מסכים זיין.

— מיינסט, אַז מ'וועט אים באַהאַלטן כדין און נישט מבזה זיין ח״ו? — האָט סרולטשע פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

— וואָס פעלט דיר אייַן? — האָט מאיר מיט וואַקסנדיקער שרעק געקוקט אויפן חבר.

— דו האָסט געדאַרפט הערן זייער כעס און בהלה. פון שלאָף האָט עס מיך אויפגעריסן. זיי זיינען אים חושד, און ער איז דאָך נאָר געווען אַ שרוי בצער, — האָט סרולטשע אָנגעכאַפּט זיין חבר ביי דער האַנט, — קום מיט מיר, מאיר, לאָמיר גיין צום רב.

— בלי נדר, גלייך נאָך הבדלה, — האָט מאיר קוים אַרויסגעשטאַמלט.

*אונטערלייגן — עפּעס עסן.

— מ'דאַרף אים געבן אַ תיקון,—האָט סרולטשע אין אַ פּאָר מינוט אַרום אַרויסגעשעפּטשעט,—ווי אַ געבונדענער שעפּס איז מען.

— וואָס זשע ווילסטו?—האָט מאיר זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן.

— וואָס איך וויל?—האָט סרולטשע זיך פּלוצים אויפגעשטעלט און גע־צויגן די ווערטער קוקנדיק דורכדרינגנגד אויף מאירן,—וואָס איך וויל, ווער בין איך דען?—האָט ער גלייך אָפּגעהאַקט, ווי דער קוואַל פון נדאַנק וואָלט אויף אַמאָל פאַרשטאָפּט געוואָרן און אים געלאָזט שטיין אַ טרוקענעם, אַן אויסגעליידיקטן, אין מיטן טונקעלען צימער. אַ היפשע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער און געגלאָצט מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן פאַר זיך, ביז מאיר האָט אים גענומען וועקן:

— וואָס גלאָצסטו, סרולטשע?

— ווער בין איך דען? און ווער ביסטו?—האָט סרולטשע מיט גרויס שוועריקייט קוים געעפנט דאָס מויל און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קול אַ הוילס, אַ טרוקנס, קומט עפּעס פון זיך אַליין.

— דער טאַטע ע"ה, האָט מיך געלערנט,—האָט מאיר אָנגעהויבן שנעל און הויך ווי ער וואָלט געוואָלט איבערשרייען זיין ציטערן,—דו הערסט, סרולטשע, דער טאַטע ע"ה האָט מיר געזאָגט: מאיר, זאָלסט וויסן זיין, אַז אַ מענטשנס מדרגה קען מען דערקענען לויטן פּנים פונעם אָרט אויף וועלכן ער שטייט.

— אַ מענטש מיט כוונות, דאַרף דערהויבן דעם דומם וואָס אַרום אים,—האָט סרולטשע פאַרענדיקט דעם זאַץ, און זיך אַרומגעקוקט מיט אַזאַ וואונדער ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען פון ערגעץ ווייט, און אַלץ זעט אים אויס ניי און מאָדנע.

— און אַז דאָס פּנים פונעם אָרט איז שלעכט,—האָט מאיר זיך דערפרייט וואָס סרולטשע הערט זיך צו, און גענומען רעדן געלאַסענער און שטילער, ווי ער איז אַלעמאָל געוואוינט געווען צו רעדן צו אים.—און אַז דאָס אָרט איז ח"ו אַ באַרעדטס, איז עס אויך נישט שלעכט בהחלט, ווייל דאָס איז גאָרנישט בנמצא, דעריבער דאַרף דער מענטש זיין שטאַרק ביי זיך און האָפן צום רבונו של עולם, אַז ער וועט אים מחזק זיין און ס'וועט זיך פאַר אים אַנטפּלעקן דער טוב אין יעדן חי און דומם.

— ביזט אַ בעל זוכה, מאיר, וואָס דו האָסט אַזויפיל געלערנט פון דיין טאַטן,—האָט סרולטשע אויך אַזוי געלאַסן און אין טאָן פון שמועס אַ זאָג

געטאָן,—איידער זשאַמעלע איז אַוועק אויף דער מדינה, האָט ער מיר געזאָגט: דער עיקר איז נישט דאָס אָרט אויף וועלכן דו שטייסט, נאָר דאָס וואָס ביי דיר אינעווייניק טוט זיך: איז דאָרט אַלץ כשורה, איז מנוחה ושמחה אַרום דיר.

— האָסט עס מיר שוין אַמאָל געזאָגט,—האָט מאיר שטיל צוגעגעבן ווי אַ סוד,—אָן דעם איז דאָך די וועלט אַ יתום אָן אַ טאַטן.

— כ'וועל אַוועק אויף דער מדינה, מאיר.—האָט סרולטשע פּלוצים אַ זאָג געטאָן.

— וואָס? וואו ווערסטו פאַרוואָגלט ווערן, סרולטשע?—האָט מאיר אַ צאַפּל געטאָן און מער קיין איין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— כ'מוז מאיר, כ'קען דאָ מער נישט בלייבן. כ'וועל גיין איבער תפוצות ישראל,—האָט סרולטשע גאַנץ געלאַסן זיך פאַרטרויט פאַר זיין חבר, אָבער יענער האָט געפילט ווי דאָס חיות גייט אים אויס.

נאָך אַ פּאָר מינוט צאַפּלען האָט מאיר זיך צעוויינט און הילפלאָז געבעטן:

— נעם מיך אויך מיט, סרולטשע!

— איך זאָל דיך מיטנעמען? ווער בין איך דען? ווייס איך דען וואוהין איך גיי? ס'איז דאָך נאָך שבת, מאיר, מ'טאָר נישט . . . — האָט זיך סרול-טשעס קול אויך געבראָכן ביים איינגעמען דעם חבר וואָס האָט אַלץ געבליפּעט ווי אַ קינד.

— גוט וואָך!—האָט מאירס שוועסטער זיך פּלוצים באַוויזן אויפן שוועל, און אַ פּאַס ליכט פון צווייטן חדר האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן חושך און אים ביינעקומען.

— מ'דאַרף מאַכן הבדלה,—האָט ער זיי גערופן אין צווייטן צימער אַריין.

ח

דעם מלמדס לוויה איז געמאַכט געוואָרן באַלד נאָך הבדלה און אין גרויס איילעניש. קוים אַ מנין איז נאָכגענאַנגען נאָך דער „מיטה". די מלווים האָבן געשפּאַנט מיט גרויסע טריט נאָכן איינציקן לאַמטערן וואָס דער שמש האָט געטראָגן. פון פּחד האָט קיינער נישט געוואָגט אַ בליק צו טאָן אָן אַ זייט, נאָר זיי זיינען נאָכגעלאָפן נאָך די לאַנגע אויסגעצויגענע ליכט-פּאַסן פונעם פאַר-קאַפּטשעטן לאַמטערן; און ווען דער קברן האָט אויף שנעל גענומען וואַרפן די ערד אין קבר אַריין, האָט סרולטשע זיך אַ שטעל געטאָן לעבן קבר און ציילנדיק

וואָרט נאָך וואָרט גענומען זאָגן קדיש מיטן זעלבן ניגון, וואָס דער מלמד פלעגט מיט אים לערנען אויפן בוידעם שטיבל. זיינען די מלווים געשטאַנען פארגאַפטע און אַ מאָדנע אומהיימלעכקייט האָט זיי ארומגענומען. דער ניגון איז זיי טיף אריין אין דער נשמה.

ווי נאָר סרולטשע האָט פארענדיקט דעם קדיש, האָבן זיי צוריקגעאיילט אין שטאָט אריין, מורא האָבנדיק אפילו צו קוקן אין דער זייט פון סרולטשען, ווייל ס'האָט זיך זיי געדאַכט אַז ס'איז עפּעס נאָר אַן אנדערער סרולטשע. זיין מגושם פּנים איז איידעלער געוואָרן, און זיין קול איז אַזוי ווייך און צוציענ־דיק, גאָר נישט ווי ביז אַהער. האָט עס זיי געוואונדערט און געשראָקן: „ווער ווייס וואָס דאָס איז פאַר אַ בחור?". נאָר דער פּחד זייערער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו די גרעסטע נייגעריקייט האָט זיי נישט געקענט אָפּהאַלטן פון איילן זיך אין שטאָט אריין.

— כי זה כל האדם,—האָט מאיר אַ באַצערטער געוואָלט אָנהייבן דעם שמועס, ווען זיי זיינען געבליבן אַליין אויפן פינצטערן וועג.

— האָסטו געהערט דעם ניגון?—האָט סרולטשע נאָך אַ סעקונדע שווייגן אָנגעכאַפּט מאירן ביי דער האַנט.

— האַ?—האָט מאיר נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— נאָר אַ ניגון בלייבט פון יעדן מענטש.

— און יעדער מענטש האָט זיין ניגון?—האָט מאיר אריינגערעדט אין דער פינצטערניש אריין.

— נישט נאָר יעדער מענטש, יעדער בעל־חי, און אפילו קרייטעכצער און גראָזן, און בערג און טייכן.

— אפילו דער חושך, סרולטשע?—האָט מאיר אַ דערשראָקענער פון זיין אייגענער פראַגע זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף אַן ענטפער. סרולטשע האָט אָבער געשוויגן און זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

— אַז וואויל צו דעם, וואָס די אויערן זיינען אים אָפן,—האָט אים מאיר נאָכגעאיילט אַן אומרואיקער, און נישט גאָר אָן קנאה געשטאַמלט,—מיינע אויערן זיינען פאַרשטאָפּט, סרולטשע!

— זיי געזונט, מאיר!—האָט סרולטשע זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און שטאַרק געדריקט דעם חברס האַנט.

מאיר איז געשטאַנען אַ צערודערטער און נישט געקענט עפענען דאָס מויל.

איצט, ביי דער סאַמע לעצטער מינוט פון געזעגענען זיך, האָט ער אַזוי פיל געהאַט צו זאָגן און אויסרעדן זיך, נאָר דאָס האַרץ איז אים געווען שווער און איידער ער האָט זיך געשטאַרקט עפּעס צו זאָגן, איז שוין סרולטשע געווען ווייט פון אים, און די גערדיכטע פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך אַוועק־געשטעלט צווישן זיי ווי אַ דיקע וואַנט.

אויף צו מאָרגנס האָט מאיר זיך געפּעדערט אַנצוקומען אין בית־מדרש אַריין גאַנץ פרי, אָבער סרולטשע איז שוין נישט געווען און דער שמש האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געקלאָגט פאַר אים:—„איבערגעלאָזט מיך אויף דער עלטער אַליין, און די אַלטע ווײנט. אַ גאַנצן אויסשטייער האָט זי דאָך צוגעגרייט. מ'האָט אונדז אַן עין־הרע געגעבן,—האָט זיך דער אַלטער געווישט די אויגן און זיך נישט געקענט באַרואיקן,—מיט אַ פּאַסנע שטיקל ברויט איז ער אַוועק אין דער שטאָק פינסטערנעש. האַ? זאָגסט עפּעס, מאיר?”

נאָר מאיר איז שוין נישט געווען. אַ טיפער צער האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ, האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון בית־מדרש און אַוועקגעבלאָנקעט אַריבערן פאַרפרוירענעם טייך הינטער דער שטאָט. און וואָס ווייטער ער האָט געשפּאַנט, אַלץ ליכטיקער איז אים געוואָרן פאַר די אויגן, און אויף דער נשמה איז געוואָרן לייכט און גרינג, אַזוי אַז ר'האָט געקאָנט מיט איין מאָך פון דער האַנט אַוועקשאַרן די וואַנט פון פינצטערניש וואָס האָט זיך געהאַט געשטעלט צווישן זיי.

— זעסט, סרולטשע,—האָט ער צו אים גערעדט גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען לעבן אים—מיינע אויערן זיינען שוין אָפן. הערסט, דער שמש מיט דער שמשטע וויינען נאָך דיר, און קהל איז געבליבן אָן אַן אונטער־שמש, און יעדער באַשעפעניש האָט זיין ניגון, אויך די קרייטעכצער און בערג און די טייכן. כ'וועל דיר נאָכגיין, סרולטשע.”

אַזוי האָט ער געשפּאַנט אין שניי אין איין אָטעם און גערעדט צו זיך, ביז ער איז געבליבן ליגן אין מיטן וועג אַן אויסגעשעפּטער און האַלב פאַרחלש־טער. ווען מ'האָט אים שפּעט נאָכמיטאָג געפונען אין מיטן פעלד, האָט ער שוין קוים געקענט פּלאָנטערן מיט דער צונג. קיינער האָט נישט געקענט פאַר־שטיין וואָס ער וויל און וואָס ער מיינט.

האָט מען אָנגענומען, אַז ס'איז די אַרבעט פון „יענע לייט” וואָס האָבן אים פאַרשלעפּט מיט זיך און אַראָפּגעפירט פון דרך. האָט דאָס שטעטל גע־קאָכט ווי אַ קעסל און לאַנג זיך נישט געקענט איינשטילן. עס האָבן זיך גע־טראָגן פאַרשידענע שמועותן וועגן די צוויי חברים. פון אויער צו אויער האָט

מען איבערגעגעבן, אז זיי האָבן עוסק געווען אין נסתר און אַלץ וואָס עס איז געשען מיט זיי איז אַן עונש מן השמים, מ'זאָל באַהיט ווערן. און כדי ס'זאָל זיין פאַר אַ געדעכעניש פאַר אַלע צייטן, האָט מען עס טאַקע אַזוי פאַרשריבן אין שטאָטישן פּנקס.

ט

אין דער זעלבער צייט האָט סרולטשע אַרומגעבלאָנקעט איבער דער מדינה. ער איז געגאַנגען אין גרויס געאייל: וואו ער האָט געטאָגט האָט ער נישט גענעכטיקט, אַליין נישט וויסנדיק צוליב וואָס. געגאַנגען מיט כנופיות און אַליין, געשלאָפן אין הקדשים און הינטער־אויוונס, און אָפּט אויף די לאַנגע טישן אין די קרעטשמעס, אָבער אין ערגיץ נישט געקענט בלייבן לאַנג. אַן אומרו איז אים באַפאַלן און ביינאַכט האָט ער מאָדנע חלומות געזען: דער טאַטע, די באָבע צביה, דער מלמד און מאיר און זשאַמעלע, אַלע האָבן גערעדט צו אים און איינגעטענהט און אים עפּעס אַנגעזאָגט. אָבער אין דער פרי האָט ער די ווערטער נישט געדענקט, נאָר זייערע פּנימער האָט ער כסדר געזען און מיטגענומען אויפן וועג. איז אים גוט געווען צו שפּאַנען איינער אַליין אויפן ליידיקן טראַקט, און נאָכאַמאָל זען דאָס וואָס ער האָט געזען אין די שטעטלעך אויפן וואָר און ביינאַכט אין חלום. דאָ האָט ער, אַן ווערטער, ווידער געפירט שמועסן מיט זיי און זיך געפילט פריי ווי אַמאָל אויף דער לאָנקע ביים וואַסער.

און וואָס לענגער ער איז געגאַנגען אַלץ איינגעשלאָסענער איז ער געוואָרן אין זיך. מיט קיינעם קיין מחזקות נישט געהאַט און נישט גערעדט. האָבן אים אַלע אָנגענומען פאַר אַ תם און געלאָזן צורו. און אויך זיין אויסזען האָט זיך געביטן. מיט אַמאָל אַרויפגעצויגן אויף זיך די עלטער, אַזוי אַז ער האָט זיך שוין אַליין אָנגעהויבן האַלטן פאַר גאַנץ אַלט. אָבער מאָדנע, אַז וואָס מער ער האָט געשפּאַנט פון שטעטל צו שטעטל, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן. אַ צווייפל האָט אים גענומען נאָגן: „יעדער מענטש טוט עפּעס", האָט ער גע־טראַכט, זעענדיק די פּויערים אויפן פעלד און די בעל מלאכות אין די שטעט־לעך. „וואָס קומט דערויס פון נע־ונד זיין?" און דער וועג איז וואָס ווייטער מסוכנער געוואָרן. צו פּריילינג צו האָבן היידעמאַקעס זיך אַ לאָז געטאָן אויף די וועגן און אָנגעיאָגט אַ פּחד אויף אַלע שטעטלעך.

האָט ער ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן לענגער פאַרהאַלטן אין יעדן אָרט, און נישט וועלנדיק לעבן פון בעטלען, האָט ער אומעטום געטאָן עפּעס אַנדערש: דאָ געקערט דאָס בית מדרש און דאָרט געהאַקט האָלץ, און אַן אַנדערש מאָל,

אַנקומענדיק צו אַן אַרענדאַר אויפֿן ישוב, האָט ער זיך גאָר אוועקגעזעצט דאָרט אויף וואָכן לאַנג און געטאָן אַלץ וואָס מ'האָט געדאַרפֿט: געהאָלפֿן אין שענק און ביי די בהמות, און געלערנט עברי מיט די קינדער.

ביז איינמאָל אין סוף האַרבסט, איז ער אָנגעקומען אין אַ שטעטל צווישן די קאַרפּאַטן בערג; אַ שניידנדיקער ווינט האָט געריסן די בלעטער פֿון די ביימער, און אַ דראָבנער רעגן האָט גענעצט און פֿאַרשוואַרצט די הייזער און בלאָטיקע גאַסן. מיד איז ער געווען, און אויפֿן האַרץ איז אים געווען שווער, האָט ער זיך פֿאַרקליבן הינטערן אויוון פֿון בית־מדרש און אין זיך געיאָמערט: „איז וואָס וועט זיין סרולטשע?"

אַלץ אַרום איז געווען אַזוי חושכדיק, אַז ר'האָט קיין אויסוועג נישט געזען. האָט ער מיט געוואַלד זיך געוואָלט אַרויסרייסן פֿונעם אומעט און נישט גע־קאָנט. ר'האָט גענומען צו הילף זשאַמעלעם ליבן שמייכל און זיינע מעשׂות, די שמועסן מיט מאירן און דעם רבינס ציטערדיקן ניגון, און ס'האָט אַלץ נישט געהאָלפֿן. ער האָט נאָר געזען פֿאַר זיך דאָס בוידעם שטיבל מיטן איינ־ציקן פֿענצטערל, און ער, אַ קליינינקער אַזאַ, גלאָצט דורך דעם אויף אַ חושכדיקער וועלט. אַ גרויל האָט דורכגענומען זיין גאַנץ לייב און ס'האָט אים גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. „אַז וואו זאָל איך איצט גיין?", האָט עס געיאָמערט אין אים אָן ווערטער.

אָבער דאָ איז עפּיס אויסטערלישעס געשען מיט אים: פֿונעם אַנדערן עק פֿון בית־מדרש, פֿון סאַמע אויבן־אָן, האָט אַ ניגון זיך דערטראָגן צו אים. אַ באַנגער ניגון, אָנגעזאַפּט מיט אַ טיפֿן צער אָבער דאָך אַזוי טרייסטנדיק און פֿול מיט בטחון. האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פֿון הינטערן אויוון און זיך איינגעהערט צו די ווערטער וואָס האָבן זיך געטראָגן מיטן ניגון: „אַז דער מענטש איז אין צער, די שכינה וואָס זאָגט: קלני מראשי, קלני מזרועי,— וויי צו מיר פֿאַר מיין קאָפּ, וויי צו מיר פֿאַר מיין אָרעם. כביכול, ווי דער אייבערשטער אַליין איז פֿול מיט צער."

דער ניגון מיט די ווערטער האָבן אים אַזוי דורכגענומען, אַז ר'האָט שוין מער נישט געקענט בלייבן הינטערן אויוון, און ר'האָט זיך אויף די שפּיץ־נעגל צוגעשלייכט צום טיש וואו אַ מלמד איז געזעסן און געלערנט מיט אַ כתה בר־מצווה בחורים.

ס'איז געווען זייער שטיל אַרום, בלויז דער ניגון און דעם רבינס ווערטער האָבן אָנגעפֿילט דאָס בית־מדרש. אַלע זיינען געווען אַריינגעטאָן אין לערנען. דער רבי האָט פֿאַראויסגעזאָגט און די תּלמידים האָבן נאָכגעזאָגט מיטן זעלבן

ניגון. און זיי האָבן נישט געזען און נישט געהערט גאָרנישט אויסער די רייד פון זייערע אייגענע מיילער. איז סרולטשען וואָרעם געוואָרן אויף דער נשמה און א גרויסע פרייד האָט געמאַכט ציטערן זיין לייב. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, און מיט יעדער רגע איז אים געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה.

און מיט אַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן וואָס ער וועט טאָן.

— רבי,—האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען, ווען דער מלמד האָט אים באַמערקט שטיין לעבן טיש,—רבי, כ׳וויל זיין אייער „בעלפער".

א ווײַלע האָט אים דער מלמד אָנגעקוקט און געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך עפּעס איבערגעלייגט און לסוף מיט א שמייכל א פרעג געטאָן:

— ביסט, דאַכט זיך, נישט קיין היגער, האַ?

— כ׳בין היינט געקומען אהער.

— קומט דאָך דיר שלום,—האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט.

— עליכם שלום,—האָט סרולטשע נאָך אַלץ געשטאַמלט.

— כ׳וויס, נאָך מנחה און מעריב וועמיר שמועסן,—האָט דער מלמד נישט אָפּגעזאָגט און אויך גאָרנישט ניט צוגעזאָגט.

יוד

אויף צו מאָרגנס איז סרולטשע געוואָרן א בעלפער. אין דער פרי האָט ער זיך געפעדערט און אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער זאָגן מודה־אני מיט די קליינע קינדער און די שוואַכערע געטראָגן אויף די פּלייצעס אין חדר אַריין צום דרדקי־מלמד, און נאָכמיטאָג האָט ער מיט די גרעסערע געלערנט חומש מיט א ניגון וואָס איז אַריין גלייך אין האַרצן אַריין. ביינאַכט אָבער איז ער געזעסן צוזאַמען מיט דער גרעסערער כתה אין בית־מדרש און נאָכגעזאָגט גלייך מיט אַלע תלמידים וואָס דער רבי האָט פאַראויסגעזאָגט.

און נאָך אַן עובדה האָט ער געהאַט וואָס ר׳האָט זייער ליב געהאַט: שבת און יום־טוב, האָט ער צונויפגענומען די קינדער און זיי געפירט אין שול אַריין דאַווענען.

ער פלעגט עס טאָן אויף אַזא אופן: ווי נאָר ס׳איז טאָג געוואָרן, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און אַרויסגעאיילט אין ווייסן דרויסן אַרויס. די געסלעך זיינען נאָך געשטאַנען האַלב פאַרשלאָפן און איינגעהילט

אין פּאַרטאַגיקן נעפּל. פון ערגעץ אַן אָפּגעלעגן הויז האָט זיך ווײַלנווײַז דער־טראָגן אַ לעצטער קריי פון אַ האָן אָדער אַ מעקען פון אַ נאָך נישט געמאָל־קענער בהמה. איז ער זיך פּאַמעלעך געגאַנגען ביי די זייטן פון די הײַזער און אײַנגעהאָרכט זיך אין אַלץ. און ווען ר׳האָט דערהערט דעם שמשס קול, פון מיטן מאַרק, רופנדיק דעם עולם צו תהילים, האָט ער אויך אָנגעהויבן רופן מיט אַ ניגון:

שטייט אויף, קינדערלעך, דאָס בית־מדרש וואַרט,
קומט, קינדערלעך, דאָס בית־מדרש רופט.
אײַלט זיך לעבודת הבורא!

און די קינדער האָבן שוין געוואוסט, אַז ביז צום דאַווענען איז טאַקע נאָך אַ לאַנגע ווײַלע, אָבער דאָס אַרומגיין פון גאַס צו גאַס איז זיי ליב געווען. און בפרט נאָך ווען ס׳איז אַ שיינער טאָג, גייט מען ביזן סוף פון שטעטל צו די אײַנציקע קינדער וואָס וואוינען אין דער גויאישער גאַס, און צו די וואָס וואוינען אויף יענער זייט בריק לעבן דער לאַנקע און טייך. און מ׳גייט מיט אַ ניגון, און אָפּט זעצט מען זיך צו אין גראָז און דער בעלפער דערציילט אַ מעשה. אײַלן קינדער מיט שמחה פון די הײַזער אַרויס און רינגלען אַרום סרולטשען, און גייען אים נאָך מיט לוסטיקע קולות און געזאַנגען פון גאַס צו גאַס.

און ווען מ׳קומט אין בית־מדרש אַריין, טרעפט מען פונקט ווען דער חזן גייט שוין צום עמוד. איז די חברה אויפגעלייגט און פריש פון שפּאַציר, דאַוונט מען פריי און פריילעך מיט הנאה און מ׳ענטפערט אמן, יהא שמיה רבא מיטן פולן מויל.

אַזוי יעדן שבת און יעדן יום־טוב; און אַמאָל טרעפט, אַז פרייטיק נאָכ־מיטאָג ווען דאָס קליינוואַרג איז פריי פון חדר און יאָגט זיך אַרום איבער די געסלעך פראַנק און פריי ווי די ציגן, באַווייזט זיך פּלוצים דער בעלפער און פירט זיי אַוועק איבער דער בריק צום נאָענטן וועלדל. דאָרט קייקלט מען זיך אין גראָז, מ׳קלייבט שישקעס און מ׳קלעטערט אויף די ביימער, מ׳שפּילט אין שלי־שלק און אין שטעקל־וואַרפן, ביז מ׳ווערט מיד. לייגט מען זיך אויס אין אַ ראָד. דער בעלפער ליגט מיטן פּנים אַרויף און ציט אַ ניגון אָדער דערציילט עפּעס, און מעגן זיי שוין אפילו האָבן געהערט די מעשה, פילן זיי איצט אַן אַנדערן טעם אין דעם דערציילן, און די הערצעלעך צאַפּלען און די נשמה איז פול מיט פרייד.

און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן זעען זיי, ווי אויפן טראַקט דאָרט פון

יענער זייט וואַלד שפּאַנט אין גנאייל אַ פאַרשטעלטער אָרעמאַן. שטויב אויף זיינע פּיס און אויף זיין טאָרבע, נאָר דאָס פּנים לייכט אַרוים פונעם שווייס וואָס רינט ריטשקעסווייז פון אים. ער איילט אויף שבת אין אַ שטעטל אַריין צו פאַרהיטן יידן פון אַן אומגליק, וואָס לויערט אויף זיי פון אַ באַהאַלטענעם שונא.

קוקן זיי דורך די ביימער און איילן נאָך מיטן בליק נאָך זיינע טריט, און דאָס האַרץ איז פול מיט געבעט און לויב צום באַשעפער פון דער וועלט, וואָס היט זיין פאָלק ישראל אין זיין נויט.

אַזוי זיינען אַוועק אַ זומער מיט אַ ווינטער. צום ערשטן איז זיין פירעכץ נישט געפעלן געווען די באַלעבאַטים און זיי האָבן אפילו חוזק געמאַכט: „עפּעס אַ בחור אַ חושים, פאַרנעמט זיך מיט נאַרישקייטן," נאָר זענענדיק ווי דאָס קליינוואַרג קלעפּט אַזוי צום קורץ־געוויקסיקן בעלפער מיט די שוואַרצע אויגן, האָט מען זיך באַרואיקט און אויפגעהערט נאָכקוקן.

דער מלמד האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אים. פון זינט סרולטשע איז ביי אים, איז דער חדר תמיד פול און מ'לערנט געשמאַק אויך. איי, מ'קען ביי אים נישט אויסגעפינען וועמ ער איז און פון וואַנען ער קומט, זעט מען דאָך: אַביסל אַ תם, נעבעך . . . ווילסט פאַרפירן אַ שמועס מיט אים, ווערט ער אַ כבד־פּה און ענטפערט איינס איבער צען; ווייזט אויס אַן אָנגעליטענער, נעבעך. וואָס זשע איז דאָ איבערצוטראַכטן? אַן עלנטער בחור, דאַרף מען אים מקרב זיין. — אַזוי האָט דער מלמד איינגעטענהט מיט די וואָס האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף סרולטשען.

פון דעסטוועגן האָט דער מלמד גאָר אַ סך איבערגעקלערט וועגן דעם בעלפער. ס'האָט זיך אים אָפּט אויסגעוויזן, אַז ער פאַרשטעלט זיך, אַז עפּעס פאַרבאָרגט ער פון די אויגן פון די דערוואַקסענע. בלויז מיט די קינדער פילט ער זיך פריי. האָט ער זיך גענומען צוהערן צו די מעשות וואָס ער דערציילט, אָבער גאָרנישט געפונען קיין אויסטערלישעס אין זיי. יידישע מעשות וואָס אַלע ווייסן, נאָר דער אופן ווי ער דערציילט, די אויגן זיינע בשעתן דערציילן, אויך דאָס קול זיינס איז גאָר אַן אַנדערס; און די קינדער,—ווי פאַרכישופטע זיצן זיי און גאַפן. האָט ער אָנגעהויבן מורא האָבן, דער מלמד: ווער ווייסט וואָס אין דעם שטעקט? נאָר אַז ער האָט אים געזען ווי ער רעדט מיט אַ באַלעבאָס אָדער שטייט אַליין אָן די קינדער, האָט ער זיך אַליין געמוסרט: זעסט נישט, בהמה דו, אַ חושים, און פּטור.

און סרולטשע אַליין, האָט זיך אויך עפּעס מאָדנע געפילט אין יענעם

ווינטער. אָט איז אים געווען גוט און וואויל אויף דער נשמה; וואָס ס'איז געווען פריער האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, גלייך ווי קיינמאָל נישט געווען. ער איז זאַט, האָט אַ געלעגער און אַ היים, און אַ גאַנצן טאָג זיינען קינדערלעך אַרום אים מיט געפּילדער און געשריי. שמייכלט ער צו זיי און פילט ווי די נשמה טאַנצט אין אים פאַר פרייד און ער צעזינגט זיך ווי אַ פויגל זומער ביי־נאַכט. האָבן די קינדערלעך נחתדיק מיטגעזונגען מיט אים און זיך געפרייט אַ גרויסע פרייד; און אַז זיי האָבן זיך געזעצט לערנען, איז זיי דאָס אַריין גלייך אין די אויערלעך אַריין. און אַז קינדערלעך לערנען און קענען, איז דאָך אוודאי פריילעך דעם בעלפער, האָט שוין זיין פּנים גאָר געשיינט.

אָבער אָפט פלעגט אַ בענקשאַפט צונויפקלעמען זיין האַרץ ווי מיט צוואַנגען, און ר'האָט געקענט שעהנווייז שטיין אויף איין אָרט און נישט וויסן וואָס ער טוט און וואָס ער זאָגט: „אַזוי וועל איך טאָן, כ'וועל מוזן אַזוי טאָן," האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער און נישט געקענט קומען צו זיך.

אין אַזעלכע מינוטן האָט ער ווידער געזען דאָס בוידעם שטיבל, זשאַמעלעס אַלקער און דעם הינטערן־אויוון אין בית־מדרש. די פּנימער פון די מענטשן מיט וועלכע ער האָט אַמאָל געלעבט צוזאַמען האָט ער טאַקע מער נישט געזען קלאָר, אָבער די בענקשאַפט צו זיי האָט אים אַזוי גענאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז ווידער געלעגן פאַר אים אַ צונויפגעקנוילטע און אַ גרויער נעפּל רינגלט זי אַרום.

— וואָלסט געדאַרפט טראַכטן פון אַ תכלית,—פלעגט אים אַמאָל דער מלמד נעמען איינרעדן—חתונה האָבן ווי גאָט האָט געבאָטן, פאַרשטייסט?!

— אַ תכלית?—האָט סרולטשע גענומען קייען דאָס וואָרט און איבערחזרן עס און דערביי איז זיין פּנים געוואָרן אַזוי חושך, אַז דער מלמד איז פאַר־ציטערט געוואָרן און אים אָפּגעלאָזט.

אין אַזעלכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער און געברומקעט אונטער דער נאָז עפּעס אַ וויינענדיק ניגונדל. האָט עס די קינדערלעך פאַר־קוועטשט די הערצעלעך און זיי האָבן מיטגעברומקעט מיט אים מיט אַ צע־בראָכן געמיט. האָט ער עס שוין אַליין נישט געקענט פאַרטראָגן און האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן, געאיילט אין חדר אַריין און זיך גלייך גענומען לערנען הויך אויפן קול.

אָבער דער אומעט האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אים, ביז דער מלמד האָט זיך נישט אַריינגעמישט און אים אויסגערעדט: „מרה־שחורהניק, וואָס ווילסטו?"

פלעגן די ווערטער אים שמייסן און בריען ווי קראָפּיווע, און באַלד האָט זשאַמעלעס לוסטיק געגנגל אים אַנטקעגנגעשוועבט: „סרולטשע, וואָס טוסטו? קאַרג עצבות אָן דיר ביי יידישע קינדער?!"

האָט ער זיך שוין דערפאַר אויף צו מאָרגנס געפעדערט גאַנץ פרי, און מיט אַ פריילעך האָפערדיקן ניגון געפירט די קינדערלעך איבערן שטעטל, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט פאַרגיטיקן פאַרן צער פון די פריערדיקע טעג.

און אויך מיטן מלמד האָט ער שוין פרייער געשמועסט און אפילו זיך נישט אָפּגעזאָגט פון טראַכטן וועגן אַ תכלית: „טאַטע, וויפל איז דער שיעור? ער איז דאָך שוין אַריבער די אַכצן יאָר, וואָס וועט ער אויסזיצן?"

נאָר דאָ איז געשען אַזאַ מעשה: מ'האָט גענומען שמועסן אין שטעטל, אַז אין די אַרומיקע וועלדער בלאָנקעט אַרום עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש. טייל האָבן איבערגעגעבן אַז דאָס באַשעפעניש זעט אויס ווי אַ וואָלף מיט אַ קאָפּ פון אַ מענטש, און אַנדערע האָבן זיך געשוואָרן, אַז דאָס באַשעפעניש זעט אויס ווי אַ כאַרעט (אַ מין הונט) מיט אַרויסשטאַרצנדיקע ביינער און אַ נאָכ־הענגענדיקן עק. ווען עס זעט אַ מענטשען, טוט עס זיך אַ שטעל אויף די הינטערשטע פיס און לאָזט אַרויס אַזאַ יאָמער, אַז ס'שטעלן זיך די האָר קאַפּויער.. אַנטלויפן איז אוממעגלעך, ווייל מיטן עק וויקלט עס אַרום דעם קרבן און פאַרשלעפּט אים אין די בלאָטעס, אין טיפן וואַלד.

מ'האָט גערעדט, אַז ס'איז אַ וואַלקולאַק אַזאַ וואָס באַווייזט זיך איינמאָל אין זיבעציק יאָר און אין צייטן פון גרויסע מלחמות און מגפות. אַנדערע האָבן גאָר איבערגעגעבן בסוד, אַז ס'איז אַ גילגול פון אַ גרויסן רשע, וואָס קען קיין רו נישט געפינען און בלאָנקעט אַרום אויפן עולם־התוהו.

איז אין שטעטל געוואָרן אַ גרויסע אימה. ווי נאָר ס'איז נאַכט געוואָרן, האָבן זיך אַלע פאַרהאַקט אין די הייזער און פאַרהאַנגען די פענצטער. אַז מ'האָט דערהערט אַ בילן פון אַ הונט פון דער גויאישקער גאַס, האָט מען זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, ווייל מ'האָט געזאָגט אַז אפילו מיטן קול אַליין קען אַזאַ,—מזיק זיין. פון אַרויסקוקן אין דרויסן איז שוין אָפּגערעדט אַז קיינער האָט נישט געוואַגט, ווייל מ'האָט דערציילט, אַז יונהלע וואַסער פירערס ווייב האָט אַנומלטן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו זען אויב דאָס וועגעלע מיטן פעסל שטייט אויפן אָרט, האָט זי פּלוצים, אויף יענער זייט טייך, דערזען דאָס באַשעפעניש שטיין אויף צוויי פיס און מיט די אַנדערע טייטלען צו דער שטאָט צו . . . אויפן אָרט איז איר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון, און זי ליגט איבעראַנאַנד, מ'זאָל באַהיט ווערן.

נאָר איין סרולטשע האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט וועגן וואָלקולאַק, ער וועט דאָך נישט צוליב אַ וואָלקולאַק מבטל זיין יידישע קינדער פון תורה. איז ער, ווי פריער, געגאַנגען איבער די הייזער, צונויפגענומען די קינדער און זיי געפירט אין חדר אַריין. אָבער נישט אַלע האָבן געוואָלט גיין מיט אים. מיט די וואָס האָבן געוואוינט ווייט, האָט ער געמוזט אָפּלערנען אין דער היים, און אפילו די וואָס האָבן געוואוינט נאָענט פון חדר, האָט ער קוים איינגערעדט זיי זאָלן גיין מיט אים. ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס ר'האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ גראָבן סענקעוואַטן שטעקן און אים כסדר געטראָגן מיט זיך. ווי דערשראָ־קענע שעפּסעלעך האָט זיך דאָס קליינוואַרג צוגעדריקט צו אים און מורא געהאַט צו עפענען די מיילער. אומזיסט האָט סרולטשע געפּרואווט אַ זינג טאָן מיט זיי. ס'האָט זיי געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און זיי האָבן קיין קלאַנג נישט געקענט אַרויסברענגען.

און איינמאָל האָט טאַקע עפּעס אויסטערלישעס געטראָפן. ס'איז געווען פאַרנאַכט צו, און סרולטשע האָט אָפּגעפירט אַ פּאָר קינדער אַהיים. פאַר היימלעכקייט וועגן האָט ער געפּרואווט פאַרציען אַ ניגון, אָבער פּלוצים ווען זיי האָבן פאַרקערעוועט אין אַ הינטער געסל אַריין, איז פאַר זיי אויס־געוואַקסן אַ מאָדנע גולמדיקע באַשעפעניש שטייענדיק אויף צוויי קלעצערדיקע פיס און גלאָצט אויף זיי מיט בליצנדיקע אויגן.

פון גרויס שרעק האָבן די קינדער אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן יאָמער און זיך צוגעדריקט צום בעלפער ווי פאַרגליווערטע. אויך סרולטשע איז אויף אַ סעקונדע געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער און געגלאָצט אויפן באַשעפעניש וואָס האָט זיך געשאַרט אַנטקעגן זיי שטשירנדיק מיט ווייסע בלאַנקע ציין. אָבער ווען דאָס באַשעפעניש איז שוין געווען גאָר נאָענט פון זיי, איז סרולטשע געקומען צו זיך. עס האָט אים פּלוצים אַ בליץ געטאָן אין מוח דעם טאַטנס ווערטער: „פאַרלאָז זיך אויף גאָט, מיין קינד, און קיינער וועט דיר קיין שלעכטס נישט קענען טאָן.” פלינק האָט ער אַ שפּרינג געטאָן אַנטקעגן דעם באַשעפעניש און גענומען האַקן מיטן סענקעוואַטן שטעקן וואו ר'האָט נאָר געטראָפן.

דאָס באַשעפעניש האָט זיך יאָמערלעך צעשריגן מיט אַ מענטשלעך קול און גענומען שפּרינגען הינטערוויילעכטס, אומגעפאַלן און גענומען קריכן אויף אַלע פיר, באַלד זיך ווידער אויפגעשטעלט און אַוועקגעלאָפן מיט אימפּעט אויף צוויי פיס, גאָרנישט ווי קיין חיה . . .

פון די געשרייען איז געוואָרן אַן אָנגעלאָף און מוראדיקער טומל, און ווען מ'האָט זיך אַביסל באַרואיקט איז דאָס באַשעפעניש שוין נישט געווען, נאָר

שטיקער פעל ווי פון א וואָלף האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, פאַר־
בלוטיקטע און צעטראָטענע . . .

אויף צו מאָרגנס האָט מען פון מויל צו אויער איבערגעגעבן, אַז דאָס האָט דער פּריץ, אַ גרויסער רשע און אַ כישופמאַכער, זיך פאַרשטעלט פאַר אַ וואָל־קולאַק, כדי איבערצושרעקן יידישע קינדער.

און אַזוי האָט מען עס אויך פאַרשריבן אין שטאָטישן פּנקס, ווייל טאַקע נאָך אין זעלבן פאַרטאָג, האָט אַ קאַרעטע מיט זיבן פערד נאַשפּיץ ארויסגע־איילט פונעם פּריצס הויף און דורכגעלאָפירט דאָס שטעטל אויפן וועג קיין קראָקע, וואו עס וואוינען די גרויסע רופאים פון דער מדינה.

פון דאַמאָלט אָן, האָט דער וואָלקולאַק זיך שוין מער נישט באַוויזן, אָבער דאָס שטעטל האָט נאָך אַלץ געלעבט אין שרעק. ווער ווייסט, וואָס אַ פּריץ אַ כישופמאַכער, קען נאָך אויסטראַכטן כדי צו נעמען נקמה פונעם שטעטל און פונעם בעלפער?!

אליין מיט דער וועלט

(צווייטע מעשה)

אָדעו — מיט פרייד

אליז אַט, נאָך דער מעשה מיטן וואָלקו־
לאַק, האָט דאָס שטעטל זיך שוין מער נישט געוואָלט שאַפן מיט סרולטשען.
און ווען ער איז געקומען נעמען אַ קינד אין חדר אַריין, האָט אים אויף דער
שוועל פון הויז באַגעגנט דער טאַטע אָדער די מאַמע און שטאַמלענדיק
געזוכט אַן אויסרייד: איר ווייסט דאָך, ר׳ בעלפער, אין אַזאַ עת צרה, כ׳ווייס,
אפשר אַן אַנדערש מאָל. דאָס קינד איז איבערגעשראָקן . . .

האָט סרולטשע זיך געטראַכט: אַז זיי ווילן נישט, מן הסתם ווייסן זיי דאָך,
וועט ער גיין זוכן עפּעס אַנדערש, אַבי צו פאַרדינען אויף ברויט. האָט ער
זיך צורעכט געמאַכט די טאָרבע, אַרומגעגאַרטלט די לענדן מיט אַ גאַרטל און
זיך אַרויסגעלאָזט אין מאַרק אַריין. שטייט ער אַ ווײַלע און ווייסט נישט וואו
צו ווענדן זיך. „און וואָס וועט זיין דער תכלית פון וואַנדערן?״—נעמט אים
נאָגן ביי דער נשמה. אָבער דאָ דערזעט ער פּלוצים ווי עס קומט אָן אַ
פּויער, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ רויטער באָרד און אַ רויטן גאַרטל אַרום
די לענדן; אַ צווייג אַ גרויסע איז אין זיין האַנט און דאָס פערדל זיינס גייט
זיך טריט ביי טריט, ווי ס׳וואָלט זיך אין עפּעס פאַרטראַכט. ווערט עס
סרולטשען טשיקאַווע: וואָס שמייכלט ער אַזוי דער פּויער? און וואָס קען ער
עס פירן אין מיטן דאָנערשטיק צו פאַרקויפן? ס׳איז דאָך היינט נישט קיין
מאַרק טאָג?

וויל ער צוגיין אַ פרעג טאָן, הערט ער באַלד ווי דער פּויער נעמט אויס־
רופן:

וויבלעך, אַ מציאה —
ווייס ליים פון ווייסן באַרג.
וואָלוול, אַ טאָפּ פאַר אַ פּרוטה.
דעם קוימען צו פאַרווייסן,
די שטוב אויסצושמירן
לכבוד שבת, ווייבער!

און פון אַלע הייזלעך רוקן זיך אַרויס ווייבער מיט זעקלעך און טעפּלעך און
נעמען דאָס ליים, ווייס ווי קרייד און קלאָר ווי שניי. זיי נעמען עס צווישן די
פינגער און צערייבן עס: ס׳שיט זיך ווי מעל. זיינען די ווייבער צופרידן און
אויך דער פּויער איז אויפגעלייגט וואָס זיין סחורה צעגייט זיך אַזוי גוט, גיט
ער אַ פאַררוק זיין פוטערן היטל אויף אַ זייט און נעמט זיך צוזינגען אַ

ניגונדל אַ פריילעכס, מיט ווערטער מהיהדיקע,—האַלב גויאיש, האַלב יידיש, און פאַרענדיקט מיט אַ קנאַל פון דער בייטש:

לײַם פּאַרקויפט אַ פולע פור,
היידא דאנא דאַ!

איז סרולטשען געוואָרן ליכטיק אויף דער נשמה: „אַזאַ טייער ניגונדל, מ'דאַרף זיך עס אויסלערנען." דערזעט דער פויער, אַז אַ ייד שטייט און שעפּט נחת פון אים, וויל ער וויסן ווער ער איז און וואָס ער וויל, פרעגט ער אים:

— און דו, ר' קרוב, ווער ביסטו?

— איך? כ'הייס סרולטשע, דער בעלפער בין איך. אַ שיינער ניגון ביי דיר פונעם באַרג.

— אַזוי, סרולטשע הייסטו, און איך הייס אַלעקסי, דער ליים פירער בין איך. טייערע יידישקעס דאָ פאַראַן. גייען נישט אַליין צום ווייסן באַרג, האָב איך דערפאַר ברויט און זאַלץ און טאַבאַק אויך:

היי, ווייבעלעך אַ מציאה,
ליים פון ווייסן באַרג —
אַליין געגראָבן!

דערביי לאָזט אַלעקסי אָפּ די צוויוג, טוט זיך אַ צעקנעפּל דין סוקמאַנע און שלעפּט אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ פעלן־ביטעלע און דערלאַנגט עס סרולטשען:

—אָט וועלן מיר פאַררויכערן, סרולטשע, גוטער טאַבאַק, נעם, זשאַלעווע נישט—האָט ער זיך צעוואָרעמט און אַ שפּיי געטאָן אויף זיינע הענט און מיט אַ הנאה זיי גוט איינגעריבן,—אַ שיינער נאָמען ביי דיר: ס ר ו ל ט ש ע, קלינגט ווי אַ טרעל פון אַ סאָלאָוויי.

— וואוילע הענט ביי דיר,—האָט זיך סרולטשע צעשמייכלט,—אַרבעטסט, האַ?

— ס'איז גאָרנישט די אַרבעט. אין וואַלד איז גוט, כ'וואוין דאָרט. ברען קוילן, גראָב ליים און האָדעווע פייגעלעך. ווילסט זיך דורכפאָרן? וועל איך דיך מיטנעמען צו מיר אין כאַלופּע, אין וואַלד לעבן ווייסן באַרג. ווייט פון טראַקט אפילו, אָבער נאָענט צום באַרג און צו דער קרעניצע מיט קלאָר וואַסער.

— כ'האָב סיי ווי נישט וואָס צו טאָן דאָ.

זיינען זיי ביידע אַזוי געפאָרן. אַלעקסי איז געזעסן מיטן פּנים צו סרולטשען און די פּלייצע צום פערדל און עפּעס געברומקעט אונטער דער נאָז. דאָס פערדל האָט זיך געטריטלט פּאַוואָלינקע און געשלעפּט די פאַרשוינען צום וואַלד צו.

— ס'עט שוין טרעפן אַהיים,—האָט אַלעקסי פאַרזיכערט,—זעסט דאָס פערדל, אַ טאַטנס קינד, ס'גייט זיך שטיל ווי אַ טייבעלע און שלעפּט ווי אַן אייזל. אַז איך זינג גייט עס אַליין וואו מ'דאַרף. די צווייג האַלט איך גלאַט אַזוי אין האַנט.

ב

אין וואַלד איז שטיל. פון פאָרנט שטייט אַ בוים, אויפגעשטעלט די צווייגן אַרויף ווי אַ ייִד מיטן תפילה טאָן, נאָר איין צווייג ליגט אויף דער העלפט אַ צעבראָכענע; אונטער צוויי דיקע סאָסנעס שטייט אַלעקסיסביידל, גוט אויס־געשמירט מיט ווייס ליים. די פענצטערלעך לייכטן פון ווייסקייט און אויפן דאַך ליגן צעשפּרייט די צווייגן, גרין און שמעקעדיק; פיינעלעך שפּרינגען פון איין צווייג אויף דער אַנדערער; אַ וועווערקע קריכט צווישן גראָז און זוכט שפּייז, און פון דערווייטנס קוקט דער ווייסער באַרג.

האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קרעניצע און געטרונקען פריש קוואַליס וואַסער, קאַלט און ריין,—אַ מחיה.

— עהע, ס'געפעלט דיר, סרולטשע,—האָט אַלעקסי געקלאַפּט סרולטשען אין פּלייצע,—קענסט דאָ בלייבן, אויב דו ווילסט. וועסט אויך פירן ליים און ברענען קוילן. אַ גוטע פּרנסה, העי?!—האָט ער מיט פרייד אים אַרומגעפירט איבערן וואַלד.

איז סרולטשע געבליבן אין וואַלד. פון דער אַנדערער זייט באַרג האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַ ביידל פון צווייגן, און אַרומגעשמירט עס מיט ווייס־ליים — ריין און קלאָר ווי שניי.

פאַרטאָג גייט סרולטשע אַרויס צו דער קרעניצע, וואַשט זיך אָפּ דאָס פּנים מיט פריש וואַסער און קוקט זיך אַרום ווי די ביימער שטייען שטיל ווי אין חלום; אַ פּיקהאָלץ שטייט אויף אַ שפּיץ בוים און פּיקט.—קלאַפּט אין אים דאָס האַרץ פאַר פרייד: „אַזאַ קליין פייגעלע און ס'איז שוין וואַך, ס'אַרבעט שוין.” נעמט ער און דאַוונט אָפּ און טוט אַ געשריי אַזאַ הילכיקן:

„אָהאָ, האָ,
דער טאָג איז שוין דאָ,
געדאנקט און געלויבט
דעם בורא פון דער וועלט!"

— אַלעקסי, דער פּיקהאָלץ איז שוין וואך, אָהאָ, האָ!

דערהערט זיך באלד אַ געלעכטער פון יענער זייט בארג:

— סרולטשע, טשי, דאָס פייגעלע פּישטשעט שוין: עסן צייט, אַלעקסי קרוין! שוין אַלע קוילן אויסגעברענט, סרולטשע, איך בין שוין פון לאנג אויף.

גייט סרולטשע נאָך דעם קול און טרעפט אַלעקסין ביים טישל זיינעם עסן ברויט מיט הערינג און פאַרטרינקען מיט קרעניצע וואסער.

אַ פּעלצל אַ קורצס האָט אַלעקסי אויפגענייט פאַר סרולטשען, אָנגעטאָן אים אַ רויטן גארטל און צוזאמען געפאָרן אין די שטעטלעך דאָס ליים פאַר־קויפן.

אין הייסע טעג ליגן זיי ביידע אונטערן שאָטן פוןביימער און זעען ווי די באָביטשקעס קריכן אַזוי מיד און שווער. לאַכט אַלעקסי:

— פונקט ווי מיר, כאַ, כאַ, כאַ, די באָביטשקעס זיינען קליינע מענטשעלעך.

פילן זיי דאָס גראָז איז הארט און טרוקן פון דער זון, באַדויערט סרולטשע:

— אַ רחמנות, די גרעזעלעך טריקענען. זע, ווי זיי עפענען די פאַרשמאַכ־טע ליפּעלעך, זאָל שוין אַ רעגן גיין!

— אוודאי,—איז מסכים אַלעקסי.

און אַז ס'ווערט זיי נודנע צו ליגן אַזוי, נעמען זיי זיך צוזינגען שטיל און געלאַסן. העלפן זיי די שפּילפייגל אונטער; די וועווערקעס שטעלן זיך אָפּ און הערן זיך צו דרייענדיק די גלאָטיקע ווייִדעלעך פאַר תענוג; לויפט דורך אַ האָז אין גרויס שרעק, פאַרגעסט ער דעם פּחד און שטעלט אויף די לאַנגע אויערן און האָרכט זיך איין, טוט פּלוצים אַ לאָז ארוים אַ קוויטש און פאַרשווינדט.

— אַ רחמנות, אַ שטומע צונג, וויל מיטזינגען און קען נישט... — זאָגט אַלעקסי.

אין שטאַל האָט זיך דאָס פערד צעהירזשעט לעקנדיק דעם ליידיקן זשלויב. שאַ שטיל אין גאַנצן וואַלד. דאַכט זיך, די צווייגן האָבן אויך אָפּגעשטעלט זייער שאָקלען; אַ זומער פייגעלע האָט אַ פלאַטער געטאָן און פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די גאָלדענע פליגעלעך, הענגט עס אַזוי אנטקעגן די זון שטראַלן

וואָס רייסן זיך אַריין אין וואַלד אַריין קאָסע און שאַרף; די טרוקענע גראָזן שטייען איינגעבויגן און פאַרגאַפט, שאַ און שטיל אין וואַלד. אַלעקסי שווייגט שוין אויך, נאָר סרולטשע ציט נאָך אַ ניגונדל ווי אַ דינער שטראַל פון דער זון, און דער ניגון וויקלט אַלעמען אַרום מיט אַ זיסער רו און פרייד.

— עך, ברודער סרולטשע, לאָמיר אַ טענצל גיין! —כאַפּט זיך מיטאַמאָל אַלעקסי אויף.

— פאַר וואָס דען נישט? —נעמט אים סרולטשע ביי די הענט און טראָגט זיך מיט אים אַוועק איבערן וואַלד אַזוי לאַנג, ביז די נאַכט קלאַפּט אָן אין וואַלד מיט טונקל און קילקייט. דער וואַלד נעמט זיך וויגן. איין צווייג דער־ציילט דער אַנדערער די נייעס פון טאָג. אַ ברעזע בוים דערפילט זיך אַזוי פול, אַז זי הייבט אַזש אָן טריפן מיט זיסן זאַפט. אַלעקסי איז אַ מבין דערויף, זוכט ער אויס אַ שטרויעלע, זעצט עס אַריין אין אַ שפּאַלט פון אַ בוים און נעמט זויגן דעם זאַפט מיטן פולן מויל און באַלעקט זיך: —אַ חיות, סרולטשע נעם אויך אַביסל!

אַ קיל ווינטעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין צייט אַ שפּאַציר צו טאָן איבער דער וועלט, איז זיך עס געקומען אין וואַלד אַריין און אַ ריר געטאָן די צווייגן. גיבן זיך די צווייגן אַ בויג איינע צו דער אַנדערער, וויקלען זיך איין ווי ליבלעכע ברידער וואָס שלאָפן צוזאַמען און רוימען זיך איין אַ סוד: „אָ, ס׳איז אַזוי גוט וואָס מ׳איז צוזאַמען” . . .

אַ פויגל וואָס קען נישט שלאָפן, ווייל זיינע פייגעלעך האָט אַ רויב פויגל צוגענומען, נעמט זיך קלאָגן מיט אַ וויינענדיקער שטימע: „ווײַ, מיינע קינ־דערלעך, די האַרציקע.” —שניידט אַזוי דאָס קול די שטילקייט פון וואַלד, גליטשט זיך אויף אַ שטראַל פון דער פאַרחלומטער לבנה וואָס שפּאַצירט איבערן וואַלד ווי אַ גוטער היטער, קוקט אַריין אין סרולטשעס הייזל און וועקט אים פון שלאָף: —„שטיי אויף, וואָס דרימלסטו? אַ פויגל האָט זיינע קינדער פאַרלאָרן . . . ”

כאַפּט זיך סרולטשע אויף, שלייכט זיך שטיל אַרויס און שטעלט זיך אויף דער שוועל. דאָס שוואַרצע בערדל צעפלאָסן, שפּילט זיך מיטן ווינטל; די שוואַרצע אויגן קוקן מיט ליבשאַפט צו דער לבנה אַרויף: „דערציייל עפּעס לבנהניו, טרייסט די עלנטע, די געשלאָגענע . . . ” די לבנה שפּאַצירט זיך אָבער ווייטער, און פאַרחלשטע שטראַלן גייען איר נאָך איבערן גאַנצן וואַלד ווי אַ בלישטשענדיקע חופּה פון ווייסע דימענטן. כאַפּט זיך איבער דער סאָלאָוויי פול מיט בענקשאַפט צו זיין פּאָר און נעמט טרעלן געלאַסן אַ ליבע ליד. ענטפערט אים פון אַנדערן עק וואַלד אַ קול פון אַ פויגל פונקט אַזוי שטיל און געלאַסן, אַ חיות צו הערן. ציטערט סרולטשען דאָס האַרץ: „עך, טאַטעניו

ליבער, ווי ס׳ציט איינם צום אנדערן . . . פאר וואס זשע גייען זיי נישט נאכן קול און טרעפן זיך?"

פלוצים ווערט דאס געזאנג איבערגעהאקט. א קוויטש ווי א שניט פון א מעסער האט זיך פון ערגעץ א ריס געטאן און געבליבן הענגען אין דער לופט. ס׳טוען א פלאטער א טשאטע שווארצע פליגל און ווארפן אן אן אימה: א פלעדערמויז איז דורכגעפלויגן און נאך איר א שטילער צאפל ארום און ארום. פאלט סרולטשע אויפן פייכטן גראז און הערט דורכן האלב־דרימל ווי ערגעץ ווייט פרעסט א רויב חיה א העזעלע, נאר וואס געכאפט. פארקלעמט אים דאס הארץ און ער וויינט פאר צער. פאלן זיינע טרערן, הייסע,—אויפן גראז. לייגט זיך דער טוי אויף דער ערד און א ווארעמער אטעם פארשפרייט זיך אין וואלד; און פון דער ערד הייבט זיך אן הערן א שארכן, א רירן, דערפילט ער אז דאס וואקסן די גראזן. הייבט ער זיך אויף און נעמט ציען א ניגון אזוי שטיל, אזוי איידל ווי א שפיל פון א פידעלע: אביסל וויינט עס, אביסל שניידט עס ביים הארצן, און ס׳בענקט זיך אזוי שטארק עפעס צו טאן, מיט עפעס זיך צו פארנעמען. נעמט ער דעם רידל און גייט צום ווייסן בארג ליים גראבן.

— סרולטשע טשי!—שרייט אלעקסי פון יענער זייט בארג—שלאפסט נאך? דער בעטלער איז שוין אין צענטן דארף.

אז ער באקומט נישט קיין ענטפער לאזט ער זיך גיין אריבערן בארג. טרעפט ער סרולטשען ביי דער ארבעט א פארמוחטן. פארלייגט ער די הענט אונטערן פעלצל און קוקט ווי געלאסן און מיט כוונה סרולטשע ארבעט.—„א מאדנער דער סרולטשע איז עס, ווען שלאפט ער, הא?"—קען ער זיך נישט אפ־וואונדערן.

ווען סרולטשע באמערקט אים, איז ער אים מכבד מיט אברייטן גוט מארגן:—דו ווייסט, אלעקסי, מ׳קען נישט שלאפן אין וואלד ביינאכט . . .

— לאמיר פאררויכערן, סרולטשע סערדצע, די דאגות צו פארטשאדען . . .

— אזוי גאר, דאגות האסטו, אלעקסי, וואסי, עפעס?

— צו וואס דאס ברייען,—שפילט זיך אלעקסי פארשעמט מיט א טראלב פון זיין גארטל,—א ווייב געוועז. א ליובע נישט קיין ווייב. אין דער שרפה נעבעך, פון א דונער איז זי מיט די בהמות אוועקגעקומען, די עלנטע. איז וואס זשע געבליבן דעם פויער צו טאן? צוריק אויפבויען די כאטע, לייגן זיך נישט די הענט אן האנקען, א ליכטיקן גן עדן זאל זי האבן. בעסער שוין גלות אפריכטן. זען די הייליקע מאמע אין קיעוו און אפשר זיך דערשלאגן ביזן הייליקן לאנד. דאס חיות צו דערהאלטן וועלן אלעמאל גוטע מענטשן געבן דעם וואנדערער. האט ער אזוי געבלאנקעט איבערן לאנד און האנקען כסדר אין

חלום געזען, געקומען אהער און זי ווייזט זיך נישט מער... איז ער געבליבן שטעקן דאָ אין וואַלד ביז זי וועט זיך באַווייזן... „און זי קומט נישט, סרולטשע. כ'וואָלט אפילו בייטאָג געשלאָפן, אבי זי זאָל זיך באַווייזן."

אַ ווערימל איז זיך אַרויסגעקראָכן פון אַ קופּע ליים און אויפגעשטעלט איין עק אין דער הויך וועלנדיק גרייכן אַ טראָפּן טוי, וואָס האָט זיך אָפּגע־זעצט אויפן ליים. סרולטשע זעט עס און איז פאַרגאַפט. אַלעקסי אַ געפּלעפטער שטייט און וואונדערט זיך ווי דאָס ווערימל מאַטערט זיך צוצוקומען צום טראָפּן טוי און קען נישט.

— ווייל דאָס נפש דערכאַפּן... זעסט, סרולטשע, נאָר דאָס נפש דערכאַפּן.

— כ'האָב געזען נעכטן אַ נעסט פון קליינע פייגעלעך,—דערציילט אים סרולטשע גאָר עפּעס אַנדערש,—זיי זיינען נאָך גאַנץ רויט, אָן הערעלעך און אָזעלכע שרעקעדיקע, אָבער די מיילעכלעך עפענען זיי שוין און פּישטשען: עסן!

— לאָמיר זשע פאַררויכערן, סרולטשע, דעם וואָרעם צו פאַרטשאַדען.

האָט מען פאַררויכערט און זיך געלאָזט אין שטאָט אריין דאָס ליים פאַר־קויפן.

ג

האָט זיך אָנגערוקט אַ וויינענדיקער הימל, און רויטע בלעטער אויף די ביימער האָבן גענומען אַראָפּפאַלן און פוילן. אַלעקסי איז פאַרכמורעט. דער וואַלד האָט אַן אַנדערע מראה באַקומען; ווי דערשראָקענע האָזן שטייען די ביימער, שטעלן אויף די שפּיצן צווייגן און הערן זיך איין. קומט אַ ווינט אָן און טוט אַ שנייד דורך דעם וואַלד און בלעטער פאַלן ווידער,—בייגן זיך די צווייגן איין און בלייבן הענגען אָפּגעלאָזענע און הוילע; פון יענער זייט וואַלד הערט זיך אַ טעמפּ האַקן און פאַלן פון ביימער.

אין די פאַרטאָגן האָבן זיך די קראָען אויסגעשטעלט אויפן שפּיץ באַרג און אַריינגעקראַקעט אין מאָרגן־נעפּל אַריין: קראַ, קראַ! אַ רעגנדל נעמט קראָפּיען פּאַמעלעך און קלאַפּט געמיטלעך אויף די פוילע בלעטער. שטייט סרולטשע אויפן שוועל פון ליימענעם הייזל און הערט זיך איין. קראַ, קראַ! —טומלען די קראָען און טראָגן זיך אַוועק איבערן וואַלד מיט אַ געפּלאַטער.

דער וואַלד איז ווי אָפּגעוואָרן. שטייט אַלעקסי אין מיטן וואַלד, שפּייט אין די פויסטן און זעט ווי דער טראַקט שלענגלט זיך העט אַוועק, ווייט איבער די גרויע פעלדער. לעצטע שאַרעם פייגל שטעלן זיך אוים אויפן פעלד אין אַ קרייז, פּישטשען עפּעס אַ תפילה און הייבן זיך פּלוצים אויף מיט אַ געליאַרעם

איבערדרייענדיק זיך אין דער לופט, כאַפּן אַ לעצטן קוק אויפן וואַלד, שליסן צוריק דעם קרייז און מאַרש אַוועק.

איז אים אומעטיק אַלעקסין. נעמט ער זוכן סרולטשען און טרעפט אים ליגן אויפן בעטל פון פרישן שטרוי אַ פאַרמאַטערטן, אַן אומעטיקן. זעצט ער זיך לעבן בעטל, ציט אַרויס די לײמענע פּיפּקע און פאַררויכערט.

— שוין אַוועקגעפלויגן . . . — גיט ער מיט אַמאָל אַ זאָג סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, און לאָזט אַרויס פון מויל גאַנצע קנוילן רויך. שפּרייט זיך דער רויך אין הייזקע און ס׳ווערט אַזוי נעפּלדיק שווער אויפן האַרצן, ס׳נאָגט אַזוי נאָדלדיק און שאַרף: „וואו טוט מען זיך אַהין?"

נעמט סרולטשע ציען אַ ניגונדל אַ טיפס, מיט עטלעכע פאַלן. דער ערשטער פאַל פירט אַריין מיט אַ פרעגנדיקן טאָן, ווי דער ערשטער ווינט אין האַרבסט — אַ ווייע און אַ האַק אַפּ; דער צווייטער פאַל שטעלט אַוועק די האַרבע קשיה. מיינט עס: „וואָס זאָל מען איצטער טאָן?" זיצט אַלעקסי אַ פאַרהילטער אין ליולקע רויך, דער קאָפּ איז אים שווער ווי בליי, אויף דער נשמה אַזוי פּייכט און מלאָ, ווילט זיך אים וויינען אָדער גאָר שרייען, נאָר ער קען נישט, — זיצט ער פאַרשטאַרט. נעמט סרולטשע און גייט איבער צום דריטן פאַל און פאַרענטפערט די שווערע קשיה מיט אַ צוגעלייגט געמיט, ווי געזאָגט: „שוין געווען און ס׳וועט זיין, דאַרף מן הסתם איצט אויך אַזוי זיין . . . " און באַלד ווערט דער פערטער פאַל שוין געצויגן פון זיך אַליין מיט פרייד און זיכער־קייט: „ס׳איז געווען און ס׳וועט נאָך אויך אַנדערש זיין". ווישט אַלעקסי אויס אַ טרער פון די פאַרצויגענע אויגן און גיט זיך אַ שטעל אויף.

— עך, סרולטשע, דער באַרג איז קלעפּיק היינט, קום גראָבן ליים, ס׳איז גרינגער נאָכן רעגנדל.

— און גריבעס (שוואָמען) מוזן אויך זיין אַ סך, — האָט זיך סרולטשע אויך דערכאַפּט. לאָזן זיי זיך אין וואַלד אַוועק.

אַ מוראַדיקער עלנט אין וואַלד. אַ ריח פון פוילעניש טראָגט זיך פון אַלע זייטן. פּעניעס פאַרשניטן אַרויף מיט אַ שפּיץ, הויערן שוואַרץ פון רעגן און זעען אויס ווי מצבות איינגעזונקענע אויף דער העלפּט. שלעפּן זיי זיך אין די הורבעס פוילע בלעטער און זוכן שוואָמען און געפינען ווייניק. דערפאַר אָבער האָט אַלעקסי זיך דערמאָנט, אַז די בלעטער זיינען גוט צו מאַכן אַ זיהאַטע, (אַרומבעטן מיט זיי די ווענט פון דער הייזקע) וועט וואַרימער זיין אין ווינטער.

— כ׳לעבן גאָר אַ פיינער איינפאַל, — איז עס אויך סרולטשען געפעלן און גענומען אַרומבעטן זיין הייזקע.

— אלץ קומט צוניץ, ס'גייט גאָרנישט פאַרלאָרן.

— מ'דאַרף זיך אָבער לערנען ווי צו היטן, כע!

אַרבעט מען געשמאַק טאָג נאָך טאָג, ביז איינמאָל האָבן זיי דערהערט עמיץ וויאָקעט אין וואַלד מיט אַזאַ האַרץ רייסעניש און ביטערקייט, גלייך ער וואָלט די גאַנצע גאַל שוין אויסגעשפּיגן. האָט סרולטשע אַרויסגערוקט דעם שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ דורך דעם קליינעם פענצטערל, און דערזען דורכן אָפּע־נעם וואַלד ווי אַ פור איז פאַרגרעזנעט געוואָרן אויפן טראַקט און קען זיך נישט רירן. שטייט דער באַלעגאָלע און אָכצט און שרייט מיט קולי קולות: וויאָ, נבלות, טייערע, וויאָ! אָבער זיי רירן זיך נישט. ער האָט שוין אפילו געפּרוּאווט רייכערן קוליעס שטרוי אונטער זייערע בייכער און ס'העלפט נישט. לאָזט זיך סרולטשע צום וואָגן צו. פון יענער זייט באַרג גייט אויך אַלעקסי אַ פאַרכמורעטער, בייסנדיק אַ שפּיץ פון דער רויטער באָרד, און אין וואַלד קלינגט אַלץ דאָס הייזעריקע בייזערן זיך פונעם באַלעגאָלע: וויאָ, נבלות טייערע, וויאָ!

זיצט אויפן וואָגן אַ ייִד, באַפּאוּתטער, אַ הויכער ספּאָדיק אויפן קאָפּ און די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל. זיצט און קוקט אין וואַלד אַריין: אַ הוילער וואַלד, מ'זעט ווי ס'גליטשען זיך דורך שטיקלעך ווייסקייט צווישן די שורות ביימער, אַזש סע שווינדלט פאַר די אויגן. ער איז שטאַרק פאַרטראַכט דער בראָדער דיין, פאַרטאָן אין עפּעס אַ מחשבה וועגן וועלדער וואו בייזע רוחות און זינדיקע נשמות בלאָנקען אַרום און קומען אָפּ זייערע גרויסע זינד. זיי שלעפּן זיך אַרום אין די פּוסטע וועלדער מיט בינטלעך האָלץ אויף די אַקסלען און זוכן אַ מענטשן וואָס זאָל מאַכן אַ פייער און זיי פאַרברענען . . . וואָגלען זיי אַרום אַזוי לאַנגע יאָרן און טרעפן קיינעם נישט. מיט אַמאָל פאַר־טראָגט זיי דער ווינט ערגעץ אין אַ וואַלד, בלענדט זיי אַ שטיק ווייסקייט פון אָפענער וועלט אַנטקעגן און זיי לויפן מיט די לעצטע כוחות אַ מענטש צו געפינען.

— שלום עליכם, יידן!

— אַ גאָט העלף, מענטשן!—שיסן זיי ביידע אויס מיט אַמאָל.

איז דער באַפּאוּתטער ייִד געוואָרן אַ דערשראָקענער, געמיינט אַ ווילע אַז ס'שטייען פאַר אים פאַרזינדיקטע נשמות, ער האָט זיך אָבער באַלד דערכאַפּט. ער ווייסט דאָך, אַז די היגע וועלדער זיינען שוין פון לאַנג אויסגעטראָטענע, אפילו די חיות רעות האָט מען שוין פאַרטריבן. האָט ער אַרויסגענומען איין האַנט פון אַרבל און דערלאַנגט צו די אָנגעקומענע.

— געמיינט, ניט גוטע, חס ושלום,—קנייטשט ער זיך.

— מ׳זעמיר ליים פירער.—שמייכלט אלעקסי!—געהערט מ׳וויאַקעט, גע־קומען העלפן.

און באַלד האָבן זיי זיך אַ שטעל געטאָן אין ביידע זייטן פון וואָגן און אים גענומען הייבן פון בלאָטע. האָט זיך דער דיין פאַרשעמט און אויך אַראָפּגעקראָכן און צוגעלייגט אַ האַנט.

— אַזוי אַזוי, — איז סרולטשע צופרידן, — צוהעלפן דער שטומער צונג, וועט זי שוין אַליין גיין.

— וואונט אַ ייד מיט אַן ערל?!—האָט זיך דער דיין געוואונדערט מיט פאַראיבעל.

— אַ ליים פירער איז ער אַלעקסי, אַ קוילן ברענער. דאָס ווייב איז ביי אים, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אוועקגעקומען...

— דער ראַבין וויל מן הסתם עפּעס אין מויל אַריין,—האָט זיך אַלעקסי אַריינגעמישט און היימישלעך געגלעט די פאַרשוויצטע פערד.

— פאַרמאַטערט נעבעך.

— מ׳וועט שוין דאָ דאַרפן צונעכטיקן,—האָט דער באַלעגאַלע אומצו־פרידן אַ פאַרצי געטאָן דעם פּאַסיק פון די הויזן, און זיך צעכוואַשטשעט מיט דער בייטש. סרולטשע האָט גאַרנישט געענטפערט, נאָר אָנגענומען דאָס ציימל און אַרויפגעפירט דעם וואָגן אויפן זייטיקן שליאַך אַרויף, וואָס פירט צו זיין הייזל.

זיינען זיי געזעסן אין הייזל און געגעסן געבראָטענע קאַרטאָפליעס און פאַרטרונקען מיט פריש וואַסער פון דער קרעניצע. אַלעקסין איז פריילעכער מיט די געסט און ס׳גלוסט זיך אים נישט גיין צו זיך אין הייזל אַריין, האָט ער אַרויסגעצויגן די האַרמאָניקע פון דער הינטער־קעשענע און זיך צע־גרימפּלט מיט אַ ניגון פון זיין היים, אַזאַ צעצויגענעם און פאַרבענקטן. זעט סרולטשע ווי אַלעקסי ווישט אין מיטן אָפּ אַ טרער, נעמט ער זיך אויסבעטן אַ געלעגער לעבן אויוון.

—שלאָף דאָ, אַלעקסי, ס׳נעמט, דאַכט זיך, שנייען אין דרויסן. ס׳זיין היימלעכער.

— ווי דו ווילסט, סרולטשע,—האָט אַלעקסים פּנים אויפגעשיינט,—ווען זי האָט נאָך געלעבט, דאָס טייבעלע מיינס, פלעג איך אין אַזעלכע נעכט פלעכטן קאָשיקעס פון ווייכע צווייגן, און זי פלעגט צוהעלפן און זינגען הייליקע געזאַנגען. אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן,—האָט ער זיך פרום

גענומען צלמען, — סרולטשע, האסט שוין אמאל געהאט א ווייב? וואס דומעסטו?*

דער דיין האט זיך גענומען קרימען. ס'איז אים נישט געפלן געוועזן, וואס אלעקסי איז אזוי אפנהארציק מיטן ייד און צלמט זיך גאר ווען ער, דער דיין, לייענט קריאת־שמע. האט עס סרולטשע באמערקט און אים גענומען געבן צו פארשטיין: „פארשטייט איר מיך, רבי, דער פיקהאלץ איז א הונגעריקער פויגל, און אז ער וויל עסן, קלאפט ער א גאנצן מארגן מיטן שנאבל אין בוים אריין א ווערעמל צו באקומען. דאס גאנצע חיות ליגט ער אריין אין דעם קלאפן: פיק, פיק, פיק! ס'הארץ ציטערט אים און אלע אברים גייען אויס פון גרויס חשק צו עסן. אבער זייער זעלטן קריגט ער עפעס, איז א רחמנות אויף אים... דער באטשאן איז אויך א פויגל און וויל עסן. שטייט ער לעבן וואסער אויף איין פוס, איין אויג פארמאכט גלייך ווי ער וויל גארנישט קוקן אויף גאטס וועלט, און פלוצים טוט ער א רוק אריין דעם פיסק אין וואסער און נעמט שלינגען אן אויפהער; אפילו ווען ער איז שוין זאט, עסט ער נאך אלץ און עסט, אן א ברכה און אן טעם... איז אויף אים אויך א רחמנות. ער מיינט אז ער איז דער איינציקער גוטער עסער..."

גלאצט דער דיין אויס א פאר ווייכע פארוואונדערטע אויגן אויפן ייד, דעם ליים־פירער, ווי ער שטייט און צופט די וואטאווע סערמיגנע זיינע אין רעדט עפּיס אזוי מאדנע קלאר און דאך פארשטעלט. אויך דאס קול זיינס איז פארענדערט: די אויגן בלישטשען ביי אים און ס'פנים ווי ס'וואלט גע־שיינט מיט א באזונדער ליכט,—ווי שטראלן וואס גליטשן זיך איבער א פעלד אין פערלדיקן שניי. ער איז געפלעפט דער בראדער דיין. ווי דורך א נעפל זעט ער אויך אז דער באלעגאלע זיינער שטייט מיט אן אפן מויל און אנגע־שפּיצטע אויערן. אלעקסי א צעחושטער קראצט זיך אין א פאה און גראבלט אין די קעשענעס דעם קרעמען־שטיין צו באקומען,—ער וויל רויכערן אלעקסי; און דער ליים־פירער איז עפעס ווי ער וואלט זיך פאר זייערע אויגן איבערגע־טאן: אט ווארפט ער אראפ א שטיק מלבוש און עס דערזעט זיך א לויטער פנים ווי ווייס געפאלענער שניי אין א לבנה נאכט, און אט גיט זיך א שטיק מלבוש א צעלייג איבערן יידס פנים און עס שטייט גאר א ייד א מגושם, א ליימיק פנים און אומגעלומפערטע הענט, און בעט גאר א געלעגער לעבן איוון. נאר איין סעקונדע האט עס געדויערט. „א נסתר"—טראכט דער דיין און ציטערט.

— מ'דארף די פערד געבן עסן,—האט זיך דער באלעגאלע דערמאנט און גענומען א לאמטערן און ארויס אין דרויסן.

*דומעסטו — טראכסטו, שווייגסטו?

ד

אין דרויסן האָט זיך צעוואָיעט אַ ווינט און גערעדט מיט געפייף און געסווישטש. פליאַכעס שניי האָבן אַנגעקלאַפּט אין די פאַרהויכטע שייבלעך, אָפּגעשפּרונגען צוריק און געבליבן ליגן אין אַ האַלב קיילעכדיקן קרייז אַרום די ביימער ווי די לבנה אין אָנהייב חודש.

אין הייזל איז אַ ליבע וואַרעם. אויפן קוימען צאַנקט אַ לעצט קינדל און וואַרפט שלאַבעריקע שאָטנס איבערן צימער. כאַפּט זיך אַלעקסי איבער, זעצט זיך אויף ווי אין חלום נאָך, רוקט אַריין די אויסגעהאָרעוועטע פינגער אין דער האַלב־גרויער טשופּרינע און בלייבט אַזוי זיצן פאַרגליווערט אין טיפן צער. „געדאַרפט נאָך פריער אַוועקלאָזן זיך אין די הייליקע ערטער, אפשר וואָלט גרינגער געוואָרן,״—טראַכט ער, נאָר דער שלאָף קומט אים ביי און לייגט אים אַוועק ווי אַ סנאָפּ, און ער נעמט שנאָרכן אָפּגעהאַקט און טעמפּ.

שפּעט ביינאַכט האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט. פון ערגיץ גאָר ווייט האָט זיך דערטראָגן אַ קריי פון אַ האָן און ווידער שטיל. האָט סרולטשע זיך איבערגעכאַפּט, אַראָנגעקראָכן פון געלעגער און געלאָזן זיך אַרויסגעשלייכט אין דרויסן אַרויס, ווי אַ נאַכט וואַנדלער. דער דרויסן שווייגט. נאָר די ווייסע בלענדיקייט רעדט צו אים מיט לבנה שטראַלן וואָס ציטערן גלאַנציק איבערן וואַלד. „וואָס טו איך דאָ?״—קוקט ער זיך אַרום מיט אַזאַ וואונדער ווי ער וואָלט ס׳ערשטע מאָל דערזען דעם וואַלד. „וואו זיינען אַלע?״—יאָגט איין מחשבה די אַנדערע—„אַלעקסי וועט גיין אין די הייליקע מקומות״—מורמלט ער שטיל און קען אַלץ נישט קומען צו זיך,—„זשאַמעלע״—עפּנט ער פּלוצים ברייט זיין מויל ווי ער וואָלט וועלן אויסשרייען, נאָר דער פראָסט טוט אַ פּאַק דעם אָטעם זיינעם און ער בלייבט שטיין אַ פאַרגליווערטער. די ביימער שטייען שטילע און שטייפע; אייז צעפּלעך קלינגען פון פראָסט און שפּיגלען זיך אין לבנה ליכט. אַלץ איז אַזוי דורכזיכטיק און קלאָר.

פּלוצים דערטראָגט זיך פון ערגיץ אַ וואָיע פון אַ הונגעריקן וואָלף און עפּעס אַ חיהלע לויפט אים פאַרביי אין איין שרעק. „הונגעריק״—נעמט אים נאָגן אַן אומעט. זעט ער אָבער ווי די ביימער שטייען אַזוי שטאָלץ און זיכער אַרומגעוויקלט מיט שניי, דערפרייט ער זיך און וויל נעמען שפּאַצירן איבערן וואַלד. טוט זיך פּלוצים אַ צעטראָג אַ געבריל פון טראַסקנדיקע צווייגן; אַ פינצטערניש צעלייגט זיך געדיכט איבערן וואַלד; דער ווינט רייסט מיט אַ געהייל פון אַ טשאַטע הונגעריקע וועלף; ביימער פאַלן אין אָפּענעם שלונג פון ווינט, און דער ווינט טוט זיי אַ שלעפּ ביי די טשופּרינעס פון געפרוירענע שפּיצן און צעלייגט זיי מיט אַ קנאַל; קראָען הייבן זיך אויף מיט שרעק און

פארקראקען דעם וואלד. אָן אימה צו זען און אַ פּחד צו פאַרמאַכן די אויגן. דער ווינט דרייט דעם שניי און הורבעט אים אָן ווי הויקערס צווישן איין אוועקגעלייגטן בוים און דעם אַנדערן.

שטייט סרולטשע און טרויערט: „אַז דאָס מויל פון ווינט איז אָפן, אַז דאָס מויל פון וואָלף לעכצט נאָך רויב און דער פּחד וואַיעט אין אַלע נשמות". ביסלעכווייז אָבער ווערט אים לייכטער אויפן הארצן: „זיי ווילן דאָך נאָר עסן"—פאַרענטפערט ער זיך. און ווען דער ווינט האָט זיך געשטעלט, האָט ער געגומען אַרומקריכן צווישן די טויטע ביימער וואָס ליגן צעשפּרייט מיט צעבראָכענע צווייגן ווי אָפּגעריסענע אברים; נעסטן מיט צעקוועטשטע ווינטער־פייגעלעך וואַלגערן זיך מיט דער אָפענער זייט אַרויף און רעדן אַזאַ שטומע שפּראַך פון בלוט און גרויל און טויט. „אַז די חיה איז אפילו נישט זאַט געוואָרן"—פאַרקרימט ער זיך מיט ביטערניש און לאָזט זיך צוריקגיין אין הייזל אַריין.

ער האָט נישט געזען ווי צווישן די ביימער האָט זיך ווער געגאַנוועט הינטער אים, דאָס האָבן דער דיין מיטן באַלעגאָלע זיך נאָכגעשליכט נאָך אים און אַלצדינג געזען. זיי, האָט דער שטורעם אויפגעוועקט, און אַז זיי האָבן נישט געזען דעם ייד אויף זיין געלעגער, זיינען זיי אים נאָכגעגאַנגען.

דער בעל־עגלה האָט אַזש געצאַפּלט: „רבי, נעמט אים אין שטאָט אַריין. ס'איז אַ נסתר." דער דיין אָבער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן.

ה

פאַרטאָג איז אַלעקסי אוועק צו דער קרעניצע און געבראַכט צוטראָגן אַן עמער וואַסער מיט אַ ביינגל שוועלבעלעך, וואָס האָבן זיך פאַר גרויס קעלט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין. אַלעקסי האָט זיי געוואַרעמט און סרולטשע האָט געמורמלט אַ ברוגזער: אַזאַ קעלט, אַזאַ קעלט.

— איז וואַרעמט מען זיך!—האָט דער דיין צוגעוואָרפן גאַנץ פאַרזיכטיק.

— נו, יאָ, וואַרעמט מען זיך,—האָט סרולטשע געמורמלט.

— ווייסט, סרולטשע,—האָט אַלעקסי גענומען די טאָרבע אין האַנט אַריין,
— כ'וועל זיך בעסער איינפּאַקן. ביינאַכט איז זי געקומען צו חלום . . . דאַרף מען גיין צו די הייליקע מקומות רו געפינען. און פאַר דיר, סרולטשע, איז שוין אויך צייט אַ ווייב צו נעמען און גיין לעבן צווישן אייגענע.

סרולטשע האָט געשוויגן. ס'איז אים זייער אַ שאָד געווען אַלעקסי אָבער ער האָט געפילט אַז ער קען אים נישט אָפּהאַלטן.

— מיין טאָכטער, אַ גרושה, שטייט אין שידוכים,—האָט דער דיין זיך אָפּגערופן און צוגעאײַלט צו סרולטשען.

— נו?—האָט סרולטשע אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף אים.

— ווייס איך?—האָט דער דיין האַלב געשטאַמלט,—איר געפעלט מיר.

— כ׳וועל קומען אין שטאָט אַריין, ווען דער פראָסט וועט לאָזן מיערטשע־שעם,—האָט סרולטשע געקוקט דעם דיין גלייך אין די אויגן אַריין.

— מ׳קען שרייבן תנאים שוין,—האָט דער דיין נישט אָפּגעלאָזט. און אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט.

— טאָ לאָמיר זשע נעמען אַ ביסל בראָנפן,—האָט דער באַלעגאָלע פריילעך אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג און אַרויסגעשלעפּט פון דער בוזעם קעשענע אַ פלעשל.

— מזל־טוב!—האָט ער דערלאַנגט דאָס פלעשל צום דיין.

— מזל־טוב! דער זיווג זאָל עולה יפה זיין!

— אמן!

האָט מען מיט מזל תנאים געשריבן. אין שטעלעכל האָבן די פערד זיך באַלעקט מיטן פרישן ביסל היי וואָס דער באַלעגאָלע האָט זיי צוגעוואָרפן. אַלעקסי איז געשטאַנען לעבן זיין פערדל און זיך וואַרעם געזעגנט דערמיט.

— כ׳וועל צוריקקומען צופרילינג צו, טייערינקער. נאָך דעם נדר מקיים זיין. כ׳וועל קומען!—האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט מיטן שליאַך צום טראַקט צו, אַריינשרייענדיק צו סרולטשען אין הייזל אַריין:

—זאָל עס זיין אַ גוטער אָנהייב, סרולטשע! כ׳וועל צוריקקומען. נאָך דעם נדר מקיים זיין. גיב אַכטונג אויף דער שטומער צונג!

— גיי מיט פרידן, אַלעקסי, און קום מיט רו!

מיט מענטשן

(דריטע מעשה)

טיף אין וואַלד האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. וואָרצלען האָבן דערפֿילט אַ ווייכע וואַרעמקייט אין די אָדערן און האָבן זיך גענומען אויסציען; אַ וואַרעמער ווינט האָט זיך איינגעגעסן אין די הויכע צווייגן—האָבן זיי זיך גענומען טרייסלען מיט אַ ציטער און פֿלאַטער פֿון דערוואַרטונג; אַ שטיל שאָרכן האָט זיך אַריבערגעטראָגן פֿון וואָרצלען צו צווייגן ביז די שפּיצן—האָבן זיי זיך אויך אויסגעגלייכט און אַרויפֿגעקוקט צום הימל: „האַ, וואָס?‟

שאַרעס קראָען, אָפּגעקראָכענע און פֿאַרמאַטערטע, האָבן זיך אין די פֿאַר־טאָגן צעשטעלט אויף די שפּיצן ביימער. מיט אָפֿענע מיילער אַרויפֿגעקוקט צום כמורנעם הימל און זיך אַוועקגעלאָזט צום נאָענטן טאָל מיט אַ געפּילדער און געשריי; שוועלבעלעך האָבן זיך שוין אויך צעפּישטשעט אַרום און אַרום, זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ שוועב אונטערן הימל און אויפֿגעכאַפּט אַ פֿליענדיק פֿעדערל, אַ שטיקל ווייס שפּינוועבס, און פֿאַרשוואונדן צווישן די ביימער: „ס׳וועט צונויף קומען! צייט שוין אָנצוהייבן, צייט שוין אַ נעסט צו בויען . . .‟

שטייט סרולטשע אין טיר פֿון הייזל און קוקט צום באַרג. ער קוועלט פֿון נחת ווי די שוועלבעלעך כאַפּן קונציק אויף אַ פֿעדערל, אַ בלעטעלע און אַ שטרויעלע: „קיין זאַך ווערט נישט פֿאַרלאָרן.‟

דער באַרג איז פֿון איין זייט באַגאָסן מיט אַ ווייס דורכזיכטיק ליכט, און די אַנדערע—פֿול מיט נעפּל, וואָס רייבערט זיך און קייקלט זיך אַרויף ביזן שפּיץ ווי אַ קרוין. ווערט אים דאָס האַרץ פֿול מיט פֿרייד, כאַפּט ער אַ לעצטן קוק אויפֿן הייזל און לאָזט זיך צו דער קרעניצע. פֿאַלט אויף אים דער טוי און דער ווינט שפּילט זיך מיטן פֿלאַטערנדיקן בערדל. שטייט ער אַזוי אַ פֿאַר־גאַפֿטער אַנטקעגן זון־אויפֿגאַנג און הערט זיך צו ווי עס רירן זיך וואָרצלען אונטער דער ערד; האָזן און וועווערקעס שטעקן אַרויס די קעפּלעך פֿון אונטער פֿוילע בלעטער און פּישטשען.

שטייט ער אַזוי: דאָס בערדל צעפֿלאָשעט און די הענט צעשפּרייט, זעט ער אײַנגאַנצן אויס ווי אַ ווערבע אין מיטן פֿעלד. שטייט גרייט און אײַנהערנדיק זיך: „וואָס וועט זײַן?‟ מורמלט שטיל די קרעניצע און באָלבלט זיך, דער־ציילט דעם סוד פֿון אונטער דער ערד.

הייבט עס אים אָן ציען צו גיין ערגעץ, ערגעצוואו אָנצוקומען, עמיצן צו באַגעגענען. לאָזט ער זיך צוריק צום הייזל. זינקען די פֿיס אין געדיכטעניש פֿון פֿוילע בלעטער און וואָרצלען. שטעלט עס אים אָבער נישט אָפּ, ער ווייסט שוין וואָס צו טאָן, וואוהין צו גיין. די סערמינגע פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק און אַ

זעקל אויף די אקסלען און ער גייט. א טאַפּטש אריין און א טאַפּטש ארויס פון דער בלאָטע, באַמבלט צו דער זאַק צום טאַקט, און ער גייט זיך זיין וועג קיין בראַד. די תנאים ליגן גרייט אין קעשענע.

באַגעגענען אים אויפן וועג די דאָרפסגייער, יידן פאַרחושכטע און פאַרדאגהטע, קעפּ פול מיט הוריות און פולע פאָלעס זאָרג און פאַרהאַרטעוועטע בלאָטע. טראַגט ער זיי אַנטקעגן אַ גוט מאָרגן און פרעגט זיך נאָך אויף בראַד און אויפן דיין פון קוטעוו, אזוי דאַכט זיך רופט ער זיך. ווייסט מען נישט. נישט געהערט פון אזא. איינער אָבער דערמאָנט זיך:—„איר מיינט אוודאי, ר' גרשון קוטעווערס פאָטער? נפטר געוואָרן ר' אברהמל. אויפן וועג אַהיים פון א דין תורה, נפטר געוואָרן."

— אזוי! נישטאָ שוין ר' אברהמל,—וואונדערט זיך סרולטשע.

— וואָס זשע, אַן אייגענער?—קנייטשט זיך דער גייער אין האַלבן חוזק.

— ברוך דיין אמת!—ענטפערט נישט סרולטשע און גייט ווייטער.

פרעגט ער שוין איצט אויפן רב פון בראַד. זיינען גייער נייגעריק צו וויסן וואָס אזא ייד, אַ מגושם מיט אַ גויאיש פּעלצל, דאַרף צום רב פון בראַד, שטעלט מען זיך אָפּ. מ'האַלט איין דאָס קעלבל וואָס רייסט זיך צוריק צום דאָרף, צו דער מאַמען דאָרט אין שטעלעכל, און מ'וויל אויספאָרשן האַלבחוזקנדיק: „וואָס איז דען, דעם חמץ פאַרקויפן? אַן עצה, אַ מסחר, וואָס?"— סרולטשע אָבער טוט נאָר אַ שאָקל מיטן קאָפּ און גייט ווייטער אַ פאַרטראַכטער און צעטראָגענער. ווייסט מען נישט וואָס דאָס מיינט. „אַ פּרא אדם",—באַשטימט דער גייער און איילט אוועק טאַפּטשענדיק אין בלאָטע. „ס'וועט שוין זיין וואָס צו דערציילן שבת נאָכמיטאָג אין שולעכל."

אַלע איילן זיך. פּויערים האָבן שוין אויסגעגראָבן די קאַרטאָפליעס פון די ווינטער גריבער. אייער פרישע, ליגן שוין אויסגעציילטע גרייט צום פאַרקויפן. בינטלעך פלאַקס ווינקען דורך די שייבלעך פון פּויערישע הייזלעך צום גייער: „קום, קויף, דער פּויער דאַרף זאַלץ און נאַפט, מ'דאַרף שלייפן די קאָסע און רייניקן דעם אַקער". מ'דאַרף זיך איילן, ס'רופט די ערד; און יידן פאַרדאגהטע זאָרגן: „ס'גייט צו פּסח, מ'דאַרף דעם יום־טוב אריינברענגען." איילן זיי זיך אויך און באַמערקן אפילו נישט, ווי זיילעכלעך פּאַרע הייבן זיך אויף פון די פעלדער און פאַרשלאָגן דעם אָטעם מיט פרישקייט פון פייכטער ערד. איילט מען זיך וואָס פריער אין דאָרף אָנצוקומען. מ'קען חלילה פאַרשפּעטיקן.

קומען פּויערימלעך אַנטקעגן און גריסן זיך היימישלעך. פּויערימלעך אין לאַפּטיעס און אין אויסגעטריקנטע סערמיענגעס, טאַפּטשען נאָך די וועגענער מיטן ביסל שפּייז און וויאַקען פאַרחושכט און פאַרנומען מיטן אויסחשבונען,

וואָס מ׳דאַרף איינקויפן אין שטאָט. פאַרפּלאָנטערן זיך אין חשבון און מאַכן זיך דערפאַר סימנים מיט קניפּלעך אין דער בייטש.

ס׳איז ערב יום־טובדיק אויף דער וועלט. שניידט זיך אַ וואָגן אין ווייך געוואָרענעם טראַקט. דער וואָגן איז שווער, אַ פויער פירט דעם אָקער צום קאָוואַל שלייפן. קוקט אים סרולטשע נאָך מיט נחת: „העלף טאַטעניו, אַלע וואָס מיען זיך און אַרבעטן אויף דיין גרויסער וועלט!"

ב

בראָד איז ערב־פּסחדיק. יידן מעל־שענקער, איילן זיך מיט די לעצטע „פּרובקעס*" צום רב. אסתרל דער רביצנס, אַ נידעריק געוויקסיקע מיט אַ בלאַס פּנימל און שוואַרץ בלישטשענדיקע אויגן, פאַרשטעלט זיי אָבער דעם וועג: „היט זיך ר׳ הערשל, ביי אונדז איז שוין באַלד פּסחדיק. גייט אין „בעזן־שטוב". (בית־דין) דער ברודער איז דאָרט". רוקט זיך דער מעל־שענקער אָפּ מיט דרך ארץ און גייט דורכן בית־מדרש.

שטייען שוין דאָרט יידן פאַרחושכטע: אויגן אַראָפּגעלאָזט, פּנימער מיט טויזנט צערן אויסגעלייגט; יידן פאַרדאגהטע, מיט פראָסט און עלנט אין געביין; יידענעס איינגעהילט אין אויסגעריבענע שאַלן, וויינט פון זיי מיט אַלמנה־שאַפט, מיט נישט דערגעסענע טעג און דערפרוירענע נעכט. הערט זיך נאָך, דאַכט זיך, פון זיי דאָס שטילע געיאָמער פון הונגעריקע קינדער וואָס ציטערן פון קעלט. שטייען זיי אַלע און וואַרטן אויף ר׳ גרשון קוטעווער, ער זאָל הייסן דעם שמש אויסטיילן די קוויטלעך אויף מעות־חיטים. שטייט מען און מען וואַרט און מען זעט דורך די פענצטער, ווי בראָדער באַלעבאָסטעס צעפּראָלן שוין טיר און טויער אַריינצולאָזן דעם פרילינג, וואָס זינגט אַרויס פון די בלאָטעס וועלכע טריקענען אַנטקעגן דער זון. אַנדערע טראָגן שוין כלים צום בעדער צו כשרן.

שטייען די יידענעס און זיינען מקנא, פאַררוקן טיפער דאָס פּנים אין די שאַלן און ווישן פאַרבאַהאַלטענערהייט אַ טרער. שלייכט זיך אַריין אסתרל מיט תחנונים: „יידישע קינדער, זייט אים מוחל, ער האָט זיך פאַרלערנט מיטן דיין, אָט וועל איך אים דערמאָנען." קוקן איר די יידענעס נאָך מיט רחמנות: „אַזאַ שטילע טויב און אַ גרושה נעבעך."

— מ׳זאָגט יאַקבי, אַז ר׳ אברהמל האָט זי פאַרקנסט מיט עמיצן.

* פּרובקעס — ביסלעך ווייץ צו ווייזן דעם רב, אויב דער ווייץ איז פּסחדיק.

— מ׳ווייסט נישט ווער ס׳איז, ר׳ אברהמל איז גאָר פּלוצים נפטר גע־וואָרן—רוימט איינע איין אַ סוד.

ווערט פון דער עדה ווייבער איין קנויל וואָס שושקעט זיך שטיל און בנעימותלעך. קעפּ צונויפגערוקט, אויערן אויפגעשטעלט, מיילער אָפענע,—רעדן און באַדויערן:

— אזא יונגס און קאָן נאָך חלילה בלייבן אַן עגונה.

— ביים זיך בעסער אָפּ די צונג, פּלאַפּלערקע.

קומט אויף דעם אָן סרולטשע און שטעלט זיך אַוועק אין אַ ווינקל. ווערן אַלע נייגעריק אויף דעם מאָדנעם פּאַרשוין. אורחי־פּורחי שאַרן זיך צו צו אים, ווילן אויסגעפינען פון וואַנען ער קומט און וואו ער האַלט זיך אויף. קומט דערווייל אַרויס דער שמש מיט די קוויטלעך, ווערט אַ געטומל און שטופּעניש. שטייט סרולטשע אין זיין ווינקל און קוקט זיך צו. זעט ער מער נישט די מענטשן אַרום זיך, נאָר הערט ווי ס׳רייסט אַ שטורעם און אין מיטן אַ געהייל פון הונגעריקע וועלף.

ווען דער שמש האָט אים דערזען, האָט ער אים צוגעוואָרפן מיט כעס:

— און דו, דאַרט אין ווינקל, אויף וועמען וואַרטסטו?

— אויפן רב,—האָט סרולטשע גענטפערט געלאַסן.

— איך טייל אַליין די קוויטלעך,—האָט דער שמש זיך געעקשנט.

— אַ נייטיקער ענין,—איז סרולטשע באַשטאַנען אויף זיינעם.

— טאָ קום!—האָט ער אים געוויזן דעם וועג צום בית־דין שטוב. דאָס צימער איז געווען אַ לאַנגס מיט אַ גרויס פענצטער אין דער וואַנט אַנטקעגנ־איבער דער טיר; די ווענט אַרום, באַדעקט מיט ספרים מיט אָפּגעריבענע לעדערנע רוקנס; דער לאַנגער טיש וואָס האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן צימער איז געווען פאַרוואָרפן מיט שטויסן אָפענע און פאַרמאַכטע ספרים, אַזוי אַז זיי האָבן פאַרשטעלט די צווי הויכע בערדיקע יידן וואָס זיינען געזעסן ביים סאַמע עק טיש און זיך געאַמפּערט. אַ ווײַלע איז סרולטשע געשטאַנען און געוואַרט ביי דער טיר. ווען ר׳ גרשון האָט אים באַמערקט, האָט ער זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט און געקוקט אַריבער אים. דערנאָך האָט ער ברייטלעך אַ רוק געטאָן דעם ספּאָדיק אויף אַ הינטער און ברומענדיק אַזוי פאַרטאָן אַ גמרא ניגון, אויסגעקראַצט אַ מטבע און אים דערלאַנגט כמעט נישט קוקנדיק אויף אים.

— כ׳בין נישט געקומען נאָך קיין נדבה.

— הום,—האָט ר׳ גרשון נאָך אַלץ געברומט דעם ניגון און געבליבן שטיין מיט דער גאַנצער הויכקייט זיינער און דורכגענומען סרולטשען מיט אַ בליק פון אויבן אַראָפּ.

— נאָך וואָס דען?—האָט ר׳ גרשון בהרחבהדיק אַ צענעם געטאָן די לאַנגע באָרד און ממש געטורעמט איבער אים.

— נאָך מיין ווייב . . .

— און וואו איז דיין אשה?—האָט זיך ר׳ גרשון געוואונדערט.

— נאָט לייענט, שוואָגער . . .

ר׳ גרשון האָט אַ ציטער געטאָן און מיט פּאַרצויגענע ברעמען געלייענט די תנאים.

— וואָס זשע ווילסטו, ישראל?—איז ער לסוף געקומען צו זיך.

— מ׳רופט מיך, סרולטשע. כ׳בין געווען אַ בעלפער.

— און לערנען קענסטו עפּעס?

— כ׳דאַוון מיט די פינגעלעך גלייך . . .

— וואָס? —

— גיט מיר מיין ווייב,—האָט סרולטשע זיך געבעטן.

— עם־הארץ, דו!—איז ר׳ גרשון אַריין אין הקפּדה און זיך באַלד צוריק־געכאַפּט.—ס׳שטייט „נקרא לנערה ונשאלה את פּיה״.

— כ׳פאַרשטיי נישט, רבי,—האָט סרולטשע אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— ס׳מיינט, ס׳מיינט: כ׳וועל רופן די שוועסטער און זי פרעגן. ביסטו זיכער אַז מיט דיר האָט דער טאַטע ע״ה געשריבן תנאים?—האָט ר׳ גרשון אַזש אָנגעהויבן שטאַמלען.

— גיט מיר מיין ווייב,—האָט סרולטשע אויסגעשטרעקט די האַנט און צוריקגענומען די תנאים.

ר׳ גרשון איז געשטאַנען אַ צעטומלטער: „אָט אַזאַ מגושם האָט עס דער טאַטע ע״ה אויסגעקליבן? ער וועט עס נישט דערלאָזן. ס׳מוז דאָ זיין עפּעס אַ טעות רח״ל. ער וועט נישט אַריינלאָזן אַזאַ מין־אַ אין דער יחוסדיקער משפּחה זיינער״ און ער האָט אַ פּרואוו געטאָן:

— וויפל רענדלעך ווילסטו?

— כ'בין נישט געקומען נאָך קיין געלט.

זעענדיק אַז ער וועט מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָט ר' גרשון אים אי־בערגעלאָזט און איז אַוועק דערציילן אסתרלען. האָט זי געזאָגט:

— דעם טאַטנס רצון איז ביי אונדז הייליק.

— ר'איז דאָך אָבער אַן עם־הארץ און אַ מגושם, אַזאַ בור! — האָט זיך ר' גרשון נישט געקענט איינהאַלטן.

— מ'קען זיך דען אויסקלייבן ביי גאָט, ברודער? און ר'איז דאָך דיין שוואָגער.—האָט זי זיך געבעטן ביי ר' גרשונען, און די אויגן האָבן איר גע־שיינט מיט רחמנות אויף דעם מאַן וואָס זי קען נאָך אפילו נישט, נאָר ס'שטעכט איר ליב ווי מיט נאָדלען אַז זי הערט ווי מ'באַליידיקט אים.

—וואָלט ער כאָטש געקענט אַ פּרק משניות,—האָט ר' גרשון גערעדט שוין נאָר צו זיך.

— וועסט מיט אים לערנען, גרשון. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָס איז ער.

— זאָל דיר גאָט העלפן, שוועסטער, נאָר זע אים כאָטש פריער — האָט ער אָפּגערוקט דאָס פאָרהאַנגל, וואָס האָט פאַרשטעלט אַ זייטיק פענצ־טערל אין בית־דין שטוב אריין —קוק נאָר אָן זיין הילוך, אַ פּנים דאָס האָט!

אסתרל אָבער האָט נאָר געזען די אויגן זיינע, ווי אומעטיק און פאַרלאָרן זיי קוקן אויף די ספרים און דער שטוב. דער קוק זיינער האָט איר אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ:

— וועסט אים מקרב זיין, ברודער?

— קענסט נאָך חרטה האָבן, און איך וועל אים מפייס זיין*.

— דאָס איז ער,—האָט זי ווי פאַרחלומט אַרויסגעמורמלט.

— אסתר!—האָט ר' גרשון שאַרף אַ מאַך געטאָן.

— גרשון!—האָט זי שטיל אים צוגעשעפּטשעט.

שוועסטער און ברודער האָבן זיך אָנגעקוקט, בלוטן האָבן אַ צאַפּל געטאָן, און פון ר' גרשונס שאַרפע אויגן איז אָפּגעגאַנגען דער כעס. ער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם תחנונים בליק פון דער שוועסטער און זיך אַוועק־געדרייט אַ צעטומלטער.

דעם חתן האָט מען אויפגערופן אין אַ מאַנטיק. זאָלן כאָטש נישט אַלע באַמערקן, אַז ר' גרשונס שוואָגער קאָן אפילו די ברכה נישט מאַכן, ווי

* מפייס זיין — איבערבעטן.

ס'באדאַרף צו זיין. זאָלן כאָטש נישט אַלע וויסן, אַז אין דער מיוחסדיקער משפּחה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פּראָסטאַק. אַ חתונה האָט מען אויך גע־פּראַוועט אַ שטילע, ווייל ר' גרשון האָט זיך געשעמט וואָס דער שוואָגער זיינער, וועט נישט קענען האַלטן קיין דרשה. מ'האָט צונויפגעקליבן אַ מנין פון די פּאָר בטלנים און אורחי־פּורחי וואָס דרייען זיך אַרום אין בית־מדרש און געפּראַוועט חתונה.

נאָך דער חתונה האָט ר' גרשון געפּרואווט לערנען מיט אים. לערנט ער מיט אים איין מאָל אַ פּרק משניות. ר' גרשון זאָגט און סרולטשע זאָגט נאָך אַ פּאָר מינוט און ווערט אַנטשווינגן. פרעגט אים ר' גרשון מיט גוטן:

— וואָס שווייגסטו, ישראל?

— כ'שווייג נישט, רבי, כ'לערן פאַר זיך . . .

— וואָס?

סרולטשע ענטפערט שוין נישט מער, נאָר קוקט גאָר תמעוואַטע אויף דער גאַס אַרויס. אַ קעלבל לויפט דאָרט אַרום און שפּרינגט אונטער פון דער צעעפנטער פרייד וואָס שפּאַרט פון אַלע זייטן.

— דרך ארץ, עם־הארץ דו!—צעבייזערט זיך ר' גרשון,—ביזט דאָך גאָר אַ ליגנער אויך—וואו לערנסטו דאָס?

— כ'לערן רבי, ווי נישט געלערנט עס איז דאָס קעלבל און ס'איז פריילעך . . .

— ביסטו דאָך אַ שגץ אויך, גיי!

האָט סרולטשע אויפגעהערט צו לערנען ביי ר' גרשונען און זיך געמאַכט אַז ער פאַרשטייט גאָרנישט וואָס מ'רעדט צו אים. האָט ר' גרשון אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט:

— אַ פאַרפאַלענער בור, שוועסטער. קענסט נאָך חרטה האָבן.

—ער איז אָבער אַן ערלעכער, זיינע הענט ווי פון אַ יגיע־כפּימניק. ר'האָט געגראָבן ליים.

— ס'איז אינגאַנצן אַ טעות, שוועסטער, ס'איז נישט דיין זווג.

— און אַ פשוטן יידן פאַרשעמען, איז ביי דיר גאָרנישט?

— רעדסט אַנטקעגן, אסתר, ר'איז אַן עם הארץ און די חכמים זאָגן, אַז ווער עס מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַן עם־הארץ, איז ווי ער בינדט זי פאַר אַ לייב . . . כ'האָב נאָר געדאַרפט פאָלגן די צוואה פונעם טאַטן ע"ה, אָבער — — — —

— רעד נישט אזוי, גרשון, מיין מאַן איז אַן ערלעכער ייד . . .

— ביסט אַן אשה,—האָט זיך ר׳ גרשון אַ בייזער געטאָן,—און אַן עקשנית, וועסט מוזן אוועק פון דאַנען.

— גוט, ברודער.

— הער, שוועסטער,—איז ר׳ גרשון ווייכער געוואָרן,—כ׳האָב דאָך אים שוין געפּרואווט מאַכן פאַר אַ משרת ביי די פערד, נו, פּאַרטייעט ער זיך אַלעמאָל און צעברעכט דעם וואָגן. ער טויג צו גאָרנישט. אפשר, משנה מקום משנה מזל. כ׳האָב אייך געקויפט אַ פערד און וועגעלע. אָבער אסתר, קענסט נאָך חרטה האָבן . . .

— כ׳וועל אזוי לאַנג זיין מיט אים, ביז זיין מויל וועט נעמען רעדן ווי איצט זיינע אויגן.

— פאָר געזונט,—האָט זיך ר׳ גרשונס קול געבראָכן, און מורא האָבנדיק אַז אסתר זאָל עס נישט באַמערקן, האָט ער אוועקגעאיילט און זי געלאָזט אַליין.

האָט אסתר זיך גענומען איינפּאַקן. אין האַרצן זיך געזעגנט מיט יעדע זאַך, וואָס זי האָט אָנגעטאַפּט אָדער אָנגעקוקט. זי איז אָבער נישט אומעטיק געווען, פאַרקערט, ס׳איז אַ שטילע פרייד אויפגעגאַנגען אין איר. פאַר די, אויגן איז איר געשטאַנען סרולטשעס געשטאַלט ווי ער שטייט אַ שווייגנדיקער און שמייכלענדיקער, און אַז זי פרעגט אים: וואָס איז סרולטשע? שווייגט ער ווידער. זי פילט אָבער אַז ער טראָגט אין זיך אַזעלכס וואָס מ׳קען נישט אַרויסרעדן. אָפט דאַכט זיך איר גאָר, אַז ער פאַרשטעלט זיך עפּעס. דאַמאָלט קלאַפּט אין איר דאָס האַרץ מיט פרייד און האָפענונג. זי איינע פאַרשטייט אים, נאָר זי פרעגט אים גאָרנישט, און סרולטשע קוקט בלויז אויף איר מיט דאַנקבאַרקייט. זיין בליק גלעט זי און זי באַשליסט צו טאָן אַלץ, אבי מיט אים.

איצט ביים איינפּאַקן זיך אוועקצוגיין פון דער היים, פילט זי אויך נישט קיין צער, ווייל זי ווייסט אַז סרולטשע וויל שוין פון לאַנג אוועק פון דאַנען. ער זאָגט, אַז ער דאַרף צוריקגיין אין וואַלד, און זי וועט גיין מיט אים אומעטום, און עס פרייט זי זייער וואָס זי טוט זיין רצון.

אויף צו מאָרגנס, זיינען זיי אַרויסגעפאָרן פון בראָד. קיינער האָט זיי נישט באַגלייט. און ווייל ס׳איז נאָך געווען זייער פרי, האָבן אפילו די שטוב מענטשן נישט געוואוסט, אַז זיי זיינען אוועק און נישט געקאָנט אפילו באַדויערן. ביים עק שטאָט נאָר, האָבן זיי געטראָפן מעכעלע שניידער, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין אין דאָרף אַריין זוכן אַרבעט. האָבן זיי אים אַרויפגענומען אויפן וואָגן. סרולטשען האָבן אַלע גוט געקענט און אביסל מקנא געווען פאַר

ווערן דעם רבס שוואָגער, נאָר זעענדיק זיי איצט האָט מעכעלע פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען און זיי געוואָלט אַביסל טרייסטן. ער האָט אָבער נישט געוואוסט ווי אַזוי און האָט גלאַט געפּרוּווט פאַרפירן אַ שמועס. האָט זיך עס נישט געקלעפּט, איז ער אויך געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. אסתר האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס שווייגן און געפרעגט גלאַט אַזוי זיך:

— ווייט אין דאָרף נאָך?

— דאָ פלעג איך כסדר פאָרן מיט אַלעקסין!

— מיטן ליים פירער?

— יאָ, ער איז אין די הייליקע מקומות זייערע אַוועק. ר׳וועט נאָך קומען.

פאַרשטייען ביידע נישט וואָס ער מיינט און שווייגן ווידער. אין אַ ווײַלע אַרום, האַקט מעכעלע איבער דאָס שווייגן:

— ר׳ ישראל, איר וועט פעלן ביי אונדז אין פּאָליש.

— ס׳זיינען דאָ גענוג סרולטשעס אין פּאָליש,—ענטפערט ער אים אָפּ און טוט אַ יאָג די פערד ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אָפּטרייבן פון זיך. מעכעלע וויל אָבער נישט שווייגן, דערציילט ער אַז זיי האָבן אַ נייעם בעל תפילה גענקראָגן. זיי ווילן אים רופן ר׳ לייב, נאָר ער לאָזט זיך נישט. וויל נאָר מ׳זאָל אים רופן לייב שרהס. „ס׳איז דיר אַ מאכל מיט אים,״—פאַרגייט זיך מעכעלע אין צוגעלאָזנקייט.—„ער ווייזט אויס אַ למדן און לאָזט זיך נישט אויפרופן צום ספר מיט מורנו. ער זאָגט, אַז די לומדים האָבן זיך אָפּגעטיילט פון פשוטן פאָלק און גרויסן זיך, גלייך די תורה איז געגעבן געוואָרן נאָר צו זיי אַליין.״

מישט זיך שוין דאָ אַריין סרולטשע:—„זיי האָבן גאָר פאַרגעסן ווי צו אַ פשוטן ייד צו רעדן. זיי האָבן נאָר ספרים.״

— אָבער אַז מיר קאָנען נישט אין די ספרים,—פּרוּווט מעכעלע אַריינ־שטעלן אַ וואָרט און קוקט דערביי אויף אסתרן, ווי ווילנדיק זען וואָס פאַר אַ רושם עס מאַכט אויף איר.

— אַז דער פּראָסטער ייד קאָן דאַווענען, איז גענוג פאַר אים.—האָט סרולטשע אַ זאָג געטאָן און אָפּגעהאַקט, ווי מורא האָבנדיק פאַר עפּעס. מע־כעלען האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז סרולטשע איז עפּעס גאָר אַן אַנדערער איצט. האָט ער זיך גענומען בעסער איינקוקן אין אים, אָבער גאָרנישט באַ־מערקט. אַ ייד ווי אַלע יידן, אַ באַוואַקסענער, מיט געזונטע הענט און ברייטע פּלייצעס, אַן „עמך״. ביי מעכעלען האָט זיך שוין אָבער די צונג אויפגעבונדן און ער האָט גענומען דערציילן און באַקלאָגן זיך אויף די פּרנסים און ראשי־הקהל. זיצט אסתר און קען נישט פאַרשטיין פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ פאַר־

ביטערקייט ביים שניידער. זי ווייסט אָבער נישט וואָס צו ענטפערן און שווייגט.

— דאָ איז עס! — האָט סרולטשע פלוצים אָפּגעשטעלט די פערד. — אָט דאָרט איז דער באַרג און דער וואַלד.

מעכעלע איז אוועק אין דאָרף אַריין זוכן אַרבעט און סרולטשע מיט אסתרן זיינען פאַרפאָרן דערווייל אין קרעטשמע אַריין.

האָבן זיי זיך באַזעצט אין דאָרף. די אַלטע לאַפּעטע איז נאָר געווען אַביסל פאַרזשאַווערט, האָט זי סרולטשע אָפּגעריבן און געזאָגט: „אַלעקסי האָט מיך אויסגעלערנט גראָבן ליים, וועלן מיר פון דעם לעבן." האָט אסתר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגענומען פאַר ליב. זי האָט שוין געפילט בחוש, אַז סרולטשע פאַרבאָרגט עפּעס אין זיך, און ס'האַרץ האָט איר געזאָגט אַז ס'איז צו גוטן. האָט איר נישט געאַרט וואָס אָפּט איז ער גאַנצע טעג נישט געקומען אַהיים, און ווען ער קומט שוין יאָ אַהיים איז ער אַזוי פאַרטאָן אַז ער זעט זי אפילו נישט. איין מאָל אין וואָך זיינען זיי צוזאַמען געפאָרן אין נאָענטן שטעטל אַריין דאָס ליים פאַרקויפן, און פון דעם האָבן זיי געלעבט.

גלוסט זיך איר אַמאָל זען וואָס ער טוט דאָרט גאַנצע טעג אַליין אין וואַלד, האָט זי זיך פאַרגאַנוועט מיט זייטיקע וועגעלעך און איז געטראָפן זיצן ביים טייכל וואָס פליסט פון די בערג אַרויס. די פיס איינגעגראָבן אין וואַסער, דאָס פנים פאַרפלאַמט און איינגעזויגן אין שפּיץ באַרג וואו אַן אָדלער פלאַטערט זיך געלאַסן און לערנט בנעימות זיינע יונגע צו פליען. פון צייט צו צייט ברומקעט ער זיך עפּעס אונטער דער נאָז און שווייגט ווידער. קאָן זי זיך נישט איינהאַלטן און שלאָגט אים איבער: „וואָס טוסטו, סרולטשע?" קוקט ער זי אָן און ענטפערט האַרציק: „אַז עס גלוסט זיך אים פליען, פליט ער. זינג איך אים דעם ניגון פון קענען פליען."

— פאַרשטייסטו דען, וואָס דער אָדלער וויל זינגען? — מאַכט זי האַלב פאַרשנדיק, האַלב איראָניש.

— דו מיינסט דען טאַקע, אסתר, אַז פאַרשטיין איז דער עיקר? פאַרשטיי איך דען דעם גאַנג פונעם וואַסערל? און פונדעסטוועגן קוויק איך זיך מיט אים. ס'איז געננוג אַז מ'פילט, און ס'ווערט שוין פריילעך אויפן האַרצן.

קוקט אים אסתר אָן און שמייכלט אין זיך. זי האָט זיך נישט אָפּגענאַרט אין אים.

אַזוי האָבן זיי געלעבט עטלעכע יאָר. און ווען קיין ברויט איז אין הויז נישט געווען, האָט מען אינאיינעם געהונגערט און נישט מתרעם געווען. איז דאָרט געווען אַ פרוי, אַ רייכע אַלמנה, האָט זי רחמנות געקראָגן אויף אסתרן

און איר טיילמאָל אַביסל שפּייז אונטערגעוואָרפן. האָט עס אסתרן ווי געטאָן און באַשלאָסן איבערצורעדן מיט סרולטשען: „ס'איז דאָך נישט קיין תּכלית אַזוי צו בידעווען.״ איז געבליבן, אַז זי זאָל פאָרן צו ר' גרשונען בעטן ער זאָל זיי העלפן. האָט ער זיך געבייזערט און געהייסן גטן זיך, נאָר אַז אסתר האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט ער פאַר זיי געדונגען די קרעטשמע אין אַ דאָרף צווישן בערג.

איז סרולטשע געוואָרן אַ קרעטשמער. ס'רעדט זיך נאָר אַבער אַזוי. די קרעטשמע האָט אסתר געפירט און סרולטשע פלעגט איר בלויז צוהעלפן פון ציט צו צייט. מערסטנס האָט ער זיך אין די בערג געדרייט, אויפגעזוכט אַ פלאַץ וואו קיינער זאָל אים נישט שטערן און דאָרט געזעסן גאַנצע טעג און נעכט. וואָס ער טוט דאָרט האָט קיינער נישט געוואוסט, אפילו אסתר נישט. „וואָס קען דען אַ פּשוטע אשה פאַרשטיין?״—האָט זי זיך געטרייסט און געזען ווי וויט מעגלעך צו פאַרהיטן אים פון זיצן מיט די פּויערים אין קרעטשמע. סרולטשע אַבער כאַפּט זיך יאָ אַריין אין קרעטשמע, מישט זיך אוים מיט די פּויערים און הערט זיך צו צו זייערע שמועסן. זינגט מיט זייערס אַ ניגון און זיצט ווי אַ פאַרשטיינערטער הערנדיק ווי זיי דערציילן פון זייער ביטער לעבן.

— היי קומע,* לאָמיר דעם וואָרעם פאַרגיסן, שטעל אַ באָטשקע!—פאַר־ ענדיקט זיך געוויינטלעך אַזאַ שמועס.

— שוין דאָס לעצטע מעסטל פאַרטרונקען, — ענטפערט יענער, — נאָכן פּריצס געביין זאָל אַזוי פּיל בלייבן, וויפל ביי מיר איז דאָ ברויט ביז צום פאַרזייען.

קען ער דעם פּויער און ווייסט, אַז ערשט לעצטנס האָט אים דער פּריץ געלאָזט שמייסן פאַר נישט לאָזן מאַכן אַ וועג אויף זיין פעלד, רוקט ער זיך צו נעענטער צו אים. דער פּויער איז אים אַבער חושד אין אַ שלעכטער כוונה און טרייבט אים פון זיך:

— וואוהין קריכסטו, ייד? גיי בעסער צום טיש און דערלאַנג צו טרינקען!

— האָסט שוין היינט נענוג געטרונקען, באַלעבאָס,—מאַכט סרולטשע.

צעלאַכן זיך די פּויערים און פאַרציען שטייפער די פּאַסקעס איבער די סערמיינגעס:—אַ פיינער סוחר ביסטו דאָס, סרולטשע!

ביסלעכווייז אַבער האָבן די פּויערים זיך צוגעוואוינט צו אים און אויך אָנגעהויבן דרך ארץ האָבן פאַר אים. זיי האָבן אָנגעהויבן באַמערקן, אַז עפּעס איז נישט פּראָסט מיטן קרעטשמער וואָס ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג אין

* קומע — פריינט, קרוב.

די בערג. אין קרעטשמע האָט מען איבערגעגעבן, אַז מ'האָט געטראָפן דעם קרעטשמער אַרומגעמען אַ בוים ווי מ'נעמט אַרום אַ לייבלעכן ברודער.

— אַ כישופמאַכער!—האָט איינער פון די צוהערער אויסגעשפּיגן.

— ביים זיך בעסער אָפּ די צונג!—האָט דער דערציילער זיך געשפּאַרט מיט יענעם.—אַ כישופמאַכער וואַרפט אָן אַ שרעק אויף אַלץ. וואו ער גייט, קומט באַלד די קללה נאָך, אָבער ער—אַ פריידן האָט געשטראַלט פון אים; דאָס גאַנצע פעלד האָט דאָך אויסגעזען ווי ערשט אויפגעאַקערט, און פייגל האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט...

— אַ הייליקער!—האָבן די פּויערים באַשטימט און אָנגעהויבן אים נאָך מער נאָכקוקן. האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ער שטייט אָפּ שעהנווייז אונטער אַ בוים אַ פאַרטראַכטער; זיי האָבן געזען ווי ער שטעלט זיך אָפּ אוועק אינמיטן פעלד אַ פאַרחושטער און אַרום אים זאַמלען זיך וועווערקעס און פייגל. פאַרציט ער מיט אַמאָל אַ ניגון, דאַכט זיך זייערער אַ ניגון, אַ ניגון פון פּשוטן פאָלק, אָבער ער ציט אים אַנדערש, אַזוי איידל און צוגעלייגט אַז ס'נעמט אָן ביי דער נשמה. דאַכט זיך זיי, אַז אַלץ זינגט מיט אים דאַן, אפילו די גראָזן שורשען צום טאַקט פונעם ניגון און די בערג זיינען אויך נישט קיין שטומע, נאָר לעבעדיקע צוהערער.

פאַרגייט דאָס האַרץ ביי די פּויערים און זיי פאַלן אויף די קני צלמענדיק זיך: „און זאָלסט באַשיצן אונדז, הייליקער גייסט, אין אונדזער עלנט און פּיין, אמן."

האָט דאָס איין פּויער דעם אַנדערן דערציילט מיט חידוש און שטוינונג און מ'האָט אין גאַנצן דאָרף שוין גערעדט, אַז אַ הייליקער איז צווישן זיי און אים גרויס כבוד אָפּגעגעבן. שטילערהייט פלעגן זיך אפילו אָרעמע פּויערים און פּויערטעס פאַרגאַנווענען צו אים און פרעגן אָן עצה און בעטן אַ ברכה. סרולטשע אָבער פלעגט זיי שמייכלענדיק טרייסטן: „נאָר נישט אָפּ־געלאָזט, שכנים, אַ מענטש דאַרף פריילעך זיין און די נשמה איז שוין ריין." דערביי פלעגט ער אָנהייבן דערציילן אַ מעשה, וואָס איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים, און מ'פאַרגעסט דערווייל אין דער אייגענער נויט און פּיין. און ווען ער ענדיקט דערציילן דערפילט מען ערשט, אַז מ'איז עפּעס אַן אַנדערער געוואָרן און מ'גייט צוריק צו דער פּראַצע און מי מיט נייער האָפענונג און מוט.

ג

האָט אין די בערג דאָרט זיך אויך אַרומגעבלאָנקעט דער גזלן דאַבאַש מיט זיין באַנדע. ווען אים זיינען די דזשאַדעס* אויף די יאַרידים, און דאָס פּשוטע פאָלק קען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון זיין גוטסקייט און איידלקייט צום אָרעמען מענטשן. איז געווען, ווען דאָבאָשעס לייט האָבן געזען סרולטשען אַרומשלייען צווישן די פעלזן, האָבן זיי אים חושד געווען, אַז ער קוקט זיי נאָך כדי זיי איבערצוגעבן אין די הענט פון מלכות. האָבן זיי באַשלאָסן צו כאַפּן אים און שלעכטס טאָן. איז אָבער ביי זיי געווען אָנגענומען, אַז מ'טאָר נישט אָנפאַלן אויף אַ מענטשן פון הינטן און מ'טאָר נישט באַרויבן קיין אָרעמאַן. האָבן זיי זיך געלאָזט אַנטקעגן אים און געזען ווי ער שפּרינגט פון פעלז צו פעלז אַ פאַרטראַכטער, האָבן זיי געוואַרט צו זען וואָס ער וועט ווייטער טאָן. מיט אַמאָל דערזעען זיי ווי ער הייבט אויף אַ קליין פייגעלע און נעמט קלעטערן דערמיט צום שפּיץ פון פעלז, וואו די נעסט איז געווען, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז ער האָט זיי נישט אין זינען און אים אָפּגעלאָזט. און ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אין דאָרף פונעם וואונדערלעכן קרעטשמער, האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען ווער ער איז און אים אויך גרויס כבוד אָפּגעגעבן.

איינמאָל האָט אים דאָבאָש אַליין באַגעגנט. סרולטשע איז פּונקט דאָן געשטאַנען אַ פאַרטייעטער צווישן די גראָזן. האָט עס דאָבאָשן געוואונדערט. האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— מענטש, וואָס טוסטו דאָ?

— כ'לעב דאָ.

— נאָך וואָס?

— כ'זוך אים . . .

— מיינסט אפשר מיך? אָט בין איך. דאָבאָש דער גזלן רופט מען מיך, אָבער די וואָס רופן מיך אַזוי, זיינען גרעסערע דראַבעס** פון מיר. איך רויב נאָר ביי די פּריצים, די הינטישע זין, וואָס האָבן מיינע ברידער פאַרשמיסן. ווילסט דערציילן דעם פּריץ, קענסטו. כ'וועל סיי ווי נישט זיין דאָ מאָרגן, אָבער דיך וועט עס קאָסטן דיין לעבן.—האָט דאָבאָש שטאָלץ אויסגעלאָדן זיך מיט אַמאָל.

— דו האָסט דאָך געזאָגט אַז דו רויבסט נאָר פּריצים,—האָט אים סרולטשע געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

*דזשאַדעס — אַלטע, בלינדע בעטלער וואָס זינגען פאָלקס לידער און באַלאַדעס, און שפּילן דערביי אויף לירעס.

**דראַבעס — רשעים.

—אמת טאַקע, די דזשאַדעס זינגען שוין לידער וועגן מיר. דאָס פֿאָלק האָט מיך ליב. — האָט דער גזלן אַרויסגעשטעלט די גאַנצע גאווה זיינע.

— מיך רופֿט מען סרולטשע.

— ביסטו דער קרעטשמער?

— יאָ, און ווער ביסטו?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, דאָבאָש דער גזלן.

— דאָס ווייס איך שוין, אָבער ווער ביסטו אַליין?

דאָבאָש האָט נישט פֿאַרשטאַנען זיין פֿראַגע.

— נו, דו אַליין ווער ביסט?

— כ'ווייס נישט, כ'נעם זיך אָן פֿאַרן פּשוטן פֿאָלק.

— און פֿונדעסטוועגן ציטערסטו פֿאַר יעדן מענטשן.

— מ'קען נישט אַלעמען גלויבן.

— און דיר אַליין גלויבסטו, דאָבאָש?

— וואָס מיינסטו, קרעטשמער?

— נו, דו אַליין, גלויבסט אַז דו ביסט אַ גזלן?

— ווער טראַכט פֿון דעם?

— אַ מענטש מוז טראַכטן, דאָבאָש, בפֿרט אַ מענטש וואָס פֿירט אַנדערע און וויל נאָך טאָן גוטס דעם אָרעמען פֿאָלק.

— און דו, וואָס טוסטו צו דעם?

— כ'זוך אים . . .

— וועמען?

— דעם, וואָס אַלץ איז זיין . . .

— ווילסטו אים דאָ געפֿינען?

— וואו ס'איז שווערער דעם מענטשן צו לעבן, דאָרט קען מען אים גרינגער דערשפּירן. ער איז אומעטום. און דאָרט וואו די סכנה איז גרעסער און די וועלט שטילער, פֿילט מען אים בעסער.

— וועגן מיר זינגט מען נאָר, ווען כ'מאַך אָן אַ רעש און אַ טומל . . .

— מ'וועט עס פֿאַרגעסן, דאָבאָש. דו אַליין געדענקסט זיך אויך נאָר אין שטילקייט.

— ביסט גערעכט, סרולטשע. אין די אויסגעשטערנטע נעכט, דאַכט זיך מיר אַמאָל, אַז די פֿעלזן שפּאַרן זיך אָן איינער אויפֿן אַנדערן און הערן זיך איין ווי ס'פֿאַלן די שטערן. ווייל איך אויך עפּעס פֿאַרנעמען, הער איך בלויז ווי עס פּליעסקעט זיך דאָס וואַסערל אונטערן פֿעלז. ווערט מיר פֿריקרע און שווער אויפֿן האַרצן, טו איך זיך אַ נעם צו דער שווערד און לאָז זיך אין אַ דאָרף צו אַ פֿריץ . . .

— נו?
— פאַרגעס איך מיך . . .
— פאַר וואָס זשע ביסטו געקומען צו מיר, דאָבאָש?
— כ׳קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, סרולטשע.
— אַ סימן אַז דו ביסט נישט דאָס וואָס דו ביסט, דאָבאָש . . .
אַן אָדלער האָט זיך אויפגעהויבן איבער זייערע קעפּ און מיט אַ פלאַטער זיך געלאָזט איבערן טאָל. דאָבאָש האָט געכאַפּט די ביקס און גענומען צילן צום אָדלער.
— ער, זוכט אין דער הויך, דאָבאָש.
אַ פאַרשעמטער, האָט דאָבאָש אַראָפּגעלאָזט די ביקס. פון דאַן אָן איז דאָבאָש פאַרשוואונדן פון די בערג. פויערים האָבן דערציילט, אַז מ׳האָט אים געכאַפּט און געפערטלט אין לעמבערג, אַנדערע האָבן איבערגעגעבן, אַז ר׳איז מיט זיינע מענטשן אוועק אויף יענער זייט בערג און געוואָרן אַ פּשוטער פויער. נאָר ווען ס׳פלעגט זיך אים פאַרבענקען נאָך זיין היים, פלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן אין די בערג און וואַנדערן דאָרט וואָכן לאַנג, זוכנדיק סרולטשען צווישן די פעלזן. אָבער וועגן דעם האָבן די דזשאַדעס שוין נישט געזונגען.

ד

אויף ימים נוראים, זיינען זיי און די אַנדערע ישובניקעס פון דאָרף געפאָרן אינעם נאָענטן שטעטל. האָט אסתר זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון דער ווייבערישער שול און סרולטשע ביי דער טיר פון דער מענערישער שול. דאָרט זיינען אויך געשטאַנען אַלע אורחי־פּורחי, די ישובניקעס און סתם פּראָסטאַקעס. געוויינטלעך האָט מען זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, נאָר אָפּט פלעגט זיך דער שמש צוכאַפּן צו איינעם פון זיי און אַריינקוקן אין מחזור צו זען אויב ער ווייסט וואו מ׳האַלט . . . דער ישובניק פלעגט זיך פאַרשעמען און אַראָפּרוקן דעם טלית איבערן קאָפּ. סרולטשע פלעגט שטיין אָן אַ מחזור און מיט פאַרמאַכטע אויגן שטיל שאָקלען זיך און מורמלען. קונדסים האָבן עס דערזען און זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און געכיכיקעט, וואַרטנדיק בלויז אויף אַ געלעגנהייט צו קענען אים אַריינשרייען: „גנילקע!״* אָבער אַז ער האָט געעפנט די אויגן, האָבן זיי דערפילט אַזאַ ליכטיקייט ווי עפּעס פון אַן אַנדערער

* אַזוי פלעגט מען רופן די ישובניקעס. דאָס מיינט אַזאַ מין באַרעלע וואָס ווערט ערשט פאַרטיק אויף שטרוי, ווען ס׳איז שוין האַלב פאַרפוילט.

וועלט האָבן זיי אים געלאָזט צורו. סרולטשע האָט אבער אנגעהויבן דאַווענען אין פּאָליש מיט די בעלי־מלאכות. ווען אסתר האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז אוועק פון שול, האָט ער איר געזאָגט:

„די אייגעלעך פון פרנס שטעכן אונדז דורך, און די באַלעבאַטים יחוסן זיך מיטן לומדות, אָבער די אויגן פון די בעלי מלאכות ווארעמען מיט הכנסת־אורחים. אפילו האַלטנדיק די מחזורים פאַרקערט, דאַווענען זיי ווארעמער."

ווען דער ישוב איז געוואָרן גרעסער אינעם דאָרף, האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן אַליין אַ מנין. די פרייד ביי די ישובניקעס איז דערפון געווען זייער גרויס: אי מ'וועט מער נישט דאַרפן איבערלאָזן האָב און גאָב אויף גויאישע הענט, און אי מ'וועט פאַרשפּאָרן רויט ווערן פון די ביטול־קוקעלעך פון די שטאָטישע אין גאַס, די זייטיקע בליקעלעך ביים עסן אומבאַהאָלפן מיט די שטאָטישע לעפל; און וואָס גאָר וויכטיק, מ'וועט נישט דאַרפן ווערן דווקא אַ בעל־יאַרצייט כדי צו קריגן אַן עליה . . . און אוודאי נישט מורא האָבן טאָמער מאַכט מען אַ גרייז ביים עולה לתורה זיין. ס'איז נאָר געווען איין שוועריקייט: וואו נעמט מען כאָטש איינעם אויפצורופן מיטן טיטל „מורנו", ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס וואָס מ'גיט זיי קיין עליה נישט, נאָר מ'לאָזט זיי קוקן ווי די מורנוס גייען מיט אויפגעשטעלטע עטרות און ערנסטע ימים־נוראים פּנימלעך צו דער בימה, איז ווייל ימים נוראים מעגן נאָר מורנוס עולה תורה זיין . . . איז וואו וועלן זיי נעמען אַ מורנו? האָט מען שטיל צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז אַזוי ווי סרולטשע קען זינגען, וועט ער דאַווענען פאַרן עמוד, וועט ער שוין זיין דער מורנו . . .

האָט מען טאַקע אַזוי געטאָן און מ'האָט געהאַט פריילעכע ימים־נוראים. סרולטשע האָט געדאַוונט מיט מתיקות און מיט טעם, אַז ס'איז צעגאַנגען אין יעדן אבר. מיט דער תורה האָט מען איינגעטיילט אַלעמען; און נישט מורא האָבנדיק פאַר די פרעמדע אויגן וואָס וואַרטן אויף אַ גרייז, האָבן אַלע זיך בשלום דורכגעראַטשקעט די ברכות. איז ערשט געווען דער אמתער יום־טוב. מ'האָט גאָרנישט געפילט אַז ס'איז אין די אימהדיקע טעג, ווייל אַרום און אַרום איז אַזוי שיין; סוף זומער שפּילט מיט טויזנטער רויטע און געלע פאַרבן; אויף די פעלדער וואָס האָבן אויסגעקוקט נאָכן שניט, ווי פּויערישע מאָרדעס שוין לאַנג נישט געגאָלטע, האָבן זיך געצויגן די ווייסע צויטן פון סוף־זומער שפּינוועבס, וואָס בלישטשעט קעגן דער זון ווי ווייסער זייד. דאָס איז אַ סימן, אַז אָט־אָט און ס'וועט אַ בלאָז טאָן אַ קאַלטער ווינט. דערווייל אָבער איז פריילעך אויף די פעלדער: מ'גראָבט קאַרטאָפל און מ'פירט שוין קרויט. סע שמעקט מיט געדיכטן ריח פון שווערער פּראַצע און געזיכערטער זאַט. האָבן די ישובניקעס געשפּירט דעם דאָזיקן ריח און זיי האָבן מיט די נאָזלעכער דערשמעקט דאָס

דאוועגען ווי א באטעמט מאכל וואס עסט זיך פון זיך אליין. זיי האבן זיך צעלאזט אויפן קול און געהאקט די שווערע עברי ווי דאס מעסער האקט די קוליעס שטרוי אין שעטשקארניע*. האבן זיך די פויערים אפגעשטעלט פאר דער קרעטשמע וואו מ'האט גדאוונט און הנאה געהאט: „די זשידעס מאדליען זיך." ס'איז עפעס לייכטער די ארבעט, וויסנדיק, אז ווען דו ארבעטסט, בעט אן אנדערער צו זיין גאט. האבן די היימישערע, טאקע אויך אריינגעשריגן אין קרעטשמע אריין:—„בעט שכנים, בעט אייערן, עס זאל א לייכטער ווינטער זיין, בעט!"

האבן זיי די ישובניקעס געענטפערט מיט א הויכן האקן די עברי און סרולטשע האט פארצויגן א נייעם טראלד אינעם ניגון פון נוסח. אזא דאוועגען האבן די ישובניקעס געהאט ס'ערשטע מאל אין לעבן. וואס קומט אבער ארויס? אז ס'איז זיי דערנאך אויסגעפאלן באקים**, ווייל ווען מ'איז אין שטאט געווען דערפון, האט דער פרנס באפוילן אז זיי זאלן גלייך קומען אין שטאט אריין ענטפערן אויף דעם, פארוואס זיי האבן געמאכט א מנין אן דער דער־לויבעניש פון קהל. דער סוכות איז שוין געווען א פארשטערטער, ווייל ערב־סוכות האט סרולטשע צוזאמען מיט אלע ישובניקעס גדארפט אין די זאקן קומען אין בית המדרש אריין און בעטן מחילה פונעם פרנס און די דיינים. דאס גאנצע שטעטל איז געשטאנען ארום די פענצטער און געחוזקט פון די ישובניקעס, וועלכע זיינען מיט פינצטערע פנימער געשטאנען אין בית־מדרש און געטעלעפעט מיט די צונגען נישט קענענדיק עפענען דאס מויל ווי געהעריק.

די דיינים מיטן פרנס האבן זיך לאנג געישובט און געאמפערט צווישן זיך און צו לעצט געפרעגט ווער ס'איז געווען דער בעל תפילה. סרולטשע האט זיך ארויסגערוקט און זיי האבן אים גענומען פארהערן אין נוסח. האט ער נישט מיט אלע ענטפערס צוגעטראפן צו דער דעה פון זיינע פארהערער, האבן זיי זיך געקנייטשט און געקרימט. האט דער עולם ארום זיך שוין גאר געלאזט וואוילגיין, און דער חוזק איז געוואקסן איבער די קעפ פון די ישובניקעס ווי א שווערע משא. האבן זיך א טייל געבויגן און אנדערע האבן זיך מער נישט געקענט איינהאלטן און געוואלט געבן פעטש, האט זיי סרולטשע קוים צוריק־געהאלטן און זיך געווענדט צו די דיינים:

— ביי אונדז דארט, איז ליכטיקער ווי דא.

— א חוצפה, אזוינס איז נאך נישט געהערט געווארן!—האט דער פרנס זיך געקאכט.

* שעטשקארניע—א מאשין צו שניידן שטרוי.

** באקים—פארקערט, שלעכט, געהאט צרות דערפון.

— איר זעט, דייניס, — האָט זיך אויך סרולטשע נישט געקענט באַהערשן, — ס'איז דאָ אַזאַ גרויסע וועלט מיט וואונדער און נאָר די קליינע הענט פאַר־שטעלן . . .

איז דער פּרנס שוין נאָר אַרויס פון די כּלים און געסטראַשעט מיט קנס און מלקות, די דייניס אָבער זיינען ווייכער געוואָרן. זיי האָבן עפּעס דערפילט אין זיין קול מער ווי אין די רייד, און האָבן זיי בלויז געמאַכט אַן אויסרייד און באַשטראָפט מיט שיקן האָלץ אויפן ווינטער פאַרן בית־מדרש. סרולטשע אָבער האָט פון דאַן צוגעקראָגן אַ טיטול. די ישובניקעס האָבן אים שוין גערופן ר' סרולטשע קרעטשמער.

און פּונקט דאַן איז אויך אַלעקסי צוריקגעקומען פון זיינע נסיעות. געקומען אַ שטילער און צוגעלאָזענער, האָט ער גערעדט געלאַסן און ווייך צו אַלעמען. פּויערים האָבן אים כּבוד אָפּגעגעבן, ווייל ער האָט פון די הייליקע מקומות דערציילט און פאַר יעדער זאַך אַ גלייכוווערטל געהאַט. ער איז געוואָרן גאָר גיך היימיש מיט אַלעמען, און געהאַלפן אין קרעטשמע מיט דער באַלעבאַטיש־קייט. גאַנץ אָפּט פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן מיט סרולטשען אויף גאַנצע טעג. ווען ער פלעגט צוריקקומען פלעגט ער זיך אַנדערציילן וואונדער פון די קרייטעכצער וואָס זיי האָבן ביידע געפונען, מיט וועלכע מ'קען היילן קראַנקע. האָבן די ישוב־ניקעס און די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער גענומען קומען צום קרעטשמער פרעגן עצות און זוכן רפואות. פלעגט ער זיך אויסבאַהאַלטן. זיינען אָבער אַ סך געהאָלפן געוואָרן, האָט מען אים נישט אָפּגעלאָזט. האָט זיך זיין שם צעטראָגן אויך אין ווייטע געגנטן, און דאָרט האָט מען שוין נאָר געוואוסט פון דעם הייליקן מאַן דעם „בעל שם" וואָס וואוינט אין אַ דאָרף און היילט מיט קרייטעכצער. ווייל אַזוי איז געווען דאַן דער מנהג צו רופן דעם וואָס היילט אין גאָטס נאָמען מיט קרייטעכצער. סרולטשע אָבער פלעגט זיך נאָך אַלץ אויסבאַהאַלטן פון מענטשן. האָט מען אים געזוכט אין די וועלדער אַרום, צווישן פעלזן, אָבער זעלטן אַז מ'האָט אים געפונען ווען ער האָט נישט געוואָלט.

און אַלעקסי האָט אין דעם אַ סך צוגעהאָלפן, ווייל ער האָט געוואוסט וואו דער „בעל־שם" געפינט זיך און פלעגט קענען קונציק אוועקשיקן די מענטשן אויף אַן אַנדער פּלאַץ. האָבן אָבער די געקומענע נישט געוואָלט אָפּטרעטן. פלעגן אָפּזיצן טעג און וואָכן זוכנדיק אַ געלעגנהייט אים צו טרעפן. און ווען זיי פלעגן קומען אַהיים האָבן זיי געהאַט צו דערציילן וואונדער איבער וואונדער, וואָס זיי האָבן געהערט און אַליין געזען פון דעם קרעטשמער וואָס באַהאַלט זיך אויס אין די בערג. לומדים און באַלעבאַטים האָבן געצויגן מיט די אַקסל און אַפילו חוזק געמאַכט, אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז מ'דאַרף אים

רופן לדת* און געוואַר ווערן ווער ער איז. דאָס פּשוטע פאָלק אָבער האָט געצויגן צו אים און אים געזוכט. אויסגעליִיגט פאַר אים זייערע טענות און צרות, און פון זיינס אַ וואָרט געטרייסט געוואָרן.

האָבן אים אַ סך געבעטן ער זאָל זיך באַזעצן אין אַ שטאָט, האָט ער אָבער אַלעמאָל אויסגעמיטן צו געבן אַ קלאָרן ענטפער. ביז איינמאָל אין אַ פּראָס־טיקן טאָג, האָט ער דורכן פענצטער פון זיין הויז דערזען אַז אַן ערה יידן קומט אָן. האָט ער גלייך פאַרשטאַנען ווער זיי זיינען און מיט דער הינטער טיר זיך אַרויסגעכאַפּט און אַוועק אין די בערג.

די וועלט אַ ווייסע, האָט זיך געשפּיגלט אין דער זון: ביימער מיט דורכ־זיכטיקע אייז צעפּלעך, האָבן געקוקט פאַר זיך אַראָפּ אין די טאָלן, און אַלץ אַרום האָט דערציילט פון אַ שטומער וועלט וואָס וואַרט אויף עפּעס. פון צייט צו צייט האָט בלויז אַ חיהלע אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אַ נאָרע און מיט פּחד אים צוריק באַהאַלטן. סרולטשע האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט גע־פינען. עפּעס האָט אים געפעלט, נאָר ער האָט זיך נישט געקענט געבן קיין ענטפער וואָס עס איז. פון מינוט צו מינוט איז די אומרואיקייט געוואַקסן אין אים און ער האָט זיך דערפילט ווי אין אַ פּאַסטקע: אַרום און אַרום בערג מיט שפּיציקע שניי קרוינען; אַ בלענדעניש פון ווייס, געהילט אין אַ בלויען קרייז פון ווינטערדיקן און גלאַזיקן הימל; און נישט באַמערקנדיק איז ער אַ פּאָל געטאָן אין שניי און אַזוי געבליבן ליגן אַ פאַרטייעטער, מורמלענדיק בלויז: „אַז וואו זאָל איך גיין איצט? וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טאָן?"—און ליגנדיק אַזוי, האָט אים אַ גרויס בענקעניש אַרומגעכאַפּט, אַ בענקעניש אַלץ אַרומ־צונעמען, איינצוזאַטעמען און ווערן איינס מיט דעם; און די בענקשאַפט האָט געצויגן און געריסן פון אָרט, נישט געלאָזט אָנהאַלטן די פאַרטייעטקייט און צווייפל. ער האָט אָנגעהויבן זען פאַר זיך דאָס בוידעם־שטיבל אין וועלכן ער האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן. ער האָט דערפילט דעם גלעט פון דער באָבע צביהס אויסגעדאַרטער האַנט און געהערט איר קול פון זייער זייער ווייט: „אומזיסט האָפן דען יידן? האַ, וואָס זאָגסטו, סרולטשע?" און אָט קומט אים זשאַמעלע אַנטקעגן מיט אַ שמייכלענדיק פּנים: „וואָס ליגסטו עפּעס דאָ־סרולטשע? די וועלט איז אַזאַ אָפענע און ברייטע, קום!" און אָט איז ער גאָר אין פּאַליש, הינטערן אויוון. פונעם אָפענעם טירל שיינט אַרויס אַ רויטער פלאַם און עמיץ שטייט הינטער זיינע פּלייצעס און קוקט אַזוי ליב; און באַלד פאַרשווינדט אַלץ און ער איז גאָר אין בראָד. אינעם קליינעם בית־מדרשל וואו ער האָט אַמאָל געדאַוונט, איז ענג, דושנע. אַלע זיצן צונויפגעדריקט און הערן זיך איין צו פּראָסטע רייד פון אַ פרעמדן יידן, אַ הויכן און אַ מאָדנעם: „ווער

* לדת — צום משפּט.

איז ער דער ייד? אהא, דאָס איז דאָך דער, וואָס לאָזט זיך נישט רופן „רבי", נאָר פּשוט לייב שרהס . . . וויל ער זיך גוט איינקוקן און בעסער דערזען דעם הויכן יידן, שווימט ער מיט אמאָל אַוועק; און ווען ער האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט ער מיט אמאָל דערזען, אַז ס'איז שוין נאַכט. איבער אים אַן אויסגעשטערנטע וועלט, פאַרהילט אין שטילן סוד פון באַרג און טאָלן. און אויך אין אים איז עפּעס שטיל געוואָרן, עס קוועלט און ריזלט מיט שלווה און אויסגעלייטערטקייט: „ס'איז אַזוי שיין אויף דער וועלט"—מורמלט ער צו זיך אַליין און לאָזט זיך צוריק אין דאָרף אַריין. פּלוצים, אַ געהייל פון ווייטן, פון וואַלד; אַ געהייל אַ הונגעריקער און יאָמערלעכער. דאָס האָבן הונגעריקע וועלף אַזוי געשריגן נאָך עסן, נאָך רויב. דער וואַלד איז ווי אויפגעוואַכט געוואָרן. מיט אייליקן געשאָרך לויפן שוואַכע חיהלעך אין טויט שרעק זיך ערגעץ וואו באַהאַלטן. האָט אים אַ צער אַרומגענומען. פון דער פריערדיקער לויטערקייט איז געבליבן נאָר אַ ציטעניש צו מענטשן, צו גיין און דערציילן, עפּעס זאָגן. ער ווייסט נאָך אַליין נישט אויף קלאָר וואָס ער וועט זאָגן, נאָר עס ציט אים און ער פילט אַז ער וועט זאָגן. האָט ער גענומען פאַרגיכערן די טריט. און אַז ער האָט דורכגייענדיק דורכן שטאַל געהערט דאָס שטילע מעקען פון זיינע בהמות, האָט עס צו אים ווי שטיל גערעדט: „מ'דאַרף גיין, מ'דאַרף זיך אומקערן צו היים און אייגענע."

איז ער געגאַנגען, און אין שטוב געטראָפן אַן עדה יידן וואַרטן אויף אים מיט אומגעדולד. אַז זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אים אין פּנים נישט געקאָנט קוקן, אַזוי געלייטערט איז עס געווען. האָט ער נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי קוקן אים נישט גלייך אין פּנים אַריין און זיי צוגעוואָרפן: „יידן דאַרפן זיך קוקן גלייך אין די אויגן אַריין"—האָבן זיי זיך פאַרשעמט אָבער געשוויגן, נאָר איינער האָט זיך אַרויסגעטיילט פון עולם און זיך געקלאָגט:

— פאַרוואָס באַהאַלט איר זיך פון אונדז?

האָט די פראַגע אים אַזוי דורכגענומען און אַ שניט געגעבן דורך און דורך, אַז ער האָט זיך גלייך דערפילט פריי פון דער משא פון זיין פאַרשטעלט. מיט אמאָל האָט ער דערשפּירט אַז ס'פאַלט אַראָפּ דער צודעק מיט וועלכן ער איז געווען פאַרדעקט און פאַרשטעלט אַזוי לאַנג. ס'איז אים לייכט געוואָרן צו קוקן אויף דער עדה, אָבער פונקט אַזוי שאַרף און שניידנדיק ווי אַן אָנגעשאַרפטער חלף, האָט ער געשפּירט זייערע בליקן. אַזעלכע מאָנענדיקטרויעריקע. האָט ער געוואוסט אַז זיי קומען עפּעס מאָנען, עפּעס פאַרלאַנגען, אָבער ער האָט געזען אַז זיי וואַגן נאָך נישט, אַז אַ וואַנט שטייט נאָך צווישן זיי און אים. האָט עס אים נאָך מער גענומען ציען צו זיי, נאָר מער ווי אַ פראַגע האָט ער נישט געקענט אַרויסברענגען:

— נאָך וואָס זענט איר געקומען?

— מיר האָבן געהערט אייער נאָמען, וואָס קלינגט אין אונדזערע מקומות,—האָט אים דער זעלבער פרעגער אַ פאַרצאַפּלטער אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין.

— גייט אַרויס אין פעלד, וועט איר זען ווי ס'איז שיין. גייט אַרויס אין וואַלד, וועט איר דערהערן ווי ער לעבט מיט אַלע זיינע באַשעפעניש. ס'איז אַזאַ פרייד — ס'איז אַזאַ — —

— און ביי אונדז אין דער באָד גאַס, גייט מען אויס פון קעלט און פחד,—האָט אים יענער איבערגעהאַקט.

— ווער זענט איר עס און וואָס ווילט איר?

— לייב שרהס רופן מיך אַלע, און איך זאָג אייך, אַז ס'איז נישט גענוג צו זיצן אין די בערג און זען ווי דער וואַלד לעבט. קומט זען ווי יידן לעבן . . .

ביי די ווערטער האָט דער עולם זיך אַ וויג געטאָן פאַר שרעק, ווייל סרול־טשעס פנים האָט זיך גענומען בלייכן, אַלערליי קאָלירן באַקומען. אָבער דאָ האָט זיך אַלעקסי אַריינגעשטופּט און זיך אַנידערגעשטעלט לעבן אים.

— זיי זיינען גערעכט, סרולטשע, אויך אין דאָרף גייט מען אויס פון שרעק און הונגער.

— דאַרף מען ברענגען אַביסל פרייד,—האָט זיך סרולטשע אָפּגערופן.

— יאָ,—האָט ר' לייב שרהס מיט פריילעכקייט אויסגעשריגן,—יאָ, בעל שם!

— דאַרף מען ברענגען פרייד,—האָט סרולטשע נאָכאַמאָל צו זיך אַליין געחזרט די ווערטער.

דעם עולם איז אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן, און איינער פון עולם וואָס איז געווען אַזוי פאַרטאָן, אַז ער האָט נישט געפילט צי ער איז וואַך צי ער חלומט, האָט גענומען ציען אַ ניגון אַ פריילעכן. ער האָט נאָר פאַרוואָרפן איין טאָן, האָט אים שוין דער עולם אונטערגעכאַפּט און אים געצויגן פון טאָן צו טאָן, געקייקלט אין פאַלן, פון פריילעכקייט צו פאַרטיפטקייט, פון פאַרטיפטקייט צו צוגעלייגטקייט ווי אַ מין מרה שחורה וואָס פרעסט אַ מענטש און מע ווייסט נישט פאַר וואָס, נאָר מיט אַמאָל טוט אַ שיין אויף די זון, אָדער מ'האָט מיט אַמאָל דערזען אַ קליין קינד טוט אַ פאַרצי דאָס פנימל און מאַכט אַ חנדל, און ס'איז שוין ווידער פריילעך דעם מענטש. זיין נשמה האָט זיך אין עפּעס אַ

לייטער געטאָן און ער איז פול מיט פרייד און גלויבן. אזוי האָט זיך געצויגן דער ניגון. קיינער האָט שוין נישט געוואוסט וואו איז דער אָנהויב פון ניגון און וואו דער סוף. ר׳האָט זיך געצויגן פון זיך אַליין, פון דער נשמה ארויס; אַ געזאַנג אַ פולס, אַ פריידיקס, אַזאַ וואָס דערציילט אַז מ׳האָט געפונען דאָס, וואָס נאָר די שפּראַך פון ניגון קען ארויסרעדן, נאָר דער ניגון אָן ווערטער דריקט עס אויס.

און ווען דער מאָרגן שטערן האָט אריינגעבלייכט אין פענצטער, האָט מען זיך, ווי פון זיך אַליין, גענומען שטופּן צו דער טיר און זיך געלאָזט אין וועג אריין צום שטעטל. אסתר איז געשטאַנען ביי דער טיר און געוויינט פון פרייד. סרולטשע איז איר פאַרבייגעגאַנגען און אריינגעקוקט מיט ליבשאַפט אין די אויגן. האָט זי זיך נאָך מער צעכליפּעט, האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און שטיל איינגערוימט: „אסתר, מ׳דאַרף עס אָנהויבן מיט שמחה.״

קיינער האָט אייגנטלעך נישט געוואוסט נאָך וואָס מ׳איילט זיך אזוי פרי אין שטעטל אריין, נאָר אַלע האָבן געפילט אַז מ׳דאַרף גיין וואָס שנעלער. יעדערער האָט געוואָלט וואָס פריער אָנקומען מיט דער בשורה, אַז מ׳האָט טאַקע געפונען; און מער פון אַלע איז ר׳ לייב שרהס געווען זיכער, אַז ער האָט געפונען דעם, וואָס וועט מיט פרייד דערוואַרעמען די פאַרפראָרענע אין די פאַלישן. האָט ער אַלץ אונטערגעיאָגט דעם עולם:

— זינגט יידן! דער נסתר איז נתגלה געוואָרן, ס׳וועט שוין זיין ליכטיק, יידן! זינגט ווי איר קענט!

האַלץ העקער וואָס האָבן זיך געאיילט פאַרשלאָפענע אין וואַלד אריין, האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט מיט שטוינונג. דערזעענדיק אָבער זייער „הייליקן שכן״—ווי זיי האָבן דעם קרעטשמער גערופן—אין מיטן אַ עדה יידן, האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, און זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט געבעט:

— דו לאָזט אונדז איבער, הייליקער? און ווער וועט זיין מיט אונדז?

ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט צו ענטפערן, ווייל ר׳ לייב שרהס האָט פּלוצים דערזען אַלעקסין שטיין ביים אריינגאַנג פון וואַלד און פלעכטן אַ שטול פון צווייגן, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט פרייד:

— דאָ אויף דער שטול פון פראָסטע צווייגן, מיטן פראָסטן פאָלק. זעצט זיך, רבי!

קיינער האָט דערנאָך נישט געקענט זאָגן, ווער ס׳האָט דעם בעל־שם דער

ערשטער אַרויפגעזעצט אויף דער שטול פון צווייגן, נאָר ווען זיי זיינען געקומען צו זיך פון דער פרייד וואָס האָט אָנגעפילט זייערע נשמות, און ווען זיי האָבן דערפילט די לעצטע טענער פון זייער ניגון, וואָס קיינער האָט זיך אים שוין קיינמאָל נישט געקענט דערמאָנען — האָט די זון שוין געשיינט און באַגאָסן די וועלט מיט טונען ליכטיקייט וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די אייז צעפּלעך פון די ביימער און געשפּרייט אַ יום טוב אויף דער גאַנצער וועלט.

און איבער די קעפּ פון דער צעכוואַליעטער עדה, האָט זיך הויך געהויבן די שטול פון צווייגן, און זיך דערנענטערט צום שטעטל.

געפונען א תלמיד

(פערטע מעשה)

זיצט דער בעש"ט אין מעזשעבעזש, אין אַ פּשוט שטיבל פון אַ הינטער גאַס. דאָס שטרויענע דעכל איז ווי אַלע שטרויענע דעכלעך אין דעם געסל—געל און צוגעפוילט; אַז ס'רעגנט—נעצט דורך, איז דערפאַר די סטעליע געל. אָבער פרייליך איז אַלע מאָל דאָרט. די אורחים וואָס קומען מידע פון וועג, אַבי זיי דערהערן נאָר דאָס קול וואָס טראָגט זיך פון שטיבל, פאַרגעסן זיי אין דער מידקייט, ווערן אַריינגעצויגן אינעם געזאַנג און ס'וועפּן זיך אויס אַלע צרות און פּיינען וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין ביז אַהער.

קומען פּשוטע יידן, אַמעראַצים, און זיצן שווייגנדיקע—מורא האָבנדיק דאָס מויל צו עפענען. קוקן שטום און מיט באַהאַלטענעם צער אויף די זינגנדיקע, נעמט זיי אָבער דאָס געזאַנג און פרייליך געווימל דורך, ווערן זיי רעדעוודיק און שמועסן צווישן זיך איינגעהאַלטן.

— איז טאַקע אמת, אַז דער מעזריטשער מגיד איז געקומען?

— אוודאי, ווי דען? אָן אַ, זיצט ער אַ פּאַרטראַכטער.

— אַזאַ שוואַכינקער, נעבעך.

— מ'זאָגט אַז ער מוז זיך טוליען אין וואַרעמע פּעלצן אפילו אום זומער.

— פון צופיל פאַסטן . . .

— שאַ, ער קוקט זיך אום. אַ פּחד יאָגט פון אים. אַזאַ הויכער שטערן.

— דאַרפסט נישט ציטערן, מענטש. דער „באַשעם" האָט געזאָגט, אַז אַלע יידן זיינען קינדער פון רבונו של עולם.

— עהע, ליב שרהס האָט מיט אונדז געטרונקען לחיים נעכטן, האָט ער זיך געוואונטשן, אַז ער זאָל האָבן אַזויפיל עולם-הבא ווי ר' שלמהלע גייער ע"ה פון טישיוויץ—מאַכט אַן אַנדערער שוין דרייסט.

— הפּנים, אַז מ'זעמיר אויבעט שטיקלעך „בשרס"*—מישט זיך אַריין זאַנוול סטעלמאַך פון יאַרמילינעץ.

— דער „באַשעם" האָט געזאָגט, אַז די רבנים ווילן די גאַנצע עולם-הבא פאַר זיך—וואַרפט איינער אַריין.

— איר קענט שוין דעם נייעם ניגון אונדזערען?—לויפט אָן ר' דוד פּאַרקעס מיט אַן אימפּעט—וואָס שווייגט איר יידן? ס'איז היינט אַ שמחה של מצווה, ר' בער מעזריטשער איז געקומען. אַזויפיל שליחים נאָך אים געשיקט. נו, יידן!

* בשרס — מענטשן.

— דער מעזריטשער ברוגזט זיך. אַן אַ, הייבט ער אויף די ברעמען—טוט איינער אַ שעפּטשע.

— מאַכט אים פריילעך!—גיט זיי ר׳ דוד פּאַרקעס אונטער חשק—מיט יידן אינאיינעם דאַרף מען נישט זיין אומעטיק. פון פאַסטן קומט מען צו עצבות, און פון עצבות צו—לאָמיר אים משמח זיין!

דער עולם לאָזט זיך נישט בעטן און נעמט זיך לערנען דעם ניגון. צום ערשטן לאַנגזאַם און טרוקן, מ׳ווערט אָבער באַלד דערוואַרעמט און ס׳הילכן שוין די קולות איבערן גאַנצן געסל.

— כ׳האָב גאָרנישט געוואוסט אַז כ׳זינג—רייבט זיך דער סטעלמאַך די דלאָניעס.—ווי כ׳בין אַ ייד, כ׳טרעל* דאָך, אַזש סע טרעשטשעט**!

— או וואַ, סע צעגייט זיך אין אַלע אברים—קוויקט זיך אַן אַנדערער.

און דער ניגון ווערט אַלץ אייגענער, נעענטער און רעדט צו דער נשמה, כאַפּט אַלעמען אַרום; אפילו דער מעזריטשער מגיד האָט זיך געמוזט באַ־פרייען פון די שווערע פוטערס אין וועלכע ער איז געווען איינגעהילט, און זיך אוועקגעלאָזט אין אַזאַ מין טאַנץ, ווען פיס, הענט און ניגון ווערן איין שטיק שמחה פון אויסרעדן זיך, אַרויסגעבן און באַהעפטן זיך מיט דער אייגענער נשמה; אַ טאַנץ אַזאַ, ווען מ׳דערפילט דעם ציטער פון אייגענעם חיות — אָט אָ ממש גייט עס אויס. האַלט מען עס אין די הענט און מ׳פּלאַטערט נישט, נאָר מ׳שפּירט ווי ס׳צאַפּלט זיך און וואַרפט זיך און פאַרבינדט זיך מיט אַנדערע חיותן; ווערט איינס לויטן טאַקט, לויטן ווילן איבערגעבן זיך, און פאַרט הייבן זיך די פיס נאָר צום שטילן טאָן פונעם אייגענעם קול.

און וואָס טיפער אין טאַנץ, אַלץ וואַרעמער ווערט אויף דער נשמה. מ׳דערפילט יעדן אבר אין זיך ווי ער צאַפּלט, ווי עס שטראָמט דאָס בלוט אין די אָדערן און זינגט, שרייט ממש מיט קולי קולות: שמחה, שמחה!

טראָגט זיך דער מגיד אַ פּאַרמוחטער, די שוואַרצע אויגן פלאַקערן, דאָס שאַרף געשניצטע מויל האַלב אָפן. טרעטן אַלע אָפּ מיט דרך ארץ, פּליעסקען צו מיט די הענט און ציען דעם ניגון לויט זיין טאַנצן. מישט זיך אריין לייב שרהס, שוועבט אים אַנטקעגן מיט אַזאַ אָפענקייט און מילדקייט, אַז ס׳האָבן זיך אַזש אַלעמען געשטעלט טרערן אין די אויגן. קוקן זיךביידע הויכע יידן אָן און ווערן נאָך העכער, רוקט ר׳ לייב שרהס איין האַנט אין גאַרטל אריין און די אַנדערע פאַרוואַרפט ער איבערן אייגענעם קאָפּ און דרייט זיך אַזוי

* כ׳טרעל — כ׳זינג

** טרעשטשעט — קנאַקט

ליכט און פלינק, אז מ׳הערט מער נישט זיינע טריט. שפּרינגט אריין ר׳ דוד פּאַרקעס אין צווישן, קוקט ער אויס קעגן די צוויי הויכע יידן נאָך קלענער ווי ער איז, ציען אָבער העגט אים צו און אַזוי ווערט א רעדל צעזונגענע און צעטאַנצטע יידן. מ׳ווייס נישט מער וואו ווער עס שטייט און ס׳הילכט בלויז איבערן גאַנצן געסל:

„דו, דו, דו,
רק דו, נאָר דו,
שמים דו,
ארץ דו,
דו, דו, דו! . . . "

קומט ארויס דער בעש״ט פון זיין צימער, שמייכלט הארציק און נעמט וועבן א מעשה. פּאַסט עס זיך אריין אין טאַנץ און קיינער פילט נישט אַז די אויערן זיינען אָנגעשפּיצט און דאָס מויל איז אָפן, ס׳הערט זיך פון זיך אַליין — די אויגן צינדן זיך און די באַקן פלאַמען. רוקט זיך ארויס דער מעזריטשער מגיד און נעמט זאָגן, איז זיך מתוודה „ווי ער האָט געבענקט קיין מעזשעבעזש, ווי עס האָט אים געצויגן צום אמתן ליכט״ — הערן זיך אַלע איין, ווארטן אויף עפּעס. גלעט זיך ליב שרהס דאָס בערדל און זיין פּנים שמייכלט מיט גוטסקייט און שמחה:

— זעסט טאַטעניו, וואָס דו פאַרמאָגסט? וואו האָסטו נאָך אַזאַ טייער פאָלק, ביי וועמען אַזעלכע בערן*, זיינען מענטשן . . .

שמייכלט דער בעש״ט און פאַרבעט אַלע אורחים אויף וועטשערע.
— קיין ברויט פעלט נישט און צום ברויט וועט שוין דאָס בני־בית באַזאָרגן — מאַכט ער ליבלעך.

קומען אָפּט יידן אַרענדאַרן, מיט ברייטע פּלייצעס און מגושמע פּנימער. קומען נאָך א ברכה און א סגולה; אַנדערע קומען דערשלאָגענע, טרויעריקע מיט א שווער געמיט: דער פריץ איז אַן אכזר און האָט ס׳ווייב און קינד אין תפיסה גרוב אריינגעוואָרפן. קומען שניידער מיט זייטיקע שמייכעלעך און בלאַסע בייטעלעך אויגן; שוסטער מיט שוואַרצע צעדריוולטע בגדים און פאַרפּאַלצעוועטע היטלען; וואַסער־טרעגער און דאָרפס גייער אין אָפּגעריבענע כאַלאַטן. יעדערער מיט זיין פּעקל צער און ווייטיקן, דערציילן עס אויס, דער־כאַפּן זיך מיט א גוט וואָרט און געפינען טרייסט: א סך יידן איז דאָך אַזוי שווער דאָס לעבן און א סך, דערציילט מען, איז שוין בעסער געוואָרן נאָכן

* דער מעזריטשער מגיד האָט געהייסן די בער.

בעש"טס ברכה. ווערט גרינגער אויפן הארצן און מ'גייט אהיים געטרייסט און גרייט ווייטער אָנצוהייבן פון דאָס ניי.

— זעט איר — פלעגט דער בעש"ט געבן צו פארשטיין — כל זמן איר קוקט נאָר אויף זיך אליין, זענט איר טרויעריק. טוט אָבער אַ קוק ווי די וועלט לעבט מיט אייך און איר וועט ווערן פריילעך.

אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער: — קוקט זיך צו: אַלעקסי האָט נאָר צוויי פערד, לערנט ער זיך פון זיי אַלצדינג... און זיי לערנען זיך פון אים אויך — צו גיין וואו מ'דאַרף...

פארשטייען עס נישט אַלע. קומט ביי אַ טייל אוים פריקרע פּאַרוואָס ער מישט אַריין דעם ערל, דעם שמייסער. דערציילט ער זיי ווי ער רייניקט דעם שטאָל און לייגט אונטער די בהמות פריש שטרוי און היי. שטייט מען אין טיפן דרך־ארץ און מ'הערט מיט ציטערניש. אַמאָל וואַרפט אַ תלמיד אַריין אַ וואָרט, און ס'פּאַרקניפּט זיך אַ שמועס ביז שפּעט אין דער נאַכט. קיינער וואָגט נישט אויפצוהייבן אַ פּוס; דרימלען שטייענדיק, די וואָס פאַרשטייען נישט וועגן וואָס מ'רעדט, און כאַפּן זיך אויף ערשט, ווען מ'הייבט זיך אָן צו צעגיין מיט שטילקייט און שטילן שווייגן.

ב

האָט זיך דעם בעש"טס נאָמען צעקלונגען איבער גאַנץ פּאָדאָליען און גאַליציען, געגרייכט ביז וואָלין און גרוים פּוילן. קומען יידן פון אַלע עקן לאַנד. מיט אַלעמען רעדט דער בעש"ט, אַלעמען האָט ער וואָס צו פרעגן און וואָס צו דערציילן; קומען יידן נייגעריקע און דערוואַרטנדיקע און גייען אַ היים פאַרגאַפּטע און שיינענדיקע. זיינען די וועגן אין סכנה פון היידאַמאַקעס, גייט מען אינאיינעם. קלינגען אויף די וועגן פריילעכע ניגונים. באַגעגענען זיך יידן אויף די שייד־וועגן און ווערן באַלד היימיש. עפּעס אַ פינקעלע ציטערט ביי יעדן איינעם און ווי נאָר מ'באַגעגנט זיך — צעפלאַקערט עס זיך און ס'פרייט זיך פון זיך אַליין.

געזעגענען זיך יידן ביי די שייד־וועגן ווי אייגענע, מיט דער ברכה פון בעש"ט:

— זאָלן אנשי שלומינו* נתרבה ווערן אין דיין שטאָט!

— אמן, באַשערעמט** ווערן פון אַלדעם בייז.

* אנשי־שלומינו — די מענטשן וואָס האַלטן מיט אונדז, פון אונדזער חברה.

** באַשערעמט — אָפּגעהיט, באַהיט.

קומט אַ ייד אַהיים פון אַ נסיעה צום בעש"ט, באַהאַלט ער הינטער דער שטאָט דעם טלומיקל*. ווישט אָפּ די שטיוול פונעם שטויב פון וועג, כּדי קיינער זאָל נישט וויסן אַז ער קומט פון ווייט, און גאַנוועט זיך אין שטעטל אַריין. ווייל גרויס איז געווען די סכנה פאַר די, וואָס האָבן אין בעש"ט געגלויבט און צו אים געגאַנגען. די פּרנסים און רבנים האָבן אַזאַ איינעם גערודפט, געגאַנגען אין ברויט און אפילו אין „קונע"** געשטעלט.

די „כּת"*** האָט מען זיי גערופן. מאַמעס האָבן קינדער אין די וויגן מיט זייער נאָמען געשראָקן, און באַלעבאַטים וואָס האָבן אין די פאַרטאָגן געשפּרייזט פאַרמוחט אין בית־מדרש אַריין צו תהילים, האָבן געכאַפּט זייטיקע קוקעלעך צו די הינטער־געסלעך, אפשר וועלן זיי דערזען וואו, דורך אַ לאָדן — אַ שיין, און דערהערן אַ קול פון שטילן גערייד. וואָרן נאָר אין די נעכט האָט זיך אַנ"ש**** געקענט פאַרזאַמלען און הערן אַ וואָרט, אַ מעשה און אַ נייעם ניגון פונעם ליכט פון מעזשעבעזש.

און אויסגעלייגט איז געווען אַ פּחד אויף יידישע שטעטלעך. ס'איז נאָך נישט געווען פאַרלאָשן דאָס פייער פון שבתי־צבי און שוין האָט געלויערט די מהומה פון יעקב פראַנק. האָבן זיך אַנ"ש געהיטן, געדאַווענט אין די פּאָלישן מיט פייער און ברען, געצויגן ניגונים נישט געהערטע. האָט קהל גענומען נאָכקוקן און חושד זיין. האָבן זיי זיך פאַררוקט אין די הינטער געסלעך און אין די נעכט זיך געשאָטנט ביי זייטן פון הייזער און ליקלעך, ביז מ'האָט זיך אַריינגעגאַנוועט אין אַ הויז פון איינעם, וואָס אויף אים וואָלט זיך קיינער נישט געריכט.

זיינען אָבער אין די פרימאָרגנס יונגעלייטלעך אַרומגעגאַנגען פאַרשמאַכט, נישט אויסגעשלאָפן. האָבן באַלעבאַטים גענומען פאָרשן ביי די טעכטער און אויסגעפונען, אַז די יונגעלייטלעך גאַנווענען זיך פון די געלעגערס אוועק און ווערן פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. ביי אַנדערע זיינען די איידעמס גאָר אינגאַנצן נעלם געוואָרן. איז געוואָרן אַ מהומה. די איינגעפונדעוועטע יידישע היימען האָבן אַ ציטער געטאָן. אין די בתי־מדרשים, האָט מען זיך געשושקעט, אַז מ'וועט זיי מוזן אַריינלייגן אין די דריי אותיות (חרם). קיינער האָט עס אָבער נאָך אָפן פון מויל נישט אַרויסגעבראַכט, מ'האָט געוואַרט; און אפילו ווען ס'האָבן זיך באַוויזן בריוו פון דיינים און פּרנסים פון אַנגעזעענע

* טלומיקל — פּעקל.

** קונע — אַ ווינקל אין שול־הויף וואו מ'פלעגט אָפּשליסן פאַרברעכער.

*** כּת — סעקטע, גרופּע, חברה.

**** אנ"ש — אנשי שלומינו.

קהילות, צו היטן זיך פון דער „כת"—האָט מען נאָך אויך נישט געוואַגט ארויסצוברענגען דאָס וואָרט.

שווער און שווינגער האָבן מיט ציטערניש געקוקט די איידעמס אין די אויגן אריין, מורא געהאַט טאָמער דערוואוסט מען זיך עפּעס שרעקלעכס, און יונגעלייטלעך און בחורים מיט די ערשטע האָר־פּענקעס אויף די פּנימער, האָבן איינער פונעם אַנדערן געזוכט עפּעס אויסצוגעפינען; פון גרויס בענק־שאַפט עפּעס צו דערגיין, האָבן זיי געזוכט אין קליינע ספרימלעך אַזוי לאַנג, ביז מיטאַמאָל פלעגט אַזאַ איינער גאָר אינגאַנצן פארשווינדן און זיך צוריק באַווייזן אין אַ צייט אַרום מיט אַ מאָדנעם שמייכל און זוכנדיקן בליק.

און אַזוי טאַקע האָבן זיך אנ"ש אָפּגעזוכט, דערקענט איינס ס'אַנדערע לויטן מיג מיטן אויג און מאַך פון דער האַנט. דערפילט אין צווייטן דעם אייגענעם סוד און זיך געטוליעט, געזוכט צו זיין אינאיינעם; אין די שטעטלעך האָבן זיך גענומען באַווייזן גייער, וואָס קוקן אויס ווי פשוטע אורחי־פורחי אָבער אָן דער דערשלאָגנקייט, חניפה און בייזער קללה פון יענע. ווי אַלע, זיינען זיי געגאַנגען איבער די הייזער, געקראָגן וואו אַ פּרוטה, וואו אַ שטיקל צוקער און ביי אַנדערע אַ שטיקל ברויט. דערנאָך אָפּגעזעסן אַ פאַרנאַכט אין פּאָליש, פאַרטשעפּעט אַ פּראָסטאַק, אַ שניידער, אַ קירזשנער אָדער אַן אַנדער בעל־מלאכה. פאַרפירט אַ שמועס, געזאָגט אַ ווערטל; גוט־ברודעריש דערציילט נייעסן פון דער וועלט און ווי יידן לעבן. ווערט אַ רעדל אַרום זיי, אַהיימגיין גלוסט זיך נישט סיי ווי. עפּעס ווייעט פון דעם פרעמדן מיט היימישקייט און אייגנקייט. מיטאַמאָל דערפילן אַלע, אַז די בעטלער מלבושים זיינען בלויז אַ פאַרשטעלעניש, שושקעט מען זיך און מ'קוקט שוין אליין צו דער טיר, צי עמיץ פון די „פּני"* קוקט נישט אין פּאָליש אריין. דער נאָמען פון גייער, איז דיר עפּעס אויך אַ מאכלדיקער, אַן אייגענער: לייב שרהס, דוד פּאַרקעס.— גייט אָפּ פון פּנים די מרה־שחורה און די היימישע דאגות פאַרקריכן שוין אין אַ ווינקל. די מיילער עפענען זיך, די צונג איז גאָר נישט אַזוי שווער און מ'וואַרפט אויך אריין אַ וואָרט; עפּעס אַ מחיה אַזאַ אורחי־פורחי. ווער זשע וועט עס לאָזן אַ מענטשן אַ היימישן אליין אין פּאָליש, בפרט אַז דער שמש לעשט שוין די לאָמפּן, פרעגט איינער:

— וואו עסט אַ ייד, וועטשערע?

— כ'וויים, אַבי ס'איז דאָ פּאָדים** איז דאָ וועטשערע.

געפעלט די פשוטקייט און מ'טיילט זיך מיטן ביסן. איז אַ פרייד אין פּאָליש

* פּני — פּירער פון שטעטל.

** פּאָדים — ברויט.

יעדעס מאָל ווען ס׳באַוויזט זיך אַזאַ אורח, וואָס שטופּט זיך נישט אין בית־מדרש אַריין וואו מ׳קען קריגן אַ בעסערע וועטשערע, און מ׳זוכט שוין אַליין אַ שמועס צו פאַרפירן. און פון שטאָט צו שטעטל, פון פּאָליש צו פּאָליש אין פוילן, אין גאַליציען, אין פּאָדאָליען און וואָלין, האָט זיך געטראָגן די הויכע פיגור מיטן נאָמען לייב שרהס, וואָס איז מן הסתם אַ נסתר און קען מיט יעדן רעדן וועגן זיין מלאכה, און מער ווי איין וועטשערע אין אַ שטעטל עסט ער נישט. אומעטום אָבער לאָזט ער איבער אַ ווערטל, אַ וויצעלע, אַמאָל אויך געמישט מיטן לשון פון די פּויערים וואָס די בעל־מלאכות קוויקן זיך גאָר דערמיט. געדענקען אַלע זיין הויך געשטאַלט, שטייט פאַר די אויגן זיין פרייער שמייכל, וועלכער טראָגט זיך פון זיין עטוואָס גראָבלעכער באָרד און אַלע וואַרטן אויף אים.

בענקען די דאַוועגער פון די פּאָלישן צו די פּאַרנאַכטן, וואַרפן די אַרבעט וואָס פריער און אײַלן זיך אין פּאָליש אַריין. באַווייזן זיך דאָרט אויך יונגע־לייטלעך, איידעמס אויף קעסט. ווערט דאָס דאַווענען דאָרט אויך אַנדערש, מיט מער פייער און ברען אפילו ווען קיין אורח איז נישטאָ; באַגעגענען זיך דאָרפס־גייער אינמיטן וועג, ווער מיט אַ פּעקעלע און ווער מיט אַ בינטל פלאַקס, צערעדט מען זיך וועגן די צייטן און מ׳כאַפּט איבער מיט אַ ווערטל געהערט אין פּאָליש. אַמאָל דערמאָנט מען זיך גאָר אַ ניגון, דאַכט זיך געהערט פון די ערלים אין דאָרף, אָבער יענער אורחי־פּורחי מיטן בלאַסן פּנים און בלאָנדן בערדל מאַכט עס אַנדערש, מיט אַ יידישן קנייטש, וואָס נעמט דיך דורך; זעצט מען זיך אַוועק ביים זייט פון וועג און מ׳חזרט איבער דעם ניגון, פאָרט דורך אַ פּויער און הידושט זיך: אַן אייגענער ניגון, דאַכט זיך, אָבער פאָרט אַן אַנדערער. ציילעמט ער זיך אָפּ און שרייט בלומרשט בייזלעך: היי, זשידזשי*, אַראָפּ פון וועג!" און צעלאַכט זיך.

און אויף די גרויסע יאַרידים, האָט מען דערציילט, קומט אַלעמאָל אַ ייד אָנגעטאָן אין אַ סערמינגע מיט אַ רויטן גאַרטל און באַגלייט פון אַ פּשוטן פּויער. קויפן קויפט ער גאָרנישט, נאָר גייט אַרום צווישן די שטעלן**; קוקט ליבלעך ווי אַ ייד אַן אויפקויפער טאַפּט אַ הון אָדער קייעט אַ ווייצעלע. מיינט דער אויפקויפער, אַז ס׳איז אַן אויסכאַפּער, קוקט ער שוין מיט בייזע בליקן וואָס מיינען: „טראָג זיך אָפּ"—שטייט אָבער דער ייד און קוקט מיט נחתדיקע אויגן, אַז מ׳מוז אים אָפּגעבן שלום. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז בלויז פאַרביי־געפאָרן. געזען אַ יאַריד, כאַפּט ער אַ קוק. געמיינט, אפשר וועט ער טרעפן היימישע יידן פון אָקופּ—פון דאָרט שטאַמט ער עס. ווערט שוין אַ רעדל.

* זשידזשי — יידעלעך.

** שטעלן — טישלעך אויף וועלכע עס ליגן סחורות צום פאַרקויפן.

געפינט זיך דערוויי‌ל איינער, וואָס איז אַ בעל‌ן צו וויסן צי ס׳איז טאַקע אמת, אַז אין יענע געגנטן געפינט זיך אַ בעל מופת. שמייכלט דער פרעמדער:

— אַ גוט וואָרט איז מער ווערט ווי אַ מופת.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און מ׳ווערט געוואָר, אַז ס׳איז טאַקע נישט פּראָסט דאָרט. וויל מען וויסן מער, אָבער דער טאָג שטייט נישט—מ׳דאַרף נאָך אָנקומען אין נאָענטן שטעטל אויף וועטשערע. בלייבט שטיין ס׳רעדל פאַרגאַפט: דאָס יידל איז פאַרשוואונדן. קיין צייט איז דאָך אָבער נישטאָ, דער יאַריד ציט— לאָזט מען עס אָפּ. נאָר אַז מ׳פאָרט שוין אַהיים, טראַכט מען עס נאָכאַמאָל איבער און יעדער דערמאָנט זיך עפּעס אַנדערש, און אין די פּאָלישן איז שוין דאָ וואָס צו דערציילן. איינער גיט איבער אַז ר׳איז זיכער, אַז ער האָט איינעם פון די אורחי־פּורחי געטראָפן אויפן יאַריד לערנענדיק זיך אַ ניגון פון אַ בלינדן בעטלער. אַן אַנדערער דערציילט בסוד, אַז גייענדיק אַהיים פון דאָרף, האָט ער געהערט עמיצן זינגען אין וועלדל. ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט, נאָר ס׳איז אַ היימיש פּלאַץ איז ער צוגעגאַנגען און געטראָפן די „נאָצניקעס״* אַרום אַ פייער און עפּעס אַ ייד, אַ פרעמדער, האָט פריילעך געזונגען מיט זיי און געגעסן געבראָטענע קאַרטאָפל.

האָבן די אַלע שמועות געהידושט און געשראָקן, אָבער געצויגן ווי אַ מאַגנעט. קוקט מען זיך די אויגן אויס אויף די אורחים און מ׳וואַרט מיט גרויס נייגער אויף נייעס פון יאַריד.

האָט דאַן אין אַ וואָלינער שטעטל געוואוינט אַ מגיד, אַ פייערדיקער דרשן און אַ קפּדן. האָט ער די דאָזיקע אורחים נישט ליב געהאַט, ווייל ווען אַזאַ איינער האָט זיך באַוויזן אין פּאָליש, האָט דער מגיד שוין קיין עולם צו דער דרשה נישט געהאַט.

קהל האָט עס אויך נישט געשמעקט. האָט מען די פּאָלישן פאַר זיי פאַר־מאַכט. זיינען שוין אָבער געווען געגנוג איידעלע יונגעלייט, וואָס האָבן אויך אויסגעקוקט אויף די אורחים און אָפּן פאַר אַלעמען זיך אָפּגעטיילט און גע־דאַוונט אין באַזונדערע „שטיבלעך״. פּלעגן פּשוטע יידן בעסער וועלן גיין אין די שטיבלעך, איינהערן זיך צו אַ מעשה וואָס איינער פון די געקומענע פּלעגט דערציילן, אָדער כאָטש שטיין אין דרויסן ביי אַן אָפן פענצטער און איינזאַפּן אין זיך אַ נייעם ניגון.

האָט דער מגיד געזען אין דעם אַ סכנה פאַרן פּשוטן פאָלק. פאַר חרם האָט ער אָבער מורא געהאַט,—צופיל איידעלע יונגעלייט זיינען שוין געווען אין

* נאָצניקעס — נאַכט פּאַסטוכער, די וואָס נעכטיקן מיט די פערד אויף דער לאָנקע.

די „שטיבלעך". האַטעראַבערגענוג כה געהאַט צו צווינגען אָפּצוזאָגן פון קעסט אָדער אפילו פאַרלאַנגען אַ גט פון אַזאַ וואָס האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. אַז דער אייגענער ברודער זיינער איז אַוועק פון דער היים אָן אַ זיי געזונט, האָט ער דעם בני־בית מער נישט געלאָזט דערמאָנען זיין נאָמען, געריסן קריעה און געהייסן זיך זעצן שבעה . . .

האָבן שוין אַנדערע אויך אַזוי געטאָן און שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. די „שטיבלעך" איז מען באַפאַלן, געשלאָגן וועמען מ'האָט דאַרט גע־טראָפן, די פרעמדע אורחים אַרויסגעטריבן פון שטאָט מיט חרפה און די אייגענע געצוואונגען צו קומען אין שיך און זאָקן בעטן אַ תשובה.

פאַר שרעק זיינען זיך אַ סך צעלאָפן און אַנדערע האָבן זיך מודה געווען אין גרויסע זינד. האָט דער מגיד געשטראָפט און געשראָקן, אַז גלויבן אין צדקות פונם מעזשעבעזשער (ער האָט זיך געהיט צו דערמאָנען זיין נאָמען) איז ווי ווערן אַ שבתי־צביניק רח"ל. גאָר שטאַרק האָט ער געליאַרעמט, ווען אייניקע האָבן זיך אויך מודה געווען אין עוסק זיין אין נסתר און ביטול תפילה־בציבור. ער האָט אויך נישט געשאַנעוועט די פּראָסטע יידן וואָס האָבן בלויז געהערט אַ מעשה. אָבער אַליין, פון דאַן אָן, באַפּוצט זיינע דרשות מיט אַ סך מעשהלעך און משלים.

האָט מען עס דערציילט דעם בעש"ט, האָט ער געשמייכלט:

— גיט אים איבער, אַז אַ מגיד דאַרף קענען אַ סך מעשות.

ווען דער מגיד איז דערפון געוואָר געוואָרן, האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן:

— אַ מגיד דאַרף נאָר אַ משל. מעשות דערציילט מען קינדער און אַמעראַצים.

די רדיפות זיינען אָבער אביסל שוואַכער געוואָרן.

ג

מאַכט זיך איינמאָל, סוף זומער, אין אַ קאַלטן פרימאָרגן, גייט אַ ייד אין בית־מדרש אַריין תהילים זאָגן. ס'שאַריעט אויף טאָג, אַ גרויער וואָלקן איילט זיך איבערן שטעטל און וואַרפט אָן אַ אימה; פון די ביימער האָבן זיך די קראָען אויפגעהויבן מיט אַ געפילדער און זיך צעשטעלט אויף די דעכער מיט אַ קראַ־קעריי, וואָס יאָגט אָן אַ קעלט אויף דער נשמה. דערמאָנט עס דעם יידן אין בייזע צונגען, וועלכע קענען ברענגען אויפן פייער, און נעמט זיך איילן.

אינמיטן מאַרק שלאָגט ער זיך אָבער אָן אין אַ ייד. זעט אויס אַ דאָרפס־מאַן, אַ באַוואַקסענער, און לעבן אים אַ פּויער מיט אַ בייטש אין האַנט. טראַכט ער, מן הסתם דער מילכיקער געקומען פאַרפרי, און גייט ווייטער. לויפט

אים אָבער דער ייד אַנטקעגן מיט אַ היימלעכן גוט מאָרגן. שטעלט ער זיך שוין אָפּ.

— פונוואַנען אַ ייד?

— פון ווייט.

— געקומען פאַר מסחר?

— פאַר נאָר דורך.

— אַזוי?

— וואָס איז ס'חידוש? כ'קען אייך דערוויף דערציילן אַ מעשה.

ווייל דער ייד עפּעס זאָגן, אָבער איידער וואָס ווען, דער פרעמדער דערציילט שוין פון איינעם, וואָס האָט פאַרטראַכט אַ גרויסן בנין אויפצובויען, פאַרט ער אַרום אין אַ סך מקומות די מייסטערס אויפצוזוכן.

פאַרשטייט נישט דער ייד, הייבט די פּלייצעס און וויל שוין אַוועקגיין, לאָזט אָבער דעם פרעמדנס קול נישט. אַזאַ ווייכס און בנעימותדיקס, וויקלט דיך אַרום מיט נאָענטקייט. עס דאַכט זיך, אַז האָסט עס שוין וואו געהערט נאָר פאַרלאָרן פון זכרון, ווי זשע גייט מען אַוועק? און דאָ ווערט טאַקע וואָס אַ מאָל אינטערעסאַנטער. „איינעם אַ מייסטער האָט ער געפונען, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעאַרבעט, אַז יעדער אבר זיינער קאָן באַווייזן אַ בנין אויפצו־בויען. שוין איינמאָל אַ צאַצקע אַ בעל־מלאכה, נאָר ר'האָט אַ חיסרון: קיין זאַך געפעלט אים נישט. דערפאַר אָבער האָט ער געפונען אַן אַנדערן מייסטער, וואָס יעדער זאַך איז ביי אים געטאָקט און געפיילט. אפילו דאָרט וואו ס'איז נישט אַזוי אַקוראַט, קען ער אויך געפינען אַ מיטל צו פאַרענטפערן עס. האָט ער אָבער אויך אַ חיסרון: קיין זאַך איז נישט שלעכט ביי אים . . . און נאָך מייסטערס האָט ער, וועלכע קענען בויען דעם בנין. ס'פעלט אים אָבער איין בעל־מלאכה, וואָס זאָל דאָס אַלץ דערפילן פון פריער; זאָל עס דערזען בחוש איידער נאָך ס'איז פאַרטיק, און ווייזן דער וועלט וואָס פאַר אַ בנין דאָס וועט זיין."

— אַזוי? — קומט שוין דער ייד אַריין אין התפעלות — זוכט איר הייסט עס אַ בעל־מלאכה?

— הערט זשע נאָך אַ מעשה — מאַכט דער פרעמדער.

קומען דערוויייל אָן פון די הינטער געסלעך נאָך יידן, וואָס גייען צו ותיקין* און לייגן צו אַן אויער. אויף אַ מעשה איז אַ ייד אַלע מאָל אַ בעלן, בפרט אַז דעם פרעמדנס קול איז אַזוי צוציענדיק. ער רעדט און ס'דאַכט זיך ווי ער

* ותיקין — דאָס דאַווענען פאַרטאָג מיטן זון אויפגאַנג.

זינגט. די גאַסן האָרכן זיך, דאַכט זיך, אויך איין; די וואָלקנס האָבן זיך ארונטערגעלאָזט און די קראָען אויף די דעכער זיינען אויך צוהערער.

שטייט גאַנץ קהל און גאַפּט ווי דער פרעמדער גייט איבער פון איין מעשה צו דער צווייטער, און אַלץ אַזוי האַרציק און פּראָסט. עפּעס ווי אַן עלטער־פעטער, וואָס קומט צוריק פון אַ ווייטן וועג און גלעט בנעימותדיק און לאַשטשענדיק.

קומט דערווייל אַן דער מגיד אין דער בית־מדרש אריין, בלייבט ער פאַרחי־דושט: אין בית־מדרש איז נאָך פינצטער. די פּאָר אורחי־פורחי׳ שלאָפן נאָך. דער שמש איז נאָך אויך נישט געקומען. צינדט ער זיך אָן אַ ליכטל און וואַרט ביז ס׳וועט זיך צוזאַמענקומען אַ מנין. וואַרט ער און וואַרט און קיינער קומט נישט, וואונדערט ער זיך זייער.—וואָס איז עפּעס היינט געשען? זאָל ער האָבן צו פרי געקומען? ס׳איז דאָך אָבער פאַרט שוין טאָג.

יאָגט זיך אָן אַ ייִנגעלע, בעט ער אים ער זאָל גיין צום שמש געוואָר ווערן, וואָס ס׳איז געשען. קומט דאָס ייִנגל צוריק און דערציילט, אַז אינמיטן מאַרק שטייט אַ פרעמדער ייִד און דערציילט מעשות, און גאַנץ קהל שטייט דאָרט. צעבייזערט זיך דער מגיד: „גיי און זאָג, זיי זאָלן שוין קומען אַהער!"

דויערט נישט לאַנג, קומט די גאַנצע עדה מיטן פרעמדן צום מגיד.

— ווי האָסטו זיך אונטערגעשטעלט מבטל צו זיין יידן פון תפילת ותיקין?

— רבי, כ׳וועל אייך דערציילן אַ מעשה.—און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, דערציילט ער שוין ווי „ער איז איינמאָל געווען אין וועג, האָט ער געזען ווי אַ קוואָל, וועלכער איז געלעגן צווישן ביימער, האָט זיך שטיל געריזלט אויף אַ שמאָל סטעזשקעלע, קוים מיטן אויג צו דערזען; און איבערן קוואָל אויף די צווייגן פון די ביימער איז געזעסן אַ פויגל און געלעכצט נאָך אַ טרונק. זיצט דער פויגל מיט פאַרמאַכטע אויגן און גייט אויס פון דורשט, נאָר צום קוואָל לאָזט ער זיך נישט אַראָפּ, ווייל דער קוואָל גייט זיך זיין וועג—שטיל און געלאַסן דורך די גראָזן. דערשנאַפּט דער פויגל מיט דער נאָז, אַז נאָענט איז וואַסער, נאָר ער ווייסט נישט וואו עס איז . . . איז אָנגעקומען דער אָדלער, וואָס איז דער מלך פון אַלע פייגל פון וואַלד און אָנגעהויבן מוסרן דעם פויגל; אַז דו וועסט נישט טרינקען, וועסטו אויסגיין פון דורשט. פּישטשעט דער פויגל פאַר שרעק—דעם אָדלערס פליגל פאַרשטעלן אים דעם אייגענעם שאָטן און ער זיצט איינגעקאַרטשעט, אַ פאַרציטערטער פון די האַרבע ווערטער. דער פויגל עפנט די אויגן נישט אויף פאַר מורא, און דער אָדלער איז אין דער הויך און האָט קיין שכל נישט אַראָפּצולאָזן זיך. איז אַ רחמנות אויף ביידע, אַ גרויס רחמנות."

דעם מגידס פּנים איז ווייכער געוואָרן, און מיטגעצויגן מיט דער מעשה האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט:

— טאַטע, וואָס זשע האָט ער געטאָן?

— „כ'האָב זיך אַמאָל געלערנט אַ ניגון פון אַ פּאַסטוך פון שאָף. ער פלעגט זיצן צופוסנס פון אַ הויכן באַרג, וואָס זיין שפּיץ האָט געגרייכט אין די וואָלקנס. איז דער טשערעדע געווען היימלעך פון דעם ניגון, האָבן זיי זיך געפּאַשעט מיט גרויס חשק און הנאה. — דער ניגון האָט זיי געפּירט וואו ס'איז געווען גוטע פּאַשע; און אַז די שאָף זיינען געווען זאַט, איז אַ גרויסע פרייד געווען אין זייערע נשמות און זיי פלעגן אויפשטעלן די קעפּעלעך מיט תענוג און מעקען מיט הנאה. האָבן זיי אָפּגעענטפערט די בערג אַרום מיט אַ ווידערקול, — איז עס געווען ווי אַ ליוב געזאַנג צום בורא עולם. האָט זיך אָפּגערופן דער פויגל פון וואַלד און דער קוקו פון דער לאָנקע, האָט זיך געטראָגן אַ שמחה אין אַלע הימלען; נאָר איינמאָל האָבן די שעפּעלעך דעם וועג פאַרלאָרן, ווייל דער פּאַסטוך האָט זיך פאַרשפּילט אויף זיין דודעלע מיט זיין ניגון — האָבן זיי דעם וואָלפס וואָיען פאַרהערט, און ווען זיי האָבן אים דערזען, איז שוין געווען צו שפּעט.

זיצט דער פּאַסטוך ביים צופוסנס פון באַרג און שפּילט פאַר זיך; די שעפּעלעך לויפן אין אַלע טאָלן מיט אַ מעקעריי פון שרעק. דערהערט שוין אפילו דער פּאַסטוך און לויפט ראַטעווען, געפינט ער בלויז די פאַרבלוטיקטע אברים פון דער טשערעדע . . . בייזערט ער זיך אויף די געבליבענע און — באַקלאָגט נישט די פאַרלאָרענע. איז אַ צער צו זען און אַ ווייטיק צו הערן וואָס פון דעם ניגון איז געוואָרן; און די שעפּעלעך זיינען הונגעריק און ווייסן נישט דעם פּלאַץ פון דער גוטער פּאַשע, און אַ וואָלף וואָיעט און וואָיעט . . .״

דער דערציילער האָט זיך אָפּגעשטעלט און שאַרף געקוקט אויפן מגיד, וואָס איז שוין איצט געווען דורכגענומען מיט רחמנות און מיטגעפיל צו די שעפּעלעך. דערפילנדיק דעם שאַרפן קוק, האָט דער מגיד אַ ציטער געטאָן און מיט דרך־ארץ אויסגערופן:

— נאָט אייך אָפּ שלום, זעצט זיך צו . . .

— כ'וועל אייך דערציילן נאָך אַ מעשה . . .

— אדרבא, דערציילט.

בלישטשען דעם פרעמדנס אויגן מיט אַזאַ מאָדנעם בלישטש, וואָס נעמט דורך, אַז מ'זעט מער נישט קיין ייד אין אַ מאָדנעם הילוך* און אַ צעקאָלטנ־טער באָרד. בלויז אַ שאַרף פּנים, אַ שיינענדיקס; בלויז אַ הויכער שטערן, וואָס

* הילוך — אָנטאָן, קליידונג.

יעדער קארב אין אים דערציילט עפּעס; בלויז אַ פינקלען פון טיפע אויגן, וואָס ציען אַלעמען אריין אין דעם בילד וואָס ער מאָלט:

„ס'איז אַ ברענענדיקער זומער טאָג. לויפט זשאַמעלע גייער, אינדערגיך פון מארק אַ פארשוויצטער, אַ פארהאָוועטער. ס'איז שוין באַלד נאכט און ער האָט נאָך גאָרנישט פארדיינט היינט. פאַר די אויגן שוועבן אים די דריי פּעמפּיקלעך זיינע מיט די הויכע בייכעלעך פון צופיל קארטאָפל עסן. דאָס יינגערע, דודל, מיטן גרויסן וואסער קאָפּ, ליגט מן הסתם אויף דער זון און קען אפילו די פליגן נישט אראָפּטרייבן פון זיך. לויפט ער זשאַמעלע, צווישן די פורן, אפשר פאָרט — אפשר וועט זיך השי"ת דערבארעמען, עפּעס צושיקן. דער טאָג פארגייט אָבער און מיט וואָס אהיימצוגיין איז נישטאָ, פארנעמט ער זיך אין בית־מדרש אריין. האַלט מען שוין נאָך קדושה, כאַפּט ער אַ האַנטוך, וויקלט זיך אַרום אינדערגיך און נעמט דאַווענען. שטייט אים פאַר די אויגן דאָס ווייב, אַרום איר די קינדערלעך—ווילן וועטשערע. שטייט זי אין מיטן שטוב אַ פארלאָרענע, קוקט אויף די קינדער מיט אַ צעבראָכן געמיט, ווייל עפּעס זאָגן און קען נישט. פארגעסט זשאַמעלע וואו ער האַלט אין דאַווענען, און ער צערעדט זיך מיט זיין אייגן לשון: „רבונו של עולם, דו ווייסט דאָך אונדזער באדאַרף"—און צעוויינט זיך אין זיך אַזוי, אָן אַ קול, נאָר אַלע אברים כליפּען.

שטעלט זיך פּונקט דאַן אוועק דער מגיד זאָגן אַ דרשה מיט אַ מאָראַלישן ניגון, און ער בייזערט זיך און ער מוסרט, רעכנט אויס אַלע זינד און ווי אַזוי די שטראָף וועט קומען. ווארפט ער אָן אַן אימה אויף אַלעמען. משה שניידער מיט די קרומע פיס האָצקעט אונטער און האַלט אין איין בייטן די קרומע פיס אָבער קאָן זיך נישט אויספּלאָנטערן; מעכעלע שוסטער האַלט אין איין שנייצן די רויטע נאָז און קען זיך ממש קיין אָרט נישט געפינען; חנא באַלעגאָלע, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געארבעט ווי אַן אייזל און זיך זייער געיאָגט אהיים צו די טייגלעך מיט יויך, שטייט מיט אַ פּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן און האָט זיך מורא אַ ריר צו טאָן. לעבן אים שטייט אין איין פּחד אָרקע ארענדאַר, וועמעס ווייב און קינדער ליגן אין תפיסה ביים פּריץ. ער הערט אינעם מגידס קול עפּעס ווי דאָס געיאָמער פון זיין אייגן פלייש און בלוט, און קיין הילף זעט זיך נישט. זשאַמעלע גייער איז גאָר אויס מענטש—האָט ער פארגעסן וואו ער האַלט און ציטערט ווי אַ בלאַט. דעם מגידס קול שמייסט ווי מיט קראָפּיווע און קיין איין וואָרט טרייסט האָט ער נישט. שטייט זשאַמעלע אַ פארלאָרענער און דערזעט דאָס האַנטוך אויף זיך, ווערט ער שפּל ביי זיך און פאַלט אריין אין מרה־שחורה. די גאַנצע וועלט איז אים פינצטער, און דער מגיד ציקלט זיין מאָראַלישן ניגון, אָבער זשאַמעלע האָט שוין מער קיין כח נישט אויף מאָרגן אין דאָרף צו גיין."

איז די גאַנצע עדה דורכגענומען מיטן צער פון זשאַמעלען. זיי זעען אים אַ הויכן, אַן אויסגעדאַרטן און דערשראָקענעם; זיין שאָטן שוועבט דאָ איבער אַלעמען און ס'וואַקסט אַ פּאַרדראָס אויף יענעם מגיד, וואָס אויפן אָרט פון טרייסט ברענגט ער דערשלאָגנקייט. דער דערציילער קוקט אָבער נישט אויף זיי נאָר אויפן שאַריגראָדער מוכיח, וועלכער שטייט אַ בלאַסער, די אויגן האַלב פאַרמאַכט און די ליפּן ציטערן,—ווילן עפּעס אַרויסברענגען, נאָר ס'קול ווערט אים פאַרהוילן אין האַלדז. ס'דאַכט זיך אים, אַז ער זעט פאַר זיך אַן עדה אַרומגענומען מיט אַזויפיל אייגענעם צער און עלנד; שאָטנס כאַפּן אַלעמען אַרום ווי אַ רייף, און זיין אייגן קול—ס'קול פון אַ שטראָפער, פאַלט איבער די קעפּ; און די קעפּ בייגן זיך נידעריקער און נידעריקער, ווערן פאַר־פאַלן אין די שאָטנס. די פּנימער זיינען פאַרטייעט און קיין קול הערט מען פון קיינעם נישט; ווערט אים פרעמד זיין אייגן קול און ס'וואַרגט אים, נישט דאָס וויל ער זאָגן, נישט דאָס דאַרף ער זאָגן, אָבער ער קען זיך נישט צוריק־האַלטן. די צעטומלטע פּנימער רייצן אים און ער שליידערט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט; און די עדה ווערט אַלץ צונויפגעדריקטער און טוליעט זיך איין ווי וועלנדיק זיך פון עפּעס באַהאַלטן, און זיין קול שפּרינגט איבער זייערע קעפּ, און ער מיטן קול שפּרייזט אַזוי אין טונקעלן בית־מדרש איבער אַלעמענס קעפּ, איבער יידנס קעפּ. אַן אימה באַפאַלט אים און ער פאַרמאַכט די אויגן. דעם דערציילערס אויגן פינקלען נאָך אַלץ, און דאָס קול, וואָס איז ערשט געווען אַזוי שאַרף און שניידיק, ווערט פול מיט געבעט, מיט תחנונים, ווי אַ טאַטע צו אַ קינד אין צייט פון נויט:—„און איין גוט וואָרט, וואָלט דאָך זשאַמעלען אויף די פיס געשטעלט.‟

עפנט דער מגיד די אויגן און זעט גאָרנישט, ער הערט בלויז ווי דער פרעמדער ייד רעדט שוין גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. וועגן אַ ניגון וואָס יעדער באַשעפעניש זינגט, מ'דאַרף נאָר וויסן ווי אַרויסצוברענגען אים. אָט האָט ער אַ שמייסער, וואָס דערקענט אין פערדס הירזשען ווען ס'איז דורשטיק און ווען ס'וויל עסן; און רעדנדיק וועגן דעם שמייסער, צינדן זיך ביי אים נאָך מער די אויגן אָן, און לעבעדיק דערזעען אַלע דעם שמייסער מיט זיין פערד, ווי ביידע צעזינגען זיך ווען זיי פאַרשטייען זיך.

יאָגט אַ פרייד פונעם דערציילערס מויל. יעדן וואָרט איז אָנגעפילט מיט אַזויפיל ליבשאַפט, אַז אַלע דערזעען פאַר זיך לעבעדיק די פסוקים, וואָס יעדער באַשעפעניש זאָגט אין דער פרי, ווען די גאַנצע וועלט זאָגט שירה. קיינער פילט נישט מער קיין דאַך דאָך איבערן קאָפּ, נישטאָ קיין ווענט, אַלץ איז אָפן און אַלץ אַרום רעדט, זינגט מיט זיין לשון. זיי הערן דאָס שורשען פון די גראָזן, ס'מורמלען פון טייכל און פלאַטער פון בוים, און איבער אַלץ שוועבט

אזא פרייער הימל. באוויזט זיך מיט אמאָל אַ רויב פויגל און אַ שאָטן פאַר־שפּרייט זיך אַרום, ציטערן די הערצער, שטעלן זיך האָר און נעגל קאַפּויער. דעם דערציילערס קול איז אָבער פול מיט טרייסט:—„ווען נישט דער ניגון, וואָס יעדער באַשעפעניש זינגט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט."

אָטעמען אַלע אָפּ פרייער, עפּעס איז אָפּגעגאַן פון דער נשמה, דאָס צונג־לייגטע געמיט איז לינדער געוואָרן. דער מגיד וויל אָבער פאַרט עפענען דאָס מויל, נאָר דער פרעמדער ייד ווערט ווידער שאַרף און שניידיק: „זשאַמעלע, האָט זיך געלייגט אָן וועטשערע, מוכיח, און צו מאָרגנס ווען ער האָט זיך געלאָזט אין דאָרף אריין, איז אים ס'האַרץ שווער געווען. ר'האָט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען אַ חוץ אַ פינצטערע וועלט; און אפילו ווען ער איז געקומען אויף שבת אהיים, האָט ער אויך קיין מנוחה נישט געהאַט, ווייל אַ ציטער איז אים באַפאַלן דערמאָנענדיק זיך, אַז ער קען אפילו קיין עברי נישט, און זיין אייגענע תפילה האָט ער מורא פאַרן מויל צו ברענגען. שווייגט ער זשאַמעלע! ער שווייגט, מגיד, און זינקט אין מרה־שחורה! דאַרף מען אים דעם ניגון לערנען!"

דער מגיד האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיץ האָט אים אַ שניט געטאָן אין סאַמע האַרץ. וויל ער זיך דערכאַפּן, פאַרענט־פערן, און הייבט אָן מאַכן מיט די הענט, ווייל דאָס מויל עפנט זיך נישט. ער הערט, דאַכט זיך יאָ, זיין אייגן קול, נאָר ס'ווערט פאַרשניטן ווי נאָר ס'קומט צו די ליפּן; און דער פרעמדער איז עפּעס ווי העכער געוואָרן, דער געקאַרבטער שטערן—שאַרפער, און די שטימע קלינגט קלאָר און מאָנעריש:

— העלף, אַז דו קענסט!

האָבן אַלע זיך אַזש אַ וויג געטאָן. פאַר שרעק זיך אַ דריק געטאָן נעענטער צום פרעמדן, נאָר יענער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אַ זאָג געטאָן צום אָנטרייבער אויף גויאיש:

— שוין צייט אַלעקסי?

— אוודאי, סרולטשי, סערדצע.

און איידער זיי האָבן נאָך צייט געהאַט אים צו פאַרהאַלטן, איז ער שוין געווען אויף דער בידקע* און פאַרשוואונדן.

— ס'איז דער בעל־שם!

— דער מעזשעבעזשער!

— לאָמיר נאָכלויפן! קושן די טריט! בעטן אַ מופת!

* בידקע — געדעקטער וואָגן.

— דער ליים פירער!

— דער בעלפער יונג!—האָבן זיך אַנדערע דערמאָנט אין די בריוו פון גדולי־התורה קעגן בעש״ט, און געוואָלט אָפּשוואַכן דעם רושם פון די מעשות.

— ביטול תפילה!

— שאַט יידן!—האָט זיך דער מגיד ווי אויפגעכאַפּט—אַ ייד וואָס קען מיט מעשות מתפלל זיין, האָט אַ גרויסן כח.—און ווי פאַר זיך האָט ער איבערגעחזרט:

— העלף, אַז דו קענסט! און דער ניגון?

— מ׳דאַרף אים אויסלערנען, מגיד!—האָט אים שאַרף אָפּגעענטפערט אַ שטימע פון עולם.

ער האָט גענומען זוכן ווער עס האָט אים דאָס צוגעוואָרפן און דערזען פאַר זיך אַן אורח מיט אַ הויכן שטערן און אַ ווייך פנים, וואָס קוקט מילד און ארויספאָדערנדיק אינאיינעם:

— ווער אַ תלמיד!—האָט דער אורח נאָך אַמאָל אים אַ שניט געטאָן אין פנים אַריין .

דער מגיד האָט עפּעס געוואָלט אַ פרעג טאָן, נאָר דערפילט אַז יענער באַצווינגט אים מיט די אויגן, און בלויז געענטפערט:

— בין איך, און דו ווער ביסטו?

— אַ תלמיד. לייב שרהס!

— פאָרן מיר ביידע?

— מ׳קען גיין אינאיינעם. מ׳דאַרף אונדז!

לאמיר זיך געזעגענען

(פינפטע מעשה)

ס'איז געווען באַלד נאָך פּסח, האָט דער בעש"ט געזאָגט צו זיין תלמיד, ר' לייב שרהס:

— לייב, כ'וואָלט אַזוי געוואָלט זען אנשי שלומינו.

ר' לייב שרהס, אַ הויכער, אַ שטייפער, האָט נאָר אַ גלעט געטאָן די ווייסע באָרד, אַ קוק געגעבן אויפן בעש"ט מיט טרויעריק שניידיקע אויגן, אַ בליק געטאָן אין ווינקל פון הויז, וואו ס'איז געלעגן גרייט זיין טאָרבע מיטן ווייסן שטעקן, און געזאָגט:

— געזעגנט־זשע מיך . . .

האָט דער בעש"ט מיט אַ ווייכער פאָטערלעכער שטימע אים דורכגענומען און געדריקט די האַנט.

— גיי געזונט, און גריס די נאָענטע און דערפריי די ווייטע.

ר' לייב שרהס האָט זיך הינטערוויילעכ'טס דערווייטערט מיט אַ טאָרבע און שטעקן אין דער האַנט. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געווען אַרומגענומען פון פרילינג־זון און וואַרעמע פאַרע, וואָס האָט זיך געזיילט פון צעעפנטער ערד; פּויערים אויף די פעלדער, האָבן טיף געשיקט דעם אַקער אין ווייכער ערד און אַריינגערעדט אין די אויפגעהויבענע גרודעס שוואַרצע ערד מיט בטחון און האָפענונג פון וואַקסן; פרישינקע גרעזעלעך האָבן מיט פרייד זיך געוויגט אין דער וואַרעמקייט, מיט גרינקייט זיך געצויגן אַנטקעגן די לויפנדיקע ריטש־קעלעך, וואָס האָבן געריזלט דאָ און דאָרט און געוועקט פאַרשמאַכטע וואָרצ־לען, געשמאָלצן פאַרגליווערטע האַרטקייט פון טאָליקע פעלדער און אַריינגעפּלייצט אין קאַנאַוועס* מיט דערהויבענער חדווה פון לעבן.

ר' לייב שרהס האָט זיך געפילט יום־טובדיק אויפגעלייגט, וואָס ביי זיין נייער שליחות קומט אים אַנטקעגן אַזוי פיל פרייד. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג, פאַרזשמורעט די אויגן צו קענען ווייט קוקן, און אַרומגענומען מיטן בליק די פעלדער מיט פּויערימלעך אָנגעליינטע אויף די אַקערס, מיט פּויערטעס וואָס טראָגן פולע טעפּלעך עסן פאַר זייערע מענער, און אַנדערע מיט מאָטיקעס** אויף די פּלייצעס,—דאָס ווילד גראָז צווישן די תבואות אויסצורייסן.

לעבן וואַלד, וואָס קרייזלט אַרום דעם געגנט ווי אַ פּלויט אַ שטומער היטער, זיצט אַלעקסי מיט אַ ליולקע אין מויל און קוקט ווי די בהמות פּאַשען

* קאַנאַוועס — גריבער ביי דער זייט פון וועג.

** מאָטיקעס — שמאָלע לאָפּעטעס מיט וועלכע מ'רייסט אויס ווילד־גראָזן.

זיך. א פּאַסטוך האָט זיך אים, אַלעקסין, פאַרוואַלט ווערן אויף די עלטערע יאָרן. האָט ער איבערגעלאָזט די פערדלעך וואָס האָבן אַלע מאָל געוואוסט וואו צו פאָרן, כאָטש אַלעקסי איז געזעסן מיטן פּנים צום בעש"ט און די פערד קיין דעות נישט געזאָגט וואוהין צו גיין, און זיך אָנגעדונגען פאַר א דאָרפס־פּאַסטוך.

וויל ר׳ לייב שרהס זיך צולאָזן צו אים און אים גוט מאָרגן ביטן, דערזעט ער אָבער אַז אַלעקסי איז עפּעס צעחושט. אָט נעמט ער גאָר און הויבט זיך אויף מיט אימפּעט פון זיין געזעס און גראָבט מיטן שטעקן אין דער ערד, שטעלט זיך אוועק און נעמט פרעפּלען:

„אַז ווי אַזוי זאָל איך דיך דינען, האַרציקער, אַז כ׳ווייס נישט וואָס דו ווילסט. אַז אין די הייליקע מקומות האָט מען דיר גאָלדענע טאָוולען אויס־געקריצט, קען איך עס דען פאַרשטיין? אַז כ׳ווייס נישט ווי אַזוי צו קומען צו דיר אויף די עלטערע טעג . . . וואָלסטו געהאַט שאָף וואָלט איך זיי געפּאַשעט. וואָלט איך אפשר גאָר סרולטשען א פרעג געטאָן? איז ער שוין אויך אויף דער עלטער״.—פרעגט ער און ענטפערט זיך אַליין.

מיט אַמאָל דערזעט אַלעקסי ר׳ לייב שרהס און לויפט צו אים צו מיט אויסגעשטרעקטע הענט. די ווייסע לאָקן בלענדן אַנטקעגן דער זון מיט אַלט־קייט און אויסגעשטאַנענעם פּיין.

— וואָס מאַכסטו ליבינקער, טייבעלע וואָס עפּעס אַזוי פרי? און סרולטשע סערצע, וואָס מאַכט?

— מיך געשיקט די חסידים רופן—ענטפערט אים ווארעם ר׳ לייב.

— אַזוי, אומעטיק סרולטשען, וויל ער שוין אַלעמען זען . . . אומעטיק געוואָרן אויף דער עלטער . . . און אהער ציט אים נישט, האַ? נו, זאָל דיר דער וועג באַגליקן!

— וואָס־זשע פרעפּלסטו עפּעס אַליין צו זיך, אַלעקסי?—וויל ר׳ לייב פאַר־פירן א שמועס מיט אים.

— אָט, ווי דו זעסט, לייבע! ס׳בלענדט דער קאָפּ און עס רונצלט די הויט. מ׳ווערט עלנט. סרולטשע איז שוין אויך אַלט און שיקט נאָך די זייניקע. היי, שעפּעלעך מיינע, בהמהלעך טייערע, עסט קינדערלעך, עסט, ט׳זיין שפּייז פאַרן אָרעמען פאָלק!—צערעדט זיך אַלעקסי.

— אין פרידן, אַלעקסי.

— מיט גאָט, לייבע.

די לאַנקע ליגט ווייט צעלייגט צווישן בלאַטיקע וועגן, ציט ר׳ לייב שרהס די טאַרבע העכער אויף די אַקסלען אַרויף און נעמט שלינגען דעם וועג, איילט זיך וואָס פריער צו יידן אַנצוקומען. ווינקט דער וואַלד מיט גרינס פון צווייגן, שטייט אַן אַנגעלאָדענער מיט אַ גראָען טונקל אַרומגעזיימט, ער וואַרט אויף עפּעס. שפּרייזט ר׳ לייב פּאַמעלעכקע, פאַרטיפט אין רעיונות און פילט נישט די פוילע פייכקייט פון צעפּאַרעטע בלעטער, דערזעט ער אָבער ביימער מיט אָפּגעשיילטע קאָרע ווי רוי וואונד־פליש, בלייבט ער שטיין, וואונדערט זיך און דערטראַכט זיך:

„ס׳עט באַלד פאַרוואַקסן, זיך אויסהיילן.״

פון מיטן וואַלד הערט זיך אַ געסוויטשעריי און שטילער געפּלאַטער. גראָע פייגל מיט לאַנגע עקן שפּרינגען אום פון צווייג צו צווייג מיט אַ שטילן געפּילדער, ווי נישט וועלנדיק שטערן דאָס רואיקע וואַרטן פון וואַלד. אויף דער לאַנקע האָבן זיך אַ שאַרע באַטשאַנעס* אָפּגעשטעלט; אויסגעדרייט די פּיסקעס צום דאָרף און זיך אויפגעהויבן און ווייטער אַוועק. פון אַ ווייטער סאַזשלקע הערט זיך שוין דער באַנק: בו־הו, בו־הו.

אין עק דאָרף, ביים בילד פון אַ פאַרקרימטן הייליקן, שטייט אַן עדה אָפּגעריסענע פּויערטעס און איז קניענדיק מתפּלל. אויפן טראַקט רייט דער אויפזעער פון פּריצישן הויף. ער פּאָרט אויפן פעלד צו די לייב־אייגענע. אַ ציטער גייט דורך צווישן די פּויערים אויפן פעלד ווען זיי דערזען אים; ביינן זיי זיך איין ווי זאַנגען פאַר אַ שטורעם און ווערן פאַרשטומט פון שרעק. די בייטש, אַ לאַנגע און אַ פאַרדרייטע שאָקלט זיך אין זיין פעסטער האַנט. די פּויערטעס ביים צלם דערזעען דעם אויפזעער מיט דער בייטש און נעמען ציטערן אין שטילער תּפילה: „און זאָלסט זיין מיטן אָרעמען פאָלק אין זיין עלנט און נויט—״

זעט ר׳ לייב ווי די פּויערטעס בייגן די קעפּ מיט גרוים שרעק, דערזעט ער אויך די בייטש ווי זי שלענגלט זיך און שרעקט, און פילט ווי אַרום איז אַליץ שטיל געוואָרן מיט איינגעהאַלטענעם פּיין און ווייטיק. שטייט ר׳ לייב ביים אַרויסגאַנג פון וואַלד און טראַכט. דרייט זיך פּלוצים אַריין אין אַ געדיכטן קוסט און נעמט דאַווענען מיט גרוים כוונה. זעט ער מער נישט די געבויגענע רוקנס, עס פאַרשווינדט די בייטש. ס׳רעדט צו אים דער וואַלד מיט שטילן פלאַטער, גלעט אים ס׳פרילינג ווינטל מיט ווייכקייט ווי דער לאַשטש** פון

* באַטשאַנעס — שטאָרכן. זיי זיינען פון די ערשטע פייגל וואָס קומען אין פרילינג פון די וואַרעמע לענדער.

** לאַשטש — גלעט.

א קינדעריש הענטל, און זיין האַרץ ווערט צעגאַנגען פונם תענוג פון וואַקסן; אפילו אַז דאָס וועוויריקל מיטן גרויען פּעלכל נאָך, איז אַריבערגעשפּרונגען איבער זיין קאָפּ, האָט עס אים אויך נישט צעמישט. פאַרקערט, ס'האָט אים נאָך מער אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ — „דאָס שוואַכסטע אַפילו טראָגט איבער דעם שווערן עול — האָט ער צו זיך געזאָגט — איז דאָך דער עיקר טאַקע נאָר...״ ער האָט אָבער נאָך נישט געענדיקט דעם געדאַנק, ווי אין דער זייט פון קוסט האָט זיך עמיץ מיט אַן אימפּעט אַריינגעוואָרפן און געבליבן ליגן מיטן פּנים אַראָפּ אין איין שרעק. איבערן וועג האָט אַ קאַטש מיט פיר פערד נאַשפּיץ זיך אַ יאָג געטאָן. רייטער פאַרויס, און דערנאָך האָבן אַ הילך געטאָן קנאַלן פון לאַנגע בייטשן, ווי די שטילקייט וואָלט זיך געבראָכן און געטרעשטשעט. האָט זיך ר' לייב אויך דערשראָקן און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אין קוסט אַריין. זעט ער ווי דער וואָס איז אַריינגעפאַלן אין קוסט, ליגט אַ האַלב־פאַרחלשטער, נעמט ער אים מונטערן:

— זאָרגט נישט, ר' קרוב, כ'וועל אייך נישט אויסגעבן.

עפנט יענער די אויגן און פאַרמאַכט זיי צוריק אין שרעק.

— האָב רחמנות, ליכטיקער פּריץ, אויף אַן אָרעמען אַרענדאַר, האָב רחמנות.

דערקענט ר' לייב אַז ס'איז מאיר, דער ייִדישער אַרענדאַר פון דאָרף, און באַרואיקט אים.

— זעסט דען נישט אַז ס'איז איך, לייב שרהס? וואָס איז געשען?

דערהערט דער פאַרחלשטער אַרענדאַר ייִדישע רייד, און אַזוי ווייך און האַרציק ווי אַ טאַטע צו אַ קינד ווען ער געזעגנט עס אין אַ ווייטן וועג, עפנט ער די אויגן און פרעגט גלייך.

— שוין אַוועק די רשעים? צום טויט וואָלטן זיי מיך פאַרשמיסן, ווען זיי כאַפּן מיך. מיין הויז־געזינד וואוינט שוין דריי טעג ביים גאַיאָווע*, מיינער אַ פריינד, און איך בלאָנקע זיך דאָ אַרום, געוואָלט וויסן וואָס איז פון מיין האַרעוואַניע, פונעם ביסל אָרעמקייט געוואָרן; אַלץ האָבן זיי צעבראָכן, דעם בראָנפן אויסגעטרונקען, די פעסער צעטראַסקעט. געלויבט ביסטו גאָט, אַבי זיי זיינען שוין אַוועק.

וויל ר' לייב וויסן וואָס ס'איז געשען. דערציילט אים דער אַרענדאַר, אַז פאַרן דאָרף איז דאָ אַ בריקל, אויף וועלכן דער אַרענדאַר דאָרף אַכטונג געבן ס'זאָל זיין גאַנץ. איז אָבער פונעם ווינטערדיקן שניי אַ גרוים געוויסער**

* גאַיאָווע — וואַלד־היטער.

** געוויסער — פאַרפלייצונג.

געוואָרן און דאָס בריקל זעט זיך נישט ארויס, און אַז אַ פּריץ וויל איצט דורכפאָרן, איז דער אַרענדאַר מיט זיין הויז־געזינד מיטן לעבן נישט זיכער. איז אַלע יאָר, ווען ס'קומט פרילינג צייט, לאָזן זיי ס'הויז אויף הפקר און אַנטלויפן פאַר שרעק, ביז דאָס וואַסער רינט אָפּ און דאָס בריקל ווערט פאַרריכט.

טרייסט אים ר' לייב שרהס:

— אבי ס'חיות גערעטעוועט, אלא מלקות קריגן, איז דאָך שוין אַן אַלטע זאַך. און ער דערציילט אים פונעם אויפזעער מיט דער בייטש און די גרויסע שרעק פאַר איר.

אַלע שרעקן זיך, וועט דאָך די שרעק מוזן אַמאָל צוקומען צום פּריצס הויף און אַ ציטער טאָן אין אַלע צימערן זיינע. וועט ער אַרומלויפן פון איין חדר אינעם אַנדערן זיך באַהאַלטן, און נישט קענען געפינען קיין אָרט צו באַהאַלטן זיך . . . דאָס געוויסער וועט אָבער אַלעמאָל זיין און וועט פייכט מאַכן די ערד און זי וועט אַרויסגעבן פון זיך ברויט און גראָזן פאַר יעדער באַשעפעניש.

אַ געטרייסטער, האָט דער אַרענדאַר זיך געזעגנט און אַוועק, און ר' לייב שרהס האָט זיך געלאָזט ווייטער אויספירן זיין שליחות.

ב

איז וואו ער איז געקומען, האָבן חסידים אים אַרומגערינגלט און געוואָלט וויסן וואָס ס'הערט זיך: „וואָס מאַכט דער בעש"ט און וואָס הערט זיך אין ידישע שטעט?" טוט ר' לייב אַ גלעט די ווייסע באָרד, נעמט זיי אַרום מיט די גוטע אויגן און דערציילט פון בעש"טס וועלן זיך זען מיט די זייניקע און פון אַלץ וואָס ער האָט אויפן וועג געזען. שטייען ידן פאַרדאַגהטע און הערן זיך איין מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— וואָדען, זיי איז דען בעסער? זיי זיינען דאָך עבדים כנענים (קנעכט).

— דאָ נישט לאַנג, פאַרציט איינער אַ מעשה,—איז איינע פון זיי געקומען צום בעש"ט און געוויינט מיט ביטערע טרערן: „ביסט דאָך אַזאַ הייליקער ראַבין, העלף אונדז אויך ווי דו העלפסט די דייניקע. אַז קיין ברויט איז אין הויז נישטאָ, דעם פאַראָבעק* האָט דער פּריץ פאַרשמיסן, און די קינדער זיינען געשוואָלן פון הונגער."

שטעלן ידן אָן מויל און אויערן און הערן ווייטער: „האָט דער בעש"ט איר

* פאַראָבעק — פּריצס דינער; זי מיינט איר מאַן.

געהייסן זיך אויפהייבן פון דער ערד און צוגעזאָגט צו בעטן פאַר איר, און איר מיטגעגעבן אַ זעקל מעל אין הויז אַריין."

— גאָטס באַשעפעניש—גיט ר' לייב צו פאַרשטיין—דאַרפן געהאָלפן ווערן.

ווילן יידן פאַרבעטן דעם גאַסט אויף וועטשערע, איז איידער מ'קוקט זיך אום איז ער שוין נישטאָ. ווייל ר' לייב האָט זיך זייער געאיילט, געוואָלט וואָס מער שטעטלעך באַזוכן און וואָס אַ גרעסערן עולם צום בעש"ט ברענגען. האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ר' לייב שרהס איז נעלם געוואָרן מיינט, אַז ס'איז קיין צייט נישטאָ, מ'דאַרף זיך איילן. האָבן זיי גענומען די טלומיק־לעך, אַריינגעלייגט טלית און תפילין מיט אַ לאַבן ברויט און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. טייל,—האָבן די ווייבער נישט געלאָזט, קינדער האָבן צוגעהאַלטן, האָבן זיי זיך שטילערהייט אַרויסגעגאַנוועט פון די הייזער, געזאָגט אַ זיי־געזונט צו די שלאָפנדיקע און אַרויס הינטער דער שטאָט. האָט מען זיך באַגעגנט וואו די וועגן צעשיידן זיך.

— שלום עליכם אַ ייד?

— עליכם שלום!

פרעגן דאַרף מען נישט. אַלע וויסן וואוהין מ'גייט. גייט מען צום ערשטן שטיל אָן ווערטער. דערנאָך, אַז ס'ווערט שווער דאָס שווייגן, רייסט איינער איבער:

— געוועזן ביי אייך ר' לייב שרהס?

— געוועזן און נעלם געוואָרן.

— וואָס איז עפּעס?

— אויף שבועות געהייסן קומען. אפשר משיחן ברענגען?

— ס'איז שוין טאַקע נישט איבערצוטראָגן; ביי אונדז האָט דער רב געוואָלט די דריי אותיות (חרם) אויסרופן—דערציילט איינער מיט שרעק.

— זינט דער ימח שמו* האָט דאָס רענדל געביטן, היטן זיי אַזוי די רבנים, אַז זיי זיינען אַלעמען חושד, רחמנא ליצלן.

— גרויסע רבנים און זיינען נישט קיין מבינים אויפן אמתן ליכט—צע־קרעכצט זיך אַן אַנדערער.

— גלייבער נישט רעדן קיין שלעכטס אינמיטן וועג—וויל אַן אַנדערער אַריבערפירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— האָט איר געהערט פונעם טלוסטער דוכס סוף?

* געמיינט פראַנקן וואָס האָט זיך געשמדט.

שטייען זיי שוין לעבן א נייעם וועג, און א פרעמדער ייד מיט א טלומיקל אויף די פלייצעס טריטלט זיך לאנגזאם מיט א ניגונדל, קוקנדיק מיט ליבשאפט אויף דער וועלט, וואס זינגט מיט אזוי פיל גרינס און גראז אז ס'פארכאפט דאס אויג; דאס ווארעמע זאמד רייבט די צעפארעטע פיס אין די שווערע שיך, פאלט איינער אויף א פארטל*: זעצט זיך אנידער און ווארפט אראפ די שיך. בינדט זיי צו צום טלומיקל און נעמט קנעטן דאס זאמד בארוועסערהייט. קילט עס אזוי און בריט מחיהדיק, טוען אלע אזוי. גייען בארוועסע יידן מיט טלומיקלעך אויף די פלייצעס און ציען נאך א ניגונדל, העלפט זיי אונטער דער נאענטער וואלד מיט א שטילן פלאטער פון גרינע בלעטער.

גייט זיי נאך דאס ווידער קול פון קוק־קו, ערגעץ וויט באהאלטן אין די קוסטעס. פליען פארביי זומער־פייגעלעך, ווייסינקע, מיט זיידענע באַשפרענקלטע פעדערלעך, גיבן א זום דורך מיט לופטיקייט און פרייד און פארשווינדן. איבערן קאפ ברענט די זון, איילט מען זיך צום נאענטן וואלד. שטייען פויערים אויף די פעלדער מיט שוויס באגאסן און ארבעטן געזונט און שטארק, קאסען מיט געמאסטנקייט און קראפט די הויכע גראזן, בלישטשען די קאסעס און בלאנקן אנטקעגן דער זון, באגריסט מען זיך און מ'גייט ווייטער.

לעבן א קוואל רוט מען זיך אפ און מ'פארבייסט וואס מ'האט. אויף נאכט־לעגער איילט מען אין א קרעטשמע אריין. טרעפט מען שוין דארט נאך „גייערס" און ס'ווערט א רעדל פון אורחים. געלעגערס איז נישטא פאר אלעמען, טאנצט מען אינאיינעם.

ציען יידן פון אלע פיר זייטן אריין קיין מעזשעבעזש. קומען חברותתווייז— מיט געזאנג, און איינציקווייז—מיד און פארמאטערט. איז שוין באלד ערב שבועות און יידן קומען אלץ מערער מיט טלומקעס אויף די פלייצעס און אויפגעהויבענע קעפ—מ'וויל גלייך זען צי אלץ איז ווי געווען אין מעזשעבעזש.

— ווי אין ארץ ישראל אמאל—גיט אן אלטער חסיד, מיט א צעריסענער זיידענער קאפאטע, צו פארשטיין—ווען מ'פלעגט עולה רגל זיין. מיט געזאנג און מתנות איז מען געקומען קיין ירושלים.

זיינען אלע הייזער אין מעזשעבעזש געווארן ווי איין הויז. די באלעבאטים האבן אפגעטראטן זייערע פלעצער צו די געסט, די אלטע געסט צו די נייגעקומענע. זאל קיינער נישט זאגן אז ס'איז אים ענג אין מעזשעבעזש. מ'שלאפט אויף די בוידעמער און אויף די הויפן. אונטער דער שול שטייען גרויסע קעסלען און קאכן טאג און נאכט, צו געבן עסן דעם געקומענעם

* פארטל — עצה.

עולם. די רייכערע האָבן געבראַכט מיט זיך רענדלעך, גיבן זיי עס ר׳ לייב שרהס און ער פאַרטיילט שוין פאַר אַלעמען. אַנדערע העלפן צו, קאָכן, וואַשן און באַקן. ווייל ס׳זיינען דאָרט געווען זייער אַ סך פון פשוטן פאָלק: בעקערס און קצבים, שניידער און שוסטער און בלעכערוואַניקעס. איז דאָרט אויך געווען יאַנקל סטעלמאַך פון טלוסט, האָט ער געמאַכט גרויסע דייזשעס און די בעקערס האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל און געקנאָטן, צוזינגענדיק ניגונים נייע און שיינע וואָס די בעל־תפילות האָבן געלערנט.

פאַרנאַכט האָט מען זיך אַרום שול פאַרזאַמלט, געדאַוונט צוזאַמען און געפּראַוועט אַ סעודה, און פאַר גרוים פרייד וואָס מ׳איז אינאַיינעם, האָט מען פאַרגעסן אַז ס׳איז ענג און אַז ס׳איז ווייניק עסן.

האָבן די אַרומיקע גויים זיך געוואונדערט און אויך געוואַרט וואָס ס׳וועט ווייטער זיין. נאָר איין אַלעקסי האָט אין שטאָט אַריין נישט אַריינגעשמעקט. אַז ר׳האָט געזען ווי אַלע ציען אַזוי אין שטאָט אַריין, האָט ער נאָר געשמייכלט אין די גראָע וואָנצן אַריין:—„אויף דער עלטער —וויל ער זיי אַלעמען זען.״

און ווען ר׳האָט געזען אַז ר׳ לייב שרהס איז שוין אויך צוריקגעגאַנגען, האָט ער זיך אפילו אויסבאַהאַלטן, כדי ער זאָל אים נישט באַמערקן, ווייל אַלעקסין איז זייער אומעטיק געווען אויפן הארצן:

„אַז זיי האָבן וואו צו גיין—האָט ער זיך געטראַכט—אָבער וואו וועט סרולטשע גיין?״

אַ בענקשאַפט האָט אים אָנגעכאַפּט צו גיין זען סרולטשען, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן: „מיינע שעפּסעלעך עסן דאָך אַזוי גוט דאָס גראָז, זאָל זיי וואויל באַקומען״—האָט ער זיך געטרייסט און איז נישט געגאַנגען.

איז דער בעש״ט צו אים געקומען. שבת פאַר שבועות איז דאָס געווען. מ׳האָט אָפּגעגעסן די שבתדיקע סעודה. דער גאַנצער עולם האָט זיך געשטעלט אונטערן בעש״טס פענצטער. די פענצטער—אָפענע און צעפּראַלטע—האָבן אַרויסגעטראָגן דאָס געזאַנג פון בעש״טס נאָענטע תלמידים, וואָס האָבן אָנגע־פילט דאָס הויז און געטאַנצט אַ רעדל. אין מיטן רעדל אין דער בעש״ט, אַ בלייכער פון דער לאַנגער קרענק, געשטאַנען אַ פאַרמוחטער. דער רבי, ר׳ בער, איינגעהילט אין וואַרעמע מלבושים צוליב זיין שוואַכקייט, איז געלעגן אָנגע־ליינט אויף אַ ווייכער שטול און זיך צוגעקוקט מיט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן. דער רב פון פּולנאָ* איז געשטאַנען אין אַ ווינקל ווי אַלעמאָל: די ברעמען

* דער רב פון פּולנאָ — באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען: דער „תולדות" אָדער דער „מגיד פון שאַריגראָד".

אראָפּגעלאָזט, דאָס מויל פאַרמאַכט און קוקנדיק שאַרף, אין האַלבן רוגז. ר׳ דוד פּאַרקעס, אַן אויסגעאיידלטער, אַ בלאַסער, האָט קוים נאָכגעשלעפּט די פיס פון טאַנצן און זינגען צוזאַמען; און ר׳ לייב שרהס, אַ ליכטיקער, אַ הויכער, האָט פול מיט פרייד זיך געדרייט אין רעדל און כסדר אויסגעשריען:
—גוט שבת, יידן, גוט שבת!

און דאָס רעדל ווערט אַלץ גרעסער, ווייל די וואָס שטייען נאָענט צו דער טיר, כאַפּן זיך אַריין אין הויז און טאַנצן מיט. און דער עולם אין דרויסן שווייגט אויך נישט: טוט אַ לאָז אַרויס אַ ברום ווי אַ וואַסערפאַל און גיט זיך מיט אַמאָל אַ צעזינג מיט אַ געשאַל פון אַ וואַלד אין שטורעם. טוט זיך אַ צעכוואַליע די גאַנצע געגנט אַרום און קלינגט אָפּ אין גאַנץ מעזשעבעזש. שטייט יונג און אַלט און וואַרט וואָס ס׳וועט ווייטער זיין.

מיט אַמאָל דרייט זיך דער בעש״ט אויס און נעמט זיך מאַכן אַ וועג אינעם רעדל און גייט אַרויס אין דרויסן. שטייט מען קעפּ אויף קעפּ, אָבער מיט דרך ארץ. וואַרפט ער אַ ליכטיקן קוק אויפן עולם און ווערט דורכגענומען מיט גרויס פרייד. פאַרמאַכט ער די אויגן און זעט דעם וואַלד מיט דער קרעניצע, וואָס ריזלט אַזוי קלאָר איבערן פעלז צום ווייסן באַרג. זעט ער שוין אויך זיין הייזל דאָרט מיט די ווייסע פענצטערלעך וואָס שטייען אַליין אין וואַלד און קוקן אַרויס צו דיביימער, וועלכע ליגן איבערן הייזל ווי אַ חופּה. קוקט אויף זיי אַ קרומער בוים מיט דריי פאַרהויקערטע וואָרצלען מיט קנאה, וואָס זיי שטייען אַזוי נאָענט און זיינען גליך, און ער שטייט ביי דער סטעזשקע וואָס פירט צום הויז און איז אַ קרומער. פאַרקרימט זיך דעם בעש״טס פּנים פון ווייטיק און ער דערזעט די רויכיקע טעג הינטערן פאַרקויף־טיש אין דער קרעטשמע. דערפילט ער דעם רויך פון די פויערישע ליולקעס און דעם שווערן גערוך פון בראַנפן, און דרייט אַוועק דעם קאָפּ צום איינציקן פענצטערל אינעם בוידעם־שטיבל. זעט ער שוין אויך דעם גאַנצן וועג וואָס פירט אין וואַלד אַריין. עמיץ גייט דאָרט מיט איילנדיקע טריט, נעמט ער אויך שפּאַנען אַרויס הינטער דער שטאָט.—דער עולם נאָך אים, גייט אויפגערוימט מיט יום־טובדיקער פרייד און מיט געזאַנג אין מויל.

אַלעקסי איז פּונקט דאַן געלעגן אונטער אַ בוים און געדרעמלט נאָכן מיטאָג עסן. דאַכט זיך אים, ער הערט אַ שאַרכן עפּעס גאָר נאָענט. הייבט ער זיך אויף, טוט אַ מאַך אַ פויסט אַן אָפּנעג, פאַרשטעלט די אויגן פון דער זון און נעמט קוקן. קוקט און קוקט און קען נישט פאַרשטיין.

—אַלע גייען זיי? וואָס איז עפּעס?—פרעגט ער זיך, אָבער באַלד צע־שטראַלט זיך די פרייד אויף זיין פּנים:

—ער קומט צוריק, סרולטשע, ער קומט צוריק, דער טייערינקער. לאָמיך

אים אקעגן גיין! עד, שעפּסעלעך מיינע, טייערינקע טייבעלעך, סרולטשע קומט צוריק!

האָט דאָס ר׳ לייב שרהס דערזען פון וויטנס, איז זיין פּנים ליכטיק געוואָרן. ר׳ דוד פּאָרקעס האָט אזש א נייעם ניגון פארצויגן, און דער בעש"ט האָט מיט אָפענע אָרעמס אַלעקסין אויפגענומען.

גאַפּט דער עולם און וואונדערט זיך און וואַרט. פון פארוואונדערונג האָבן די ניגונים פּלוצים אויפגעהערט. גייט מען שטיל און פארטראַכט; הערט מען נאָר דאָס שטילע געזאַנג פון וואַלד: א פויגל שרייט זיך איבער מיט א פויגל פריי און פריילעך. א בלעטל אויף א צווייג טוט זיך א רייב אָן א צווייטס און טוט א ציטער; לויפט דורך א דערשראָקענער האָז און פארקריכט אין א קוסט. קוקן אראָפּ די וועווערקעס אין גרויס איבערראַשונג, פארגעסן דערוויייל צו פארענדיקן דעם שפּרונג וואָס זיי האָבן געוואָלט מאַכן. ש, ש, ש, אַלץ וואַרט.

מיט אַמאָל הייבט דער בעש"ט אָן אַזוי:

„דער צער פון געבוירן ווערן, איז גרעסער פון דעם צער פון אַלע טעג אויף דער וועלט, און דער צער פון יעדן טאָג אויף דער וועלט, איז הארבער פונעם צער פון טויט."

ווערט דער עולם שטילער פון שטיל, טוט זיך א בייג ווי די זאַנגען אין פעלד און הערט: „דעם קינד אין דער מאַמעס בויך איז פינצטער, זויגט עס דער מאַמעס זאַפט, און אז ס׳קומט די צייט ס׳זאָל פאַלן אויף דער וועלט, איז די מאַמע אין סכנה און דאָס קינד יאָמערט: ס׳האָט מורא פארן ליכט פון טאָג, פארן ווייסן שיין, פאר טעג און נעכט פון זיין אליין, פאר טעג און נעכט פון שווערער מי. נעמט מען עס איין מיט גוטע רייד, מ׳וויגט עס איין מיט א ניגון, ביז ס׳לערנט זיך אוים קוקן אַלעמען אין די אויגן אריין. איז א פרייד אין הויז ביי טאַטע־מאַמע און דעם קינד איז אומעטיק: ס׳ווייסט נאָך נישט וואָסער ברכה צו מאַכן אויף דער וועלט; און אז עס לערנט זיך שוין אוים די ברכה, דערמאָנט עס זיך ווי מ׳האָט עס אין דער מאַמעס בויך געלערנט און ס׳יאָמערט ווידער: כ׳וויל נישט אוועקגיין פון דער וועלט. זאָגט מען דעם: האָסט דעם ניגון אויסגעשפּילט, צי מיט אים צום ערשטן וועג" . . .

פארשטייט נישט דער עולם וואָס דאָס מיינט, אַלעקסים פּנים שיינט:

— דאָס הייזעלע איז אויסגעווייסט נאָך, די קרעניציע קוועלט נאָך, סרולטשע!" — מורמלט ער שטיל.

—„און ווי איר זעט יידן—ציט דער בעש"ט וויטער—וואַקסן אַלע יאָר די גראָזן, און אז ס׳קומט די צייט פאר א גרעזעלע צו קומען אויף דער ערד, בעט

עס זיך: האָר פון דער וועלט, לאָמיך בעסער זיין וואו איך בין. כ'האָב מורא אויף דער ערד צו גיין, דאָרט זיינען דאָ ווינטן און שלאַקס־רעגנס. מענטשן וועלן טרעטן און רייסן אברים פון מיר, לאָמיך בלייבן וואו איך בין. נעמט מען עם איין מיט אמתע רייד: גיי אויף דער וועלט און פאַרשפּרייט אַ גוטן ריח, ווינטן וועלן דיין ריח צעטראָגן אין שטעטל אַריין, מענטשן וועלן קומען און הנאה האָבן, און דו וועסט גיין צוריק פון וואַנען דו ביסט געקומען. פאָלגט דאָס גרעזעלע און הערט זיך אַלעמאָל איין וואָס דער ווינט זאָגט, און טרינקט דעם טוי פון הימל און וואַקסט" . . .

שטייט דער עולם אין איין ציטערניש נישט צו פאַרלירן חלילה אַ וואָרט, און אַ גרויסע בענקעניש נעמט זיי אַרום. ווייסט מען נישט צו וואָס מ'בענקט, שטייט מען פאַרחלשט און מ'זעט ווי דער בעש"ט גייט אַרומגענומען מיט אַלעקסין. שטעלן זיי זיך ביידע אָפּ לעבן אַ הויכן בוים מיט אַ סך בלעטער, קוקן זיי ביידע אויף אים מיט ליבשאַפט, נעמען אים אַרום מיט שיינענדיקע פּנימער און בלייבן אַזוי שטיין. ס'איז שטיל אַרום. נאָר אַ שטיל שעלעשטשען גייט אַרום אין וואַלד. דאַכט זיך מיט אַמאָל אויס, אַז עמיץ גייט אַרום און וויקלט אַלעמען אַרום מיט אַ זיידענער באַנד. האָבן אַלע דערפילט אַזאַ פריידין דער נשמה, אַז זיי האָבן אַזש פאַרמאַכט די אויגן פון גרויס תענוג און אַלעהאָבן געהערט דאָס געזאַנג פון וואַלד; אַלע האָבן דערפילט דעם ציטער פון די געבויגענע גראָזן און זיינען דורכגענומען געוואָרן מיטן צאַפּל פון די לעבעדיקע באַשעפענישן אויף די ביימער און אונטער די וואָרצלען; און אַלע האָט צוזאַמען מיט זיי מיטגעטאַנצט, מיטגעאָטעמט לייכט און לינד ווי אַ זומער ווינטל נאָך אַ הייסן טאָג.

ערגעץ ווייט האָט אַ קוועלעכל זיך געריזלט איבער פאַרטריקנטע בלעטער. שטיל האָט עס געמורמלט, האָט זיך אַלעמען אויסגעוויזן אַז זיי פאַרשטייען דאָס מורמלען. זיי, דאַכט זיך, מורמלען אַליין אויך אַ שטילע תפילה, און זיי האָבן אַליין נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס'טראָגט זיך דאָס שטילע מורמלען אָן ווערטער; אַ געמורמל וואָס ווייסט אַלע סודות, וואָס פאַרשטייט די שפּראַך פון גראָז און פעלד. האָבן זיי אַזוי מיט זיך געוועדט ווי האַרץ צו האַרץ, און פון דעם האָט זיך אַרויסגעצויגן אַ ניגון אַ שטילער און אַ ווייכער מיט אַזאַ טרויער געמישט מיט פרייד—די פרייד פון וואַקסן און דער טרויער פון וואַקסן. און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיי געזען דעם וואַלד אָפּן און פריי, גראָזן האָבן צו זיי לעבעדיק געוואונקען, און זיי זיינען געווען איין שטיק.

ווען זיי האָבן געעפנט די אויגן, האָט דער בעש"ט געהאַלטן אַלעקסים האַנט ווי צום געזעגענען. פון דער לאַנקע איז אַ שעפּעלע אַנגעלאָפן און געמעקעט.

אין שטאָט אריין איז מען צוריקגעגאַנגען מיט געזאַנג. יעדערער האָט אָבער געפילט, אַז דער גרויסער יום־טוב איז שוין אַריבער, און וויפיל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט דערמאָנען דאָס לשון פון וואַלד, האָבן זיי נישט געקענט.

דער בעש״ט איז אוועק צו זיך אין הויז אריין אַ פאַרמאַטערטער און זיך אין בעט אריין געלייגט. איז אַ גרויסע שרעק אָנגעפאַלן. איינער דעם אַנדערן האָט מורא געהאַט צו זאָגן, מ׳האָט עס אָבער געפילט ביי זיך: „דאָס איז די צוואה פון בעש״ט געווען,״ — און אַלע האָבן געוואָלט גוט פאַרשטיין וואָס ס׳מיינט. איז דאָך אָבער שבת, מ׳טאָר נישט דאגהן, האָט ר׳ דוד פאָרקעס זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן מארק און געצויגן אַ ניגון. האָט עס אָנגענומען ביים הארץ, אַזוי יאָמערלעך און מאַראַליש* איז עס געווען. איז אָנגעקומען ר׳ לייב שרהס און אריינגעשריגן: „שבת, יידן, שבת!״ זיין קול האָט זיך אָבער געבראָכן פון גרויס צער. און דער בעש״ט איז געלעגן אין בעט אקעגן פענצטער און זיך צוגעקוקט אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער געהייסן רופן ר׳ לייב שרהס און אַלע נאָענטע תלמידים.

ג

אַ גאַנצע וואָך איז דער בעש״ט שוין פון בעט נישט אַראָפּ. די תלמידים זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון אים, און דער בעש״ט איז מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָן אָפּגעשוואַכטער געלעגן און זיך איינגעהערט וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. פון צייט צו צייט האָט ער די אויגן געעפנט און געקוקט אויף די אַרומיקע מיט ווייכקייט. האָבן זיי געפילט אַז ער געזעגנט זיך מיט זיי מיטן בליק און געפּרואווט אים וועקן, פרעגן עפּעס, ער האָט אָבער נישט געענטפערט, אַזוי שוואַך איז ער געווען. נאָר שבועות ביינאַכט ווען אַלע תלמידים זיינען אוועק אין שול זאָגן „תיקון״**, האָט ער זיך איבערגעכאַפּט און געטראָפן לעבן זיך נאָר ר׳ לייב שרהס. האָט ער אים אַ וואונק געגעבן ער זאָל זיך צובייגן צום בעט:

— לייב, הערסט עפּעס? — האָט דער בעש״ט קוים אַרויסגעשעפּטשעט.

— חסידים זאָגן תיקון — האָט ר׳ לייב שטיל געענטפערט.

— יאָ, קעגנאיבער דעם פענצטער וואוינט אַ שפּילפויגל — האָט אים דער בעש״ט ווי איבערגעגעבן אַ סוד — זינגט ער אַ חתונה ניגון איצט. הערסט ווי דער פויגל צעגייט זיך פון תענוג? דאָס טרעלט ער איצט צום באַדעקנס . . .

* מאַראַליש — טרויעריק, צוגעלייגט.
** תיקון — ספּעציעלע תפילות וואָס מ׳זאָגט שבועות ביינאַכט.

ארום איז שטיל געווען. דורכן פענצטער האָט אריינגעקוקט אַן אויסגע־שטערנטער סודותדיקער הימל. די בעזביימער האָבן אריינגעשמעקט מיט אַ שאַרפן ריח. פון טייכל האָט זיך געטראָגן אַ כאָר פון קוואַקנדיקע זשאַבעס; אַ שטילער פלאַטער פון די גראָזן און ביימער האָט זיך אַלע ווײַלע דורכגעטראָגן און דערציילט פון דרויסנדיקער וועלט, און אין דעם אַלעם האָט זיך אריינגע־צויגן אַ בענקענדיק טרעלן פון אַ שפּיל פויגל. דער בעש״ט איז אַ ווײַלע געלעגן שווייגנדיק און דערנאָך ווידער געפרעגט:

— לייב, ביסטו אויך מרגיש דאָס געזאַנג פון דער וועלט?

— כ׳האָב דאָך אייך דערציילט, רבי, וואָס כ׳האָב אין די שטעט און אין די דערפער געזען. דאָס פשוטע פאָלק לעבט אין גרויס דחקות. דער יאָך פון פרנסה איז שווער און גזירות מערן זיך. ווען נישט דער ניגון וואָס זינגט פון יעדן ארויס, וואָלט חלילה —

— ווייסט, לייב—האָט אים דער בעש״ט איבערגעהאַקט—כ׳האָב מהרהר געווען, אַז ווען מ׳גייט צווישן בערג, גייט מען זייער אָפט בארג אַראָפּ, און ווען מ׳קומט שוין גאָר אַראָפּ, זעט מען ערשט אַז ס׳הייבט זיך אָן אַ נייער בארג ארויף. רוט מען דערווײַל אָפּ אונטערן בארג און מ׳גייט ווייטער בארג ארויף . . . דאַרפסט זיי זאָגן לייב, אַז ס׳איז אַזוי ווי אַ קייט וואָס איין רינ־געלע איז באַהאַפטן אינעם אַנדערן, אַז ס׳קומט צום סוף פון איין רינגעלע, הייבט זיך אָן אַ נייס.״

זײַנען דערווײַל אָנגעקומען די תלמידים און זיך שטיל אָוועקגעשטעלט לעבן בעט. דער רבי, ר׳ בער, האָט פאַר גרויס שוואַכקייט זיך געמוזט צולייגן. האָט עס דער בעש״ט באַמערקט און געזאָגט:

— בער, דײַן גוף וועט דיך אַמאָל רופן לדין פאַרוואָס דו פּייניקסט אים, און די נשמה וועט עדות זאָגן קעגן דיר. ווײַל כ׳האָב אַליין געזען ווי אַ וואַסער־טרעגער האָט געדאַוונט מיט גרייזן און כ׳האָב אים מקנא געווען, וואָס ער האָט געזען ביים דאַווענען אַ גוטן אָנבייסן, און מיט דעם כח האָט ער שוין געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. כ׳בין בטוח אַז זײַן תפילה איז אָנגענומען געוואָרן.

דער רבי, ר׳ בער האָט נישט געענטפערט, ווײַל ר׳האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין וואָרט פונעם בעש״ט. האָט דער בעש״ט זיך ארומגעקוקט און דערזען ר׳ דוד פאָרקעס מיטן אויסגעבלייכטן, איידעלן פנים, האָט ער אים צוגערופן.

— דוד, זאָג מיר, וואָס טוסטו מיט אַ ניגון וואָס פאַרענדיקט זיך?

— כ׳הויב אים אָן נאָך אַמאָל—האָט ר׳ דוד פאָרקעס ווי אין שרעק געענטפערט.

— און אז דו קומסט ווידער צום סוף?

— זינג איך איבער דעם ערשטן פאל . . .

— הייסט עס,—האָט דער בעש"ט געצויגן ווייטער—הייסט עס, לייב, אז מ'ענדיקט מיט דעם וואָס מען האָט אָנגעהויבן און דער ניגון ציט זיך ווייטער. ביסטו, הייסט עס, גערעכט לייב, אז ווען נישט דער ניגון וואָלט חס ושלום די וועלט קיין תקומה נישט געהאַט. זינגט זשע דעם ניגון ווייטער!

אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווייל דאָס פּנים פונם בעש"ט איז געווען שטאַרק פאַרענדערט פון דער שלאַפקייט, דאָס קול גאָר אָפּגעשוואַכט און ס'האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אז איין הויכער אָטעם וועט דאָס קול צונישט מאַכן, דערדריקן, און זיי האָט זיך דאָך געוואָלט אַזוי שטאַרק הערן. האָבן זיי אפילו מורא געהאַט איבערצואַווינקען זיך, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן קיין אויג פון זיין פּנים, וואָס איז געלעגן קעגן דעם אויפשיינענדיקן מאָרגן, אָפּן און באַלויכטן מיט אַן אויסטערלישער שיינקייט.

מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבן מורמלען פאַר זיך. קוים וואָס מ'האָט געקאָנט הערן אַ שאָרך פון אַ קלאַנג: „מ'דאַרף ענדיקן דאָרט וואו מ'האָט אָנגעהויבן."

פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דער וואַלד און דאָס פעלד. די קרעניצע האָט זיך געבלעזלט מיט שטילער רואיקייט און געכישופט מיט אַ סוד פון אונטער דער ערד. איז פון אַ זייט אַפּערגעשוואומען דאָס געשטאַלט פון ר' גרשון קוטעווער מיטן שוואַרצן ספּאָדיק*, פאַררוקט איבערן הויכן, שאַרפן שטערן. האָט זיך אים געדאַכט ווי ער זאָגט צו אים:

„ישראל, קענסט נאָך אַלץ קיין שייטל** עברי נישט? עס האַרץ דו, גיי בעסער אין דאָרף אַריין!" און באַלד טאַנצט אים אַנטקעגן אויפן ברייטן טראַקט די האָפּעררדיקע געשטאַלט פון זשאַמעלע גייער. מיט אַ ברייטן שמייכל ווינקט ער צו אים: „נו סרולטשע, ווייסט שוין דעם סוד פון קפיצת הדרך? טאָ קום מיט מיר." טוט דער בעש"ט אַ צי די הענט צו אים, פאַרשווינדט ער אָבער גלייך, און פון אַ ווינקל אַרויס הערט ער אַ האַרמאָניקע ציען. אַ האַרמאָניקע אין מויל פון אַ שיכורן פויער. שניידט זיך דער קלאַנג פון דער האַרמאָניקע צווישן די קנוילן רויך פון קרעטשמע און דערציילט פון גרוים צער און פיין פון אָרעמען פאָלק. קאַפּען טרערן פון בעש"טס אויגן. דערשרעקן זיך די תלמידים און בלייבן שטיין ווי פאַרשטיינערטע. זיי ווילן אים אָבער נישט איבערפרעגן.

* ספּאָדיק — אַ הויך האָריק היטל וואָס רבנים פלעגן טראָגן.

** שייטל עברי — אַביסל עברי, לייענען ווי געהעריק.

זיי זעען אז ס'זיינען שוין די לעצטע מינוטן. א נעפּל איבער זייערע אויגן, נאָר מיט אַלע כוחות האַלטן זיי זיך איין נישט צו צעכליפּען זיך.

פּלוצלינג האָט זיך דאָס שפּילן איבערגעריסן. פון דרויסן טראָגט זיך א געזאַנג פון פרייד. אויף א געפלאַכטענער שטול זיצט ער. ביי דער זייט שטייט אַלעקסי און פאַרקניפּט דאָס לעצטע ריטל פון דער שטול פון צווייגן. דאַכט זיך, ער הערט עפּעס. עמיץ רוימט אים אין אויער אריין מיט דער באָבע צביהס קול: „אומזיסט טאַנצן דען יידן, הא?" דרייט ער זיך אוים און דערזעט צווישן עולם א היימיש פּנים. ס'איז מאיר. דאַכט זיך ער בעט עפּעס. — „נעם מיך אויך מיט, סרולטשע!" ער קען אים אָבער נישט ענטפערן, ווייל דער ווייסער שניי בלענדט די אויגן און דער עולם א פּשוטער, מיט שיינענדיקע פּנימער, זינגט, הייבט אויף די פאַרפראַצעוועטע הענט און פלעכט זיי אין א ראָד. יום־טוב אויף אַלע זייטן, און דער עולם וויגט זיך, און איבער אַלעמען הערט זיך ר' דוד פּאַרקעס ניגון, אַזאַ דינער און לויטערער, און ער דרייט זיך אוים מיטן פּנים צום וואַלד און ווייסן באַרג: „בלייבט אין פרידן"—שעפּטשעט ער שטיל.

די תלמידים האָט זיך אויסגעוויזן אַז עפּעס האָט זיך א וואַקל געטאָן און פּלוצים שטיין געבליבן געפּלעפט און פאַרגאַפט. פּאָר גרויס אימה האָבן זיי די אויגן פאַרמאַכט און ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער בעש"ט גייט מיט געמאָסטענע טריט ארוים פון שטאָט. אַקעגן שטייט דער וואַלד אין שטילן פלאַטער. ביים אריינגאַנג פון וואַלד שטייט עמיץ מיט אָפענע אָרעמס און וואַרט אויף אים. די ווייסע האָר בלענדן קעגן דער אויפגייענדיקער זון. א מינוט שטייען זיי ביידע שטיל און קוקן זיך אָן, נעמען זיך דערנאָך אָן שווייגנדיק ביי די הענט און פאַרשווינדן אין וואַלד אריין, און איבער זיי צוויטשערט א כאָר פון פייגל.

— ווער זינגט אַזוי שיין?—האָט זיך דער בעש"ט א טרייסל געטאָן, און איידער נאָך מ'האָט אים געענטפערט, איז ער אויסגעגאַנגען אין פרידן.